# שריפטען

פון

## ליפמאַן=לעווין.

ערשטער באנד.



פערלאַגס=בוכהאַנדלונג
ז. ש. שרעבערק,
ווילנא.

ווילנא תר״ע.

Copiright 1909 by S. Sreberk. Washington U. S. A.

ШРИФТЕНЪ, ЛИПМАНА-ЛЕВИНА.

Набрано въ Тип. Л. Карпиновича. Жмудскій пер. д. 8.
Печатано въ Тип. И. I. Пирожникова. Завальная, 24.

# I.
# ייִדיש.

# II.
# צווישען צוויי וועלטען.

# יודיש.

פערשריבען פאר די
שפעטערדיגע דורות.

נעווידמעט מײַן פרוי.
גיטל ציפין-לעווין.

# אינהאלט:

נתן דער פאַקענטרעגער.
אַ גלות־יוד.
מאיר'קע סוד־באַראַן.
אַנ'אַמאָליגער.
בילדער.
די פאַמיליע אֶפרת.
גלות אָבגעריכט.
משיח.

# נתן דער פאקענטרעגער.

# נתן דער פאַקענטרעגער.

(ערצעהלונג).

נתן איז קליין, נידעריג און דאַר.

און יעדען פריה־מאָרגען, ווען דער מאָרגען־שטערען אויפ׳ן הימעל האָט ערשט אָבגעוואַרט די זון, צו בעגריסען איהר אין דעם נאָמען פון די נאַכטיגע שטערענס — האָט שוין דאַמאָלס נתן „נעגיל־וואַסער" אָבגעגאָסען, ברכות אָבגעזאָגט, און גענומען אָנצולאָדען אויף זיך זיין פאַק.

אויף אַ האָלצערנעם בײַנקיל, אין ווינקעל פון צימער, שטעהט אַ זאַק, האַרט אָנגעפילט מיט „סחורה": סדורים, תהלים׳ס, חומשים, משניות, ציצית און אַנדערע סחורות. דאָס העלדזיל פון זאַק איז נאָך פון נעכטען אָבענדס פערוואָרגען מיט אַ דין שטריקעלע און פערבונדען, די אונטערשטע ברעגען פונ׳ם זאַק זענען צוגעקניפּט צו צווײַ לעדערנע פאַסען, וועלכע ציהען זיך פון בײַדע זײַטען צו דער הויך און בײַם העלדזיל פעראייניגען זיי זיך. זיי דינען אַלס אַרעם־בענדער.

נתן געהט צו צום בײַנקיל, מיט דער פלײַצע צום פאַק שטעלט ער זיך אַוועק, ער גיט זיך עטוואָס אַ בײַג אַראָב און אַ קרים אין דער זײַט — און איין האַנד און די צווייטע קריכען אין די אַרעם־בענדער אַרײַן. אויפגעשטעלט זיך נור, און דער פאַק האָט שוין נתנ׳ן אַרומגעהאַלזט און אַרומגענומען, ווי איין פרײַנד דעם צווייטען נאָך אַ לאַנגען שיידען זיך...

באַלד הערט זיך דאָ עפּיס קלינגען. אין דעם האַלב פינסטערען צימעריל בלישטשעט עפּיס פון אַ דיקע קייט, וועלכע איז פון עטליכע קליינע קייטעליך צוזאַמענגעשטעלט. די קייט לאָזט זיך אַראָב אויף זײַן האַלדז, און אָן זײַנע אַקענס האַלט זיך עס אָב און וועגט זיך אַראָב פון פאָרענט אויף זײַן ברוסט. דאָס זענען פינף

גרויסע שנורען, אָנגעצויגענע מיט געלבע מעשענע אויער=לעפּעליך. נתן קאָן געווי ניט זאָגען, צי האָט ביי איהם ווער איינמאָל חאָטש איין אויער=לעפּעלע געקויפט—דאַכט זיך, ניט. אַ נייער מענש, איין אונבעקאַנטער פרעגט גראַדע אַמאָל צו וואָס דינט דאָס און וויפיעל קאָסט עס? נתן פוילט זיך ניט קיינמאָל צו ערקלערען די גרויסע נוטצען פון אַנ'אויער=לעפּעלע, און דער מקח פון דעם איז: דריי גראָשען אַ פּאָר; יענער, בעקומענדיג אַ גענוגענדיגען ענטפער, צו=קרימט זיך אונ קראַצט אָן אין קראַגען, וואָס עס הייסט, אַז קויפען האָט ער גאָר ניט געקלעהרט, נור אַזוי גלאַט געפרעגט האָט ער. דאָך גלויבט נתן, אַז דאָס איז אַ סחורה אונ דערצו אַ בּיליגע, וואָס פּאָדערט ניט פיעל אויסצולייגען אויף דעם, און ער טראָגט אויף זיך אַרום פון דעם „מין" גאַנצע פינף שנורען.—צוליעב דעם רופען איהם אַ טייל פון זיינע בעקאַנטע: „נתן מיט די אויער=לעפּעליך". אָנגעלאָדען מיט דעם אַלעם, נעמט ער נאָך אין דער האַנד די „חמשה=חומשי=תורה", דעם גרויסען פאָרמאַט פון דער ווילנער „אַלמנה"'ס דרוק, אין אַ בּיליגען בּונד מיט געלבע בעזעם=בלעטליך אויף די טאָפּלען, דאָס אַלעס טראָגט ער פון „אויבען=אויף" און אָפען, אַלס אַ שילד פון אַ מוכר=ספרים. דאַמאָלס טהוט ער זיך נאָך אַ ציה מיט אַ האַנד צו דער „מזוזה", אָנגעטאַפּט מיט די פינגער און זיי ערשט געקושט—מיט דעם געזעגענט ער זיך מיט'ן צימעריל בּיז דער נאַכט.

מיט שטילע און קליינע טריט געהט ער זיך זיין וועג. צי אַ שענער פריה=מאָרגען, צי, פערקעהרט, אַ דונקעלער, צי דער הימעל גלעט אונ קיצעלט די ערד מיט לייכטע פרישע ווינטעליך און שטראַהלען פון ליכט, צי ער גיעסט אויס און וואַרפט אויף איהר מיט שנעע און רעגען און יאָגט אַ ווינד נאָך אַ ווינד, אַלע מאָל אַ שטאַרקערען—דאָס אַלעס פערנעהמט ניט נתן'ס אויג און שטערט איהם ניט זיין גאַנג. ער ווייס, עס זענען איהם בעקאַנט אָ די אַלע „קונצען", דעם אויבערשטענס גבורות זענען זיי, וואָס לערנען איהם טאַקע, ניט פוי=לען זיך, און געהן, וואוהין מען דאַרף. גאָט, שלאָפט דאָך ניט, און טהוט דאָך זיינס, דאַרף ער, נתן, אויך טהון דאָס, וואָס צו איהם געהערט. צו אַ בית=המדרש שפּאַנט ער, צום ערשטען מנין נאָך זאָל ער קומען אַהין. אפשר נייטיגט זיך ווער אין ציצית,—גיט אַזוי די עשירות פון דעם פדיון, ווי דער שאָדען אַ יודען צולאָזען איין איב=ריגען טאָג מיט פּסול'ע ציצית אַרומגעהן... מען איז אין פרנסה פער=טראָגען, און ווען ער, נתן, זאָל ניט אונטערטראָגען, קאָן מען זיך אויף דעם, חלילה, פערגעסען ... און יעדען פריה=מאָרגען, געהענדיג אַזוי, טראַכט ער אַלץ איינע און דיזעלבע מחשבה אין הארץ: „דער

רבונו=של=עולם זעצט זיך אַוועק די תּפלות פּוג'ם מענשען צונעהמען, און דאָ וועט קומען איין אָבגעריסענער ייד, אָהן אַ ציצה, צי אַ „שלע= פּער" אָהן אַ סידור... מען דאַרף פריהער נאָך אונטערטראָגען, זאָל יעדערער בעקומען, וואָס איהם פעהלט אויס, אונ פאַר גאָט לייטיש וויזען זיך"... פון דער מחשבה שמייכעלט אין איהם דאָס האַרץ אי= נעווייניג. עפּיס פיהלט ער זיך אַ פערזאָרגער פאַר אַלעמען, ער פיהלט און שטאָלצירט מיט זיין ווייכער השגחה אויף גאָטס קנעכט... אָט וועט די זון אויפגעהן און אַלעמען צום דאַווענען וועקען, און ער, נתן, וועט שוין ביז דאַמאָלס פערזאָרגען וועמען.

מיט שטילע און קליינע טריט געהט ער זיך זיין וועג, אָבער מיט זיכערהייט און שמחה. וואָס מאַכט איהם אויס אַ שנעע, צי אַ רעגען, אַ ווינטעלע, צי אַ שטורעם? ער האָט זיך אויף זיין לעבען אַלע וועטערען אַנגעזעהן, אַלע אויף זיך אויסגעשטאַנען—וואָס מאַכט עס אויס? צי אַ זעלנער קוקט אויפ'ן וועטער, ווען איהם קומט אויס אויפ'ן וואַך צו געהן? —

אין בית=המדרש געקומען. דעם פּאַק האָט ער אויפגעבונדען און צו ערשט אויפ'ן טיש אַרויסגעלעגט ציצית, סדורים, תּהלים'ס. דאַמאָלס באָרגט ער ביי דעם שמש טלית און תּפלין און שטעלט זיך דאַווענען. די גאַנצע וואָך קומט איהם שוין אויס אין פרעמדע טלית און תּפלין צו דאַווענען: גאָט וועט מוחל זיין... נאָכ'ן דאַווענען ווערט אַ האַנדעל: איינער קויפט פיער פּאָדים, אַ צווייטער—אַכט און אַ דריטער — אַ גאַנצע „גאַנג" ציצית. עמיצער קויפט אַ סידור צי אַ תּהלים, און ווער עס בעשטעלט אַ היים צו ברענגען אַ חומש, איין „עשרים וארבעה" פאַר אַ חדר=יונגיל. נתן וועט שוין ניט פערגעסען, נאָך די מנינים טהוט זיך נתן ווידער אָן אין פּאַק, ער בעשליעסט אין דער מחשבה מאָרגען, אם=ירצה=השם, איין אַנדער בית= המדרש צו בעזוכען, דער איז שוין דערווייל פערזאָרגט, און ער געהט אין גאַס אַרויס. וואו אַ ייד וואוינט נור, אַהין קומט ער שוין אַריין, און פרעגט זיך נאָך, צי ברויכט מען ניט אַ ספר, אויף וואָבערן ניט ער, צו ביסליכווייז אויסצאָהלען.

---

— גוטען מאָרגען!

— גוטען יאָהר, רבי נתן! — מיר וואַרטען שוין אויף אייך... עפּיס אַנ' „אוישער=וואַרבע" (עשרים=וארבעה), זאָגט מיין יונגעל, דאַרף ער, איך זאָל אייך זאָגען, וואָסערע, געדענק איך גאָר ניט... זענט אַזוי גוט, ר' נתן, — צו כּרוך דעם געלבען אין חדר געהט אַריין, ער וועט אייך שוין זאָגען... ניט איהם דאָרטען, וואָס ער דאַרף...

נתן שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ.

— איך בין אייך נאָך שולדיג...

— דרייסיג קאָפּיקעס, — זאָגט נתן, מיט אַ שטילען טאָן און אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ ווי ער זאָל זאָגען, אַז וועגען דעם איז גאָר ניט כּדאַי צו ריידען.

— היינט האָב איך ניט, — געפינט דאַמאָלס באַשע מוטה צו מודה זיין זיך, נור דאָך פיהלט זיך אַ טיעפער פערדרוס אין איהר קול,—היינטיגע וואָך דעם וואָכער וועל איך שוין מוזען איבערהיפּען... נאָך שבת, אם־ירצה השם, וועל איך אייך פאַר צוויי וואָכען איינ־צאָהלען, צוואַנציג קאָפּיקעס.

— נו... מאַכט נתן,—ווען גאָט גיט, אַבי נור מען זאָל וועלען בעצאָהלען...

— זאָל נור דער רבונו־של־עולם אַזוי צושיקען!—שווערט זיך דאָס ווייבּיל.

— איך וויים,—זאָגט נתן קורץ, און באַלד הערט זיך אַ שטילער זיפץ פון זיין ברוסט אַרוים.

דעם פּאַק וואַרפט ער פון זיך אַראָב.

— מען דאַרף עפּים צובייסען דאָ ביי אייך,— זאָגט ער.

— צוויי קיכלעך נעהמען פאַר אייך,— זאָגט באַשע און געהט אַרוים פון שטוב, און באַלד ברענגט זי דאָס פון אַ קרעמיל. זי וויים שוין נתנ'ס „פּאָרציע", דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל.

נתן וואַשט זיך און מאַכט נור „המוציא" איבער איהר'ם אַ שטיקעל ברויט, ווארום אויף אַ קיכעל איז ניט כּדאַי „המוציא" צו מאַכען...

— בעצאָהלען אייך איצט די צוויי קאָפּיקעס? — פרעגט ער: אפשר דאַרפט איהר...

— ניין, זאָגט באַשע,— איך האָב דאָס אין קרעמיל געבאָרגט.

— וועט מיר יעצט פון אייך אַרויסקומען אַכט־און־צוואַנציג קאָפּיקעס,— מאַכט ער דעם חשבון.

דאָס ווייבּיל פלעכט איבער די הענד, שאָקעלט מיט דעם קאָפּ הין און הער און די אויגען דרייהען זיך ביי איהר אַרום, זי איז עפּים איינעווייניג פערטראָגען. ענדליך זאָגט זי אַרוים:

— קומען... אַז גאָט זאָל מיר נור העלפען אייך צו בעצאָהלען. האָב איך ביי אייך נויטיג בעדאַרפט נעהמען אַ ספר אויף „עברי־דייטש"... היינטיגען שבת בין איך ביי שאָשע חיים־נחומ'ס געזעסען, האָט איהר מאַן פון דאָרט געלייענט וועגען דער מדה פון הכנעה...

— איך וויים, — זאָגט נתן, — אַ „קב־הישר" מיינט איהר; זי האָט דאָס אויך ביי מיר גענומען. נו... נאָך שבת, אם־ירצה־השם, וועל איך אייך אויך ברענגען...

— מײַן פּערמעג איז ניט אַזוי פּיעל, וואָס אײַך וועט דאַמאָלס פון מיר אַרויסקומען, — זאָגט באַשע פרעהליך; די האָפנונג, אַז זי וועט באַלד איין אייגענעם „קב-הישר" האָבען צום לייענען, מאַכט איהר פרעהליך, און דער געדאַנק, אַז מען געטרויט איהר, נתן גע-טרויט איהר, דאָס מאַכט איהר נאָך פרעהליכער און גליקליך. איהר פּנים פאַרבט זיך רויט...

— גאָט וועט העלפען! — מונטערט ווידער נתן.

— אַי, רבי נתן! — חאַפּט זיך אָן דאָס ווײַביל: איהר זאָגט אַלץ: גאָט וועט העלפען — וואו איז דאָס שוין אָבער?...

וואו איז דאָס? ציהט נתן מיט די פּלייצעס און וואונדערט זיך אויף דער פראַגע, — וואָס קאָנען מיר, מענשעליך, פרעגען, וואו דאָס איז? אפשר איז דאָס שוין דאָ?!. מיר לעבען דאָך, הייסט דאָס, אַז גאָט האָט געהאָלפען... וועלען מיר ווײַטער לעבען, וועט ער ווײַטער העלפען...

— אָבער די פּרנסה!.. שרײַט אויס באַשע און צובּרעגט זיך אין אַ כּווּח — אָט זאָגט מען מיר, אַז מײַן שמואל'קע, זאָל געזונד זײַן, לערענט גוט, וואָלט איך וועלען צו אַ גרעסערען מלמד איהם אָבגעבען — וואו נעהמט מען די הצטרכות אויף דעם?

— ע-ע, — מאַכט נתן געלאַסען: גיט איהם טאַקע אָב צו אַ גמרא-מלמד, אונ זאָל ער לערנען. גמרות וועל איך אײַך ברענגען— איינע, די צווייטע, די דריטע, דאָס יונגיל וועט אַ למדן ווערען, און איהר וועט שוין מיר מיט גאָט'ס הילף בעצאָהלען... נאָך פינף קאָ-פּיקעס אַ וואָך: ווי שווער איז דאָס? איצט צאָהלט איהר מיר צעהן קאָפּיקעס אַ וואָך, און דאַמאָלס וועט איהר פונפצעהן קאָפּיקעס צאָה-לען... גאָט וועט העלפען... און זאָל פון מײַנע ספרים נאָך אַ למדן אויסוואַקסען... וואָס אַרט דאָס אײַך? איך האָב שוין אַזוי אַ סך לומדים אויסגעהאָדעוועט, פון אַנ'אַלף-בית ביז „אַ גרויסע" גמרא, און די מאַמעס זייערע האָבען מיר אַלע מיט גאָט'ס הילף, בעצאָהלט...

אַ פּאָר מינוט שווייגט ער און קנייטשט זײַן מאָגער פּנים, אין די קליינע אויגען שײַנט אַ פּײַער'ל, באַלד צוגיעסט זיך אַ זיסער שמייכעל אויף זײַן געזיכט.

— ווער וועט דאָס פּאַר ספרים ניט בעצאָהלען? פאַר ספרים, וואָס קינדער לערנען, און לערנען אויס פון זיי, ווי גוט און פרום צו זײַן... ניטאָ קיין חובות אויף דער תורה... די גאַנצע עשירות נעהמט זיך פון איהר,—זאָל דאָס אויף איהר עפּיס פערפאַלען ווערען?!..

ניין! די תורה, האָט אַ בעל-יכולת אַ טאַטען — דעם רבונו-של-עולם, ער וועט שוין אַלע חובות, וואָס אויף איהר, סלק'ן...

באַשע האָט איהם מיט אַ טיעפען פערגעהם אויסגעהערט, ענדליך האָט זי אַ טיעפען בליק געוואָרפען אויף דער קליינער מאָ־גערער פיגור און אויף'ן רוהיגען גליקליכען פנים מיט די קליינע גלענצענדע אויגען. אַ מחשבה איז איהר דורכגעפלויגען: „אָט זיצט זיך אַ קליין יודעלע ביי דער אָרימער באַשע'ן אין שטוב, חאַפּענדיג, אין גאַנג, בייסט ער איבער אַ צווייַ קיכלעך, און האָט אפשר אַזוינע גוטע מעשים, ווי דער גרעסטער צדיק"...

זי האָט עפּיס אויסגעזיפצט פון האַרץ.

— איך, רבי נתן, ווערט שוין גאָט בעצאָהלען: פאַר זיין תורה זענט איהר ביי איהם אַ סך ווערטה... זאָגט זי אַרויס מיט שמחה, וואָס זי האָט פערמאָגט מיט אַ גוטען וואָרט מהנה זיין רבי נתנ'ן, און פערגלאָצט פרום די אויגען.

— ננו... מאַכט ער. ער פערשווייגט דאָס, ווענען דעם רעדט ער ניט: ער שעמט זיך אפילו איגעווענינג. אין דער מחשבה וויל ער קיינמאָל קיין חשבונות מיט גאָט ניט מאַכען ווענען זיין לוין.

— ניין, — טענה'ט באַשע: איהר מאַכט שטופּט אונז צו צו אַ מצוה... אין שטוב טראָגט איהר אַריין...

— ע־ע... מאַכט נתן, — וואָס איז? איך גיב, און ער דאַרף פאַר דעם צאָהלען... אָהן געלד גיב איך א י ה ם דאָך ניט: פאַר זיין תורה, דאַרף ער סלק'ן...

און אַ ליעבער שמייכעל בעווייזט זיך אויף זיינע דאַרע ליפּען.

און נתן האָט שוין נאָכ'ן עסען געבענשט, ער האָט זיך אויפ־געשטעלט און ער טהוט זיך עטוואָס אַ בויג אַראָב און אַ קרים אין דער זייט—און דער פּאַק נעהמט איהם ווידער אַרום, ווי איין אמת'ן גוטען פריינד...

— צו ברוך דעם געלבין אין חדר — זאָגט ער הויך אַרוים,— און אַ קבל־הישר ברענגען... אַ גוטען טאָג!

— אַ גוטען טאָג! — אַ גוטען יאָהר! — געהט געזונד! זאָגט באַשע מיט אהבה: צו דער קומענדיגער וואָך, אם־ירצה־השם, וועל איך פאַר אייך צוויי וואָכער'ן שוין אָנגרייטען...

מיט שטילע און קליינע טריט געהט נתן זיין וועג.

אונטער'ן פּאַק געבויגען, זעהט ער אוים נאָך קלענער, ווי ער איז; פּאַמעלעך איבער דער גאַס רוקט זיך דער פאַק מיט אַ גרויסען חומש, מיט געלבע בעזעם־בלעטליך אויף די טאָוולען, פּאָראוים אַרויסגעשטעקט... אַמאָל בלישטשען אַרוים די אויער־לעפּעלעך, אַמאָל קליינגען זיי — נתן הערט ניט און בעמערקט נישט: דאָס איז נור אַ ס ח ו ר ה, אונ אַ בולינע... ער איז אין דעם געדאַנק פערטהון צו־

דערמאָנען זיך און אײַנחזר'ן, וואָס פֿאַר אַ ספר ער האָט וועמען אויף הײַנט פֿערשפּראָכען.

---

— גוטען מאָרגען!

— גוטען יאָהר, רבּי נתן! זיצט, קינדער, גיט אַ בּענקיל!

די קינדער, בּרוך דעם געלבּענס תּלמידים, שטויסען זיך איינער איבּער דעם צווייטען אַ בּענקיל רב נתנ'ן צו דערלאַנגען. ראשית זעצט ר' נתן אַוועק זיין פּאַק אויפ'ן בּענקיל, און קריכט אַרויס פֿון די אָרעם־בּענדער, נאָכדעם זעצט ער זיך צו אויף אַ מינוט, און זיפֿצט נור אַרויס זיין שווערען אָטהעם, און שטעלט זיך בּאַלד אויף, דעם פּאַק אויפצובּינדען. די קינדער רינגלען איהם אַרום, און וואַרטען מיט אונגעדולדיגקייט צו דערזעהען „רבּי נתנ'ס" ספרים — נייענקע ספרים, ערשט פֿון פּאַק אַרויס...

— וואָס לערענט בּיי אייך באַשעם יונגעל? פֿרעגט נתן בּיי דעם מלמד.

— „מלכים" האָט ער אָנגעהויבּען.

שמואל'קע אַ לעבּעדיג יונגעלע מיט שענע שוואַרצע אויגעלעך רוקט זיך אַרויס בּיי די רעד פֿון די איבּעריגע קינדער, און זיין פּנים ווערט וואָס אַ מאָהל היציגער.

נתן בּעקומט פֿון פּאַק אַ קליין ספר'ל מיט שוואַרצע סאַרזשענע טאָפּלען, ער דערקענט בּאַלד שמואל'קען און גיט דאָס איהם אָב.

—נאַ — די מאַמע האָט בּעשטעלט... נור גוט לערנען!... לערען גוט, וועל איך דיר אַ גמרא אויך בּרענגען...

בּיי שמואל'קען ציטער'ן די הענד, נעהמענדיג דעם ספר, עפּים פֿיהלט ער נאָך, דאַכט זיך, דעם ריח פֿון פֿרישען בּונד, און דאָס קנייטשערייַ פֿון די נאָך ריינע, ציכטיגע בּלעטער, און דער „בּראָם" פֿון דעם נייען „רוקען" טהוט איהם בּיי דער נשמה אַ ציה— און אַ גלעט... צוויי גרויסע טרעהרען אין די אויגען שטעלען זיך איהם אַוועק... נור אַ פּאָרע ווערטער, פֿון אָפּענעם מויל אַרויס אָנשטאָדט ווערטער, פֿאַר זיין אונערוואַרטעטען גליק.

די איבּעריגע קינדער דרעהען זיך אַרום ר' נתנ'ן מיט אַמאָדנע קלעמעניש אין האַרץ...

איינער נעהמט אַ ספר אין האַנד; עפּענט איהם און גלעט מיט אַ פֿינגער דאָס גלאַטקייט פֿון אַ בּלאַט, צו ער רייבּט מיט אַ נאָגעל עפּים אַ קניפּעלע אויף די סאַרזשע פֿון די טאָפּלען, — און דאָס פֿערנעהמט איהם אַזוי פֿיעל, און ער פֿיהלט אַדאַנקבּאַרקייט „רבּ נתנ'ן" פֿאַר זיינע נייע ספרים און פֿאַר זיין גוטסקייט, וואָס ער לאָזט

אָנקוקען זיך און שפּיעלען אַביסעל מיט זײַנע ספרים. אַ צווייטער טאַפּט און קירעוועט אין דער האַנד אַנ'אויער־לעפּעלע פון די שנורען, בײַ „רב נתנ'ן“ אופ'ן האַלז, און קען זיך גאָר ניט אָנזעטען און צושיידען זיך מיט דעם. דערבײַ גלויבט ער אין דער מחשבה, אַז „רב נתן“ דאַרף געוויס די אויער־לעפּעלעך, און דוקא אויפ'ן האַלז טראָגען, צוליעב וואָס? ווייס ער ניט: ער איז נאָך אַ קליין יונגעל...

אַ דריטער קוקט גלאַט אין די אויגען אַרײַן „רב נתנ'ן“ און קלעהרט דאַמאָלסט משונה'דיגע מחשבות וועגען דעם דאָזיגען קליינעם יודעלע און זײַן פּאַק. ער קלעהרט — ער טהוט אַ ציטער פון דער מחשבה... „ער איז משיח...“ אין די אויגעלעך פלאַמט אויף אַ שרעקליכעם פײַער'ל...

„משיח איז אין אַקייט געשמיעדט. און „רב נתן“ טראָגט זי אויפ'ן האַלז... די פערשטעלטע קייט“... דאָס יונגעלע ווערט בלאַס בײַ דער מחשבה, און בעשליעסט מעהר ניט אַרויסצורעדען: „נתן מיט די שטיפּטעס“ אַפילו אונטער די אויגען... נור שטענדיג אָנרופען איהם: „רב נתן“ — אַפילו אין דער מחשבה...

— וואָס האָט איהר זיך דאָ אַרומגעשטעלט? — בייזערט זיך דער רבי.

די קינדער בעשליעסען מיט אַנגסט אין האַרץ, אַז דער רבי איז בייזער און ערגער פון „רב נתנ'ן“.

— צו קאָן מען בײַ אײַך ניט בעקומען דעם „יערות־דבש“? פרעגט ברוך אין אַ פּאָר מינוט אַרום.

— יאָ — איך קאָן אײַך מאָרגען ברענגען. מיט זיך האָב איך ניט אַזוינע „אַנטיקען“... אין פּאַק האָב איך נור די זאַכען, וועלכע אַלע ברויכען. ברויט טראָג איך אַרום, ברויט מיט זאַלץ... אָבער אַ „יערות־דבש“ — דאָס איז שוין אַ נאַשערײַ פאַר וועמען גאָט העלפט: דאָס דאַרף מען שוין בײַ מיר פּאָראויס בעשטעלען...

— רב נתן, געהט אַרײַן צו אונז אין קראָם, וועט מען בײַ אײַך אַ חומש קויפען פאַר מיר, — איהר פרעגט לאָה די שוואַרצע... זאָגט אַ יונגעלע און בײַ די לעצטע ווערטער ווערט ער רויט.

— איך ווייס, — זאָגט נתן, — זי האָט בײַ מיר אַ תהלים פאַר דיר געקויפט.

— יאָ, יאָ, — שרײַט דאָס יונגעלע, און לויפט צום טיש, נעהמען פון דאָרטען דעם תהלים און ווײַזען. נאָך יונגעלעך שרײַען אויך:

„מיר קויפען אויך בײַ אײַך: מײַן טאַטען רופט מען שלום“...

„מײַן טאַטען שלמה־לייב — די מאַמע האָט בײַ אײַך געקויפט...“

נור דער רבי שרייט אויף זיי אָן, און לאָזט זיי ניט אויסריהמען זיך מיט זייער מחותנ'שאַפט מיט „רב נתנ'ן".

— זיי קאָנען אייך, די קינדער, — מאַכט דער רבי.

— אַ קינד פון דריי יאָהר קאָן מיך שוין: איך ברענג איהם אַיין „אַלף-בית"... צו ער געהט אין חדר, צו ניט — נאַ, שפּיעל מיט דעם... דאָס ערשטע בּיסעלע חיות טראָג איך אונטער...

— וועט איהר שכר האָבען,—מאַכט דער מלמד, און איז מקנא די טיעפע אמונה, וואָס ער פיהלט אין נתנ'ס רייד און אין זיינע מעשים; ער קלערט, אַז נתן טהוט מעהר און ערנסטער פון איהם פאַר דער תורה, און ער קאָן דאָס ניט גלייכגילטיג פערטראָגען, און ער ערגערט זיך.

— איהר זענט טאַקי מרבה תורה בּישראל, איהר,—זאָגט דער מלמד, און וויל איהם אַ שטאָך טהון מיט'ן אויסגעדריקטען „איהר". נור נתן פיהלט ניט, און זאָגט פשוט אַרויס:

איך אויך אַבּיסיל... אַ דאַנק גאָט! — מיט צוואַנציג יאָהר צו-ריק, אַז מיין ווייב, עליה-השלום, איז געשטאָרבען, בּאַלד נאָך מיין טאָכטערס חתונה, בּין איך אַהער אין שטאָדט אַריינגעפאָהרען, און דאָ מיט דעם פּאַק אָנגעהויבּען אַרומצוגעהן. דאַמאָלס זיינען נאָך אַ סך הייזער אָהן ספרים געווען: וואוהין איך קום אַריין, איז וויסט און לעהר, אַ בלעטיל ניטאָ, אַ סכּנה! אַ שטוב אָהן אַ ספר, איז, ווי אָהן פענסטער... ווי לעבּט מען גאָר אין אַזאַ קבר?...

פאַר די צוואַנציג יאָהר איז שוין, גאָט צו דאַנקען, אַנדערש געוואָרען: אַ שטוב אָהן אַ ספר וועט איהר שוין אין מיינע גאַסען ניט געפינען... און איך האָב הייזער וואו איך האָב מיט גאָט'ס הילף צו גאַנצע פּאָליצעס מיט ספרים אָנגעשטעלט... איצט איז שוין אוים סכּנה...

— מען דאַרף געהן — זאָגט ער — שוין אָבגערוהט...

---

און נתן געהט ווידער אין וועג מיט דעם פּאַק אָנגעלאָדען. רוהיג און זיכער געהט ער זיין וועג. פון שטוב צו שטוב, פון גאַס צו גאַס — און ער פערזאָרגט אַ יודען מיט אַ ספר.

---

בּיי נאַכט. „נתן מיט די שטיפטעס", מיט'ן פּאַק אויף די פּלייצעס געהט זיך אין דער שטיל אַהיים. ווינטען און רעגען צווינגען איהם ניט צו איילען אין זיין גאַנג: איבּעריגנס וועט ער ניט אָניאָגען, און די היים איז דאָך ניט ווייט, און בּכלל איז דאָך אַלץ איינס, צו פריי-הער, צו שפּעטער, מעהר אָדער ווייניגער; — וואָס עס דאַרף זיין, וועט

זײַן... אַזאַ מחשבה האָט נתן שטענדיג. אַהײם קומענדיג צו דער טאָכטער אין צימער׳ל, דאַמאָלס ערשט עסט ער זײַן „מיטאָג”. נאָכדעם גרײַט ער צו זײַן פּאַק אויף מאָרגען, ער פּרישט איהם אונטער מיט סחורה, וואָס האָט פאַר דעם טאָג אויסגעפעהלט. ווען ער ווערט מיט דעם אַלעמען פערטיג און אין שטוב די אײניקלעך שלאָפען שוין, עפענט ער אַ ספר און קוקט אַרײַן. ער קלײַבט אויס פון די „נײַע אַנטיקען”, צו בּעקענען זיך מיט זײ. פאַר אַזאַ „נײַען אַנטיק” האָט ער גערעכענט דעם „ספר=הרפואות” פון רמב״ם.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג — און יאָהרען לאַנגע זענען אַזוי אַוועק.

אַמאָל האָט זיך דער מאָרגען=שטערען אויף בער זון שוין דערוואַרט, בּעגריסט איהר און איז רוהען אַוועק — און נתן איז אין שטוב פערבּליבּען. די זון איז פערגאַנגען, און אויף מאָרגען אויפגעגאַנגען, און ווידער פערגאַנגען, און אויפ׳ן דריטען טאָג האָט זי נאָך העלער און גלענצענדער אַרויסגעקוקט — און נתן איז אַלץ פון שטוב ניט אַרויס. מען האָט גערעכענט, אַז ער איז קראַנק. נחמן דער פעלדשער איז אַרײַנגעקומען און האָט עס אָנגענומען פאַר אַ לונגען=ענטצינדונג פון אַ צוקיהלען זיך, אָבער נתן האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ בּלויזער טעות — די קרײַנק מיט׳ן לונגען צוזאַמען... דאָס איז נור „די צײַט” געקומען...

— אָבּגעדיענט מײַן צײַט — געגוג... איצט געה איך פרײַ אַהײם...

ער האָט נאָכ׳ן רבּי׳ן פון דעם נאָהענטען בּית=המדרש געשיקט...

עס איז אַרײַנגעקומען אַ הויכער יוד מיט אַ לאַנגען גראָהען בּאָרד, דער רבּי, וואָס לערענט משניות אַלע פריה=מאָרגען און עין=יעקב בּין מנחה=למעריב. נתנ׳ס אײדעם, אַ שוואַרצער יוד מיט אַ שרעקליך געדיכטען בּאָרד, מיט אַ פולען לאַץ מיט נאָדלען אָנגעשטעקט, מיט אָנגעדרעהטע און אַראָבּגעהאַנגענע פּאָדים, װײַסע און שוואַרצע; — דער אײדעם האָט פאַר׳ן רבּי׳ן אַ בּענקיל געשטעלט נעבען נתנ׳ס בּאַנקבּעטיל. אויפ׳ן לאַנגען בּאַנק, אויף אַ שטרויענעם זאַק און אַ דינעם קישעלע אין אַ בּרודיגען ציכעל איז נתן געלעגען, בּיז׳ן בּרוסט צוגעדעקט מיט זײַן ווינטערדיגען מאַנטעל פון זעלנער=געוואַנט, אָהן אַיין אונטער=דעק, מיט אַ בּרײַטען קאָלנער. די שפּיצעכדיגע יאַרמאָלקע האָט זיך פון זײַן קאָפּ אויפגעהויבּען און איז העכער אויפ׳ן קישעלע ליגען געבּליבּען, און די שיטערע גראָהע האָר, נאַסע, צוזאַמענגעקלעבּטע האָבּען זיך פּאַסען=ווײַז צולעגט. דער בּרײַטער שטערען האָט אין זײַנע טיפע קנײַטשען די טראָפּענס שווײס בּעהאַלטען, און דער מאָגערער פּנים האָט רוהיג אויסגעקוקט, גלענצענד פון אַ אינעווייניגסטער גליק=

ליכער מחשבה. נתן האָט אַ מינוט צוגעקוקט די פּאַסען-ליכט, וואָס האָבען זיך געגענאיבער אויף דער פּאָדלאָגע צולעגט און אַלע מאָל געציטערט פון די העלע זון-שטראַהלען, וואָס האָבען אַריינגעשמיסען אין צימער אַריין דורך די קליינע טאָפּליעס פון׳ם איינציגען פענסטער׳ל. באַלד האָט ער זיין בליק אויף דער טאָכטער אַריבערגעטראָגען, אַ קורצע און אַ ברייטליכע יודענע, וואָס איז אין ווינקעל נעבען טיהר טרויעריג געשטאַנען, און זיין אויסדרוק איז דערזעלבער פערבליבען, אין די אויגען האָט עפּיס געפינקעלט.

— רבי — זאָגט ער, — מען דאַרף מיינע ספרים צוטיילען...

— נו... מאַכט דער רבי, — נור איהר קאָנט נאָך לעבען: איהר דינט געטריי דעם, וואָס לעבט אייביג... איהר זענט אַ יודען מיט אַ ספר מהנה...

— אָבער מען האָט מיך שוין „אַהין" גערופען... איך האָב שוין מיין צייט אָבגעדינט... ער האָט שוין געוויס אַ בעסערן אויף מיין אָרט... אפשר דאַרף מען שוין אַנדערע ספרים, אַ נ ד ע ר ע...

— די תורה בלייבט אַלע מאָל די זעלבע, — האָט דער רבי שטאַרק פּראָטעסטירט. עפּיס האָט זיך איהם אַ מאָדנער רמז אין נתנ׳ס רייד געהערט, אַ רמז ניט נאָך זיין מיינונג און רצון...

— די תורה... מאַכט נתן, — אין מיינע צייטען האָב איך געזעהן אַ ספר אַריינגעבען, וואו איך האָב נור געקאָנט... איצט וועט אַנ׳אַנדער פּאַקען-טראָגער זיינע ספרים אַיינטיילען. מיין צייט איז שוין אויס, האָט ער שוואַך מיט בלאַסע ליפּען אַרויסגעזאָגט.

אַ שטיל-שווייגעניש האָט אין צימער געהערשט, און עפּיס אַ דונקעלער טרויער האָט די וועגד און די סטעליע געדעקט, ווי מיט שוואַרצען בעהאַנגען די צייט, וואָס איז שוין אויס.

— רבי, צוטיילט מיינע איבעריגע ספרים, — האָט ער ווידער אָנגעהויבען. — תכריכים האָב איך אָנגעגרייטע, אונטער מיין קישען ליגט אַ בייטעלע מיט אַביסיל געלד: פאַר אַנ׳אָברוה אויפ׳ן „היילינען אָרט" בעצאָהלט, און דאָס איבעריגע — מיין טאָכטער ניט אָב... די לעצטע מתנה דעם טאַטענס...

— און די ספרים... די קינדער, וואָס וועלען נאָך מיר תהלים זאָגען, צוטיילט זיי יעדערען אַ סדור מיט אַ תהלים. די איבעריגע, און די חומשים ניט אַוועק אין תלמוד-תורה, פאַר אָרימע קינדער... די גרעסערע ספרים נעהמט צו פאַר דעם בית-המדרש...

— אַ מדרש תנחומא האָב איך אַ גוטען און אַ פּאָר דרוש-ספרים: דאָס נעהמט פאַר אייך, רבי... געדענקט דאָס, רבי, צוטיילט דאָס אַזוי...

די טאָכטער האָט צוויי גרויסע טרעהרען אַרויסגעלאָזט, ניט אויף איהר שטאַרבענדען פאָטער, נור אויף איהר פרומען פאָטער.

— מיינע קינדער וועלען שוין ניט זיין, ווי מיין טאַטע... האָט זי הויך געחליפּעט.

— רבי,—האָט נתן ווידער געזאָגט: איך האָב גאָר פערגעסען— ביינישען אין סקלאַד פון ספרים בין איך נאָך אַ רובעל מיט צוואַנציג קאָפּיקעס שולדיג געבליבען — צאָהלט איהם אויס פון מיינע געלד, און דאָס איבעריגע וועט איהר מיין טאָכטער אָבגעבען... מיר איז קיינער ניט שולדיג... ניטאָ פון וועמען צו מאָהנען... במחילה גמורא בין איך אַלעמען מוחל — זיי וועלען דאָס געוויס אויף צדקה צוטיילען... ניטאָ ביי מיר קיין חובות אויף דער תורה...

— רבי, נאָך אַמאָל: מיינע ספרים צוטיילט, ווי איך בעט אייך... מיין איידעם דאַרף ניט קיין איבעריגע ספרים... נויטיגע האָב איך איהם געגעבען...

דער איידעם האָט אַ טראַכט געטהון, אַז דער שווער טהוט מיט אַ זינן: אַזוי איז מעהר „תכלית", ווי פערקויפען זיי נאָך זיין טוידט... קיין עשירות וועט פון דעם ניט זיין...

— מיין פּאַק מיט די רימען־פּאַסען וואָלט איך אַן׳אַנדער פּאַקען־טרעגער אַוועקגעשענקט, ווען ער זאָל דאָ זיין...

און נתן האָט אַ גליקליכען שמייכיל געטהון—אַ לעצטען שמייכיל.

צו מאָרגען איז ער געשטאָרבען, און זיין אָרט אויף דער וועלט איבערגעלאָזט פאַר אַן׳אַנדער פּאַקען־טרעגער מיט אַנדערע ספרים.

# אַגָּלוּת־יוּד.

# אַ גָלות־יוד.

(ערצעהלונג).

I.

ר׳ יודאָ דער אַלטער איז אַ יוד מיט אַ הדרת־פּנים.

ער האָט אַ הויכען ווייסען שטערען מיט בּולט׳ע שלייפען, אַ שענע נאָז, אַ לאַנגע און אַ שמאָלע, קיילעכדיגע ראָזעווע באַקען, אַרומגעקרייזטע מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד — זיין כּכבוד׳יגער עדות אויף זיין עלטער... די ווייסע, דינע און ווייכע האָר זיינען מזהיר: „אָהן עזות, יונגאַטשעס! ר׳ יודאָ האָט לאַנג געלעבט און שוין געלעבט! אַלע האָר פון זיין באָרד האָבען זוכה געווען ווייס צו ווערען, זוי די ווייסע טייבעליך... בּעריהמען וועט איהר זיך נאָך, אַז איהר וועט אויך אַזוי די וועלט אויספיהרען“...

נור די אויגען זענען ביי ר׳ יודאָ׳ן שוואַכע, די ברעהמען — רויטע; צי רויך, צי שטויב — ווער ווייס, וואָס עס האָט זיי געשאַדט? — און ר׳ יודאָ מוז צומאַכען עטוואָס די אויגען ביי אַ שטאַרקער ליכט... געוועהנליך טהוט ער דערביי אַ שמייכעל און זאָגט:

— דער לעבּעדיגער, כּביכול, זשאַלעוועט ניט קיין ליכט...

— איז וואָס מאַכט איהר צו די אויגען? —

— קינדערליך, איך האָב ליעב די ליכט, די מתנה פון דעם לעבּעדיגען, כּביכול, נור מיין פינסטערע דירה האָט מיך אָבגעוועהנט פון דעם, און דערצו האָב איך היינט שלעכט געשלאָפען, ניט פאַר קיין מענשען געדאַכט...

און עפּיס אַ פערדרוס פערשפּרייט זיך אויף זיין פּנים, וואָס צוליעב זיין פינסטערער דירה און זיין שלעכטען אָברוה היינט דאַרף ער זיך אָבקעהרען פון דעם לעבּעדיגענס מתנה.

ר׳ יודאָ דער אַלטער איז נאָך אַ געזונדטער יוד, זעהט אויס פריש און מוטהיג, ער האָט אַ שטאַרקען טראָט און איז גאָר ניט

אײַנגעבוירגען, לויט זײַנע יאָהרען. ר׳ יודאָ רויכערט ניט און שמעקט ניט קײַן טאַבאַק, חאָטש ער איז אַ יודע־ספר, און זײַן הלוך איז אַ ציכטיגער, ער איז שטענדיג ריין געקלײדעט—זײַן סאַמעטענער הוט, זײַן שפּיצעכדיגע יאַרמולקע און זײַן שוואַרצער סורדוק זעהען אויס שטענדיג שבת׳דיג: אַנ׳אָפּטער גאַסט און פאָרט אַ גאַסט...

— אַ יוד איז קײַן שכּור ניט—זאָגט ר׳ יודאָ,—אין קײַט וועל־גערט ער זיך ניט, דאַרף ער זײַן ריין... אויף זײַן טלית מיט דער עטרה געפינט זיך ניט קײַן איבריגער קנײטש, און דער טלית זעהט אויס אַלע מאָל געשפּיגעלט.

— דאָס האָט אונז דער לעבעדיגער, כּביכול, אַ מונדיר געגעבען, דאַרפען מיר דאָס אָבהיטען... און ר׳ יודאָ היט מאָדנע אָב אַלץ, וואָס איז שייך צום מונדיר: ער פערמאָגט צווײ פּאָר תפלין—רש״י׳ס און רבינו ת״ם׳ס — ביידע פון „עור־אחד״, ביידע אין בעזונדערע תפלין־זעקליך פון שוואַרצען שליאַק: ער האָט שוין געזוכט און בעקומען ביי בעריל שנײַדער אַ „אמת׳ן גוטען שליאַק״. עס איז ביי איהם אַלעס געקינצעלט, ווי ביי אַ יונגיל, וואָס איז ערשט „בר־מצוה״ געוואָרען,— זײַן געדאַנק און געפיהל לעגט ער אַוועק אַלע טאָג אין דעם, אַז די רצועה זאָל זײַן מהודר׳דיג אַרומגעדרעהט אויפ׳ן האַנד: צו דעם האָט ער אַ ליעבשאַפט און אין דעם איז זײַן גאוה:

— אָט זעהט איהר, ווי אַ רצועה דאַרף ליגען! אויסגעלעגט, ווי אַ סטענגע, ניט אָנגעדרעהט, ווי אַ שטריק...

ר׳ יודאָ האָט ליעב אַ סדר אין שטוב, עס זאָל זײַן אויפגעראַמט און אַלץ זאָל אויפ׳ן אָרט זײַן אַוועקגעשטעלט. זײַן אַלטיטשקע חוה, אָדער „יודאָ׳כע״, ווי מען רופט זי אין גאַס, פיהרט די שטוב אמת בעל־הבתיש—און ר׳ יודאָ העלפט אויך צו. ער איז אַ בעל־הבית אין אַ שטוב, ניט אַיין אורח: ער זעהט צו און פערהיט. וואָרום בטבע האָט ר׳ יודאָ ליעב די היים, דאָס שטובּיגע לעבען, און איז מיט דעם שטאַרק פערנומען; ווידער אויך, האָט ער „יודאָ׳כען״ ליעב און העלפט איהר, כּדי צו פערהיטען איהר דעם געזונד. עס זענען דאָ נאָך פיעל טעמים, פאַר וואָס ר׳ יודאָ חאַפּט זיך אַזוי צו אַ שטובּיגער אַרבייט. ער, למשל, טראָגט אַרויס פון שטוב אַביסעל מיסט אין זײַנע אייגענע הויפּענס, און גיסט אַרויס אַביסעל אומרײַן וואַסער,— כּדי ער זאָל קאָנען אַ „יודיש וואָרט״ זאָגען אין שטוב... ער שיט אָן פאַר כּפּרה־היהנער אַביסיל קערנער, וואָרום עס איז דאָך אַ צער־בעלי־חיים: גע־נוג טאַקי, וואָס זיי ליידען נעביך, פאַר דעם מענשענס חטאים... אַז זיי זעטיגען זיך אָן, און לאָזען איבער אַ פּאָר קערנער אויפ׳ן פּאָדלאָגע, פערקאַשערט ר׳ יודאָ די פּאָלעס פון סורדוק, ער זעצט זיך אויף די קניה און קלויבט אונטער מיט די פינגער קאָרן נאָך קאָרן, וואָרום

עס איז פּשוט אַ שאָדען—קײן איבעריגע איז ניטאָ, ברוך-השם... אויף אַזאַ'נ'אופן האָט זיך ר' יודאָ אַרײַנגעצויגען אין שטובּיגע אַרבּײַט, און—בּינו-לבינו—איז בּײַ איהם אין שטוּב ריין און ציכטיג אַ גאַנץ יאָהר, שוין ניט זאָגענדיג—פּסח, ווען עס איז אַ חשש-חמץ"...

ר' יודאָ מיט זײַן חוה'ן לעבּען זיך שטיל און עהרליך, ווי צוויי טײַבּעליך, וואָס שטעהען אויפ'ן דאַך און „בּענעהמען" גאָט'ס וועלט: איינער דעם צווייטען קוקט אין די אויגען אַרײַן, איינער אָהן דעם צווייטען מאַכט ניט אַ טריט.

זיי שטעהען אויף גאַנץ פריה. חוה נעהמט זיך צום קלײנעם סאַמאָוואַר'ל, זי גיסט אין איהם אָן וואַסער און זי שעפּציט דערוויילע, וואָס זי דאַרף און וואָס זי ווייס „אויסוועניג", זי וואַרפט אָן קוילען—און שעפּציט זיך, זי בלאָזט אויף פײַער—און זאָגט. און ר' יודאָ שטעלט אַוועק דערווייל צוויי גלעזער אויפ'ן טיש, ער האַקט אָן צו-קער—קלײנינקע, קלײנינקע שטיקעליך, פאַר זיך און פאַר איהר, און זאָגט אויך זײַנע „זאַכען"...

בּיידע זענען פערנומען, און בּיידע—פערפרומט.

נאָכ'ן טהיי געהען זיי בּיידע אין בּית-המדרש. אויף זייער גע-אײלטען וועג גריסען זיי בּיידע גלײַך און ווינשען אַלעמען: אַ „גוטען מאָרגען!"—צווישען זיך רעדט מען דאַמאָלס ניט: פאַר'ן דאַווענען איז ניט כּדאַי...

אויפ'ן בּית-המדרש-הויף צוטהיילט מען זיך: ער געהט אין דער מאַנסבּילשער שול אַרײַן, בּאַלד—מיט'ן גלײַכען וועג; זי אָבּער בּרויכט פריהער טיעף אין הויף אַרײַנגעהן, אַרומדרעהען זיך אַבּיסעל, און ערשט נאָכדעם אַרויפשטײַגען אויף טרעפּ, בּיז זי קומט אַרײַן אין דער ווײַבּערשער שוהל. אַמאָל—אין אַ רעגען צי אַ פראָסט—פער-דריסט ר' יודאָ'ן, וואָס ער איז שוין אין בּית-המדרש, און זײַן אַל-טיטשקע, נעבּיך, קלעטערט ערשט אויף די טרעפּ, און ער הויבּט אויף דעם קאָפּ און קוקט אין די פענסטערליך אונטער'ן סטעליע, צי זי איז שוין דאָ. און, אַז ער דערזעהט שוין די „עפּעליך" פון איהר טשיפּיק, טהוט ער זיך אַ שמייכעל און זאָגט אַרויס הויך:

— נו, איצט, אַז דו האָסט זיך שוין אַרויפגעדראַפּעט, בּיסט דו העכער פון מיר...

— צו וועמען רעדט איהר דאָס, רב יודאָ?—פרעגט איהם דער „עולם".

— צו מײַן חוה'ן.

— אויבּ אַזוי, מעגט איהר.

בּיידע דאַווענען זיי מיט איין מנין, בּיידע דאַווענען לאַנג. נאָר נאָכ'ן דאַווענען בּאַלד געהט יודאָ'כע אַהיים, און ר' יודאָ פערבלײַבּט

נאָך אין בית־המדרש ביז׳ן האַלבען טאָג. ער לערנט, צי ער שמועסט מיט װעמען װעגען יודישע זאַכען. יודאָ׳כען אַרט עס ניט: זי האָט זיך איהר „עולם־הזה״ אין דער היים—גרייטען מיטאָג, די שטוב אויפ־ראַמען און שמועסען מיט אַ שכנה, װאָס קומט אַריין; „עולם־הבאָ״ אויך, װייס זי, װעט יודאָ מיט איהר טהיילען האַלב־אויף־האַלב.

זי איז זיין חבר דאָ—זי װעט אויך מיט איהם חבר זיין דאָרטען...

ר׳ יודאָ לערנט אין בית־המדרש ניט קיין גמראָ און ניט קיין פּוסקים: דאָס איז פאַר׳ן רב—ער דאַרף װיסען אַ דין. אַמאָל טאַקי טהוט ר׳ יודאָ אויך אַ קוק אין יורה־דעה, װאָרום יעדער יוד דאַרף אַליין דעם דין װיסען, און ר׳ יודאָ האָט נאָך ליעב צואַמפּער׳ן זיך אַמאָל מיט׳ן רב װעגען אַ דין, און דוקאָ איבערשפּאַרען איהם, און זאָל ער װיסען, דער רב, אַז יודאָ איז אויך ניט עפּיס אַ קטלאָ־קניאָ... נאָר פון דעסטװעגען איז אַ רב—אַ רב! און ער איז זיך מיט איהם נוהג בכבוד. און װער איז עס טאַקי מחויב צו שטעלען אויף זיך די חומראָ אין אַ דין פּסק׳נען: זאָל דאָס דער רב טהון... ס׳װילט זיך נור אַמאָל בעװייזען, אַז מיר, פּראָסטע מענשען, װייסען אויך עפּיס... נאָר ניט דאָס איז דער עיקר.—אין אַ גמראָ קוקט אַריין ר׳ יודאָ אָפטער, װייל איהם געפעלט זייער צוצוקוקען די מלחמות פון די תנאים, איינער מיט דעם צװייטען, הערען דעם רעש און געפילדער, װי זיי הויבען אויף װעלטען מיט זייערע קשיות און תרוצים.

— זייערע תקיפות! זייערע תקיפות! װערט ר׳ יודאָ נתפעל פון די תנאים.

אָבער בעיקר האָט ר׳ יודאָ ליעב מדרש און עין־יעקב.

דאָ פערזאַמעלט ער זיך צוזאַמען מיט די „תקיפים״ צו זיי אַהיים, אין אַ בעזונדער צימער. די צייט איז טאַקי בין־מנחה־למעריב, אַרום איז שטיל און טונקעל, די סאַמע „תקיפים״ זעהען אויס נור װי שאָטענס... און שטיל און פערטראַכט רײדען זיי און דערצעהלען מאָדנע גוטע מעשיות. עס דאַכט זיך, אַז זיי האָבען זיך אָנגעבויגען איבער קינדערשע װיגעלעך, און הוידען די װיגעלעך פּאַמעליך און דערצעהלען שטיל קינדערשע מעשיות...

מיט די קינדער ריידען זיי אַלע אויף אַ בעזונדער לשון, מיט אַ בעזונדער שטימע.

און ר׳ יודאָ האָט דאָס ליעב, אמת ליעב.—

ער האָט ליעב פלוידערייען, חלומות, ער האָט ליעב צו טראַכטען און ריידען װעגען דעם, װאָס עס װעט זיין אַמאָל־אַמאָל, אין די שפּעטערע דורות.

ער האָט שטענדיג אַ האָפנונג אויף בעסערס; ער גלויבט, אַז עס מוז אַלע מאָל בעסער און בעסער װערען אויף דער װעלט, װי

דאָס אײַנגעפלאַנצט בוימעלע מוז וואַקסען און וואַקסען אַלע מאָל העכער און ברײַטער.

— קינדערליך,—זאָגט ער,—אַ יוד דאַרף האָפען אויף אַ „קץ", אויף גוטע צײַטען... אָהן דער אמונה איז דאָס לעבען, ווי אַ געזינדעל אָהן אַ בעל-הבית'טע: אַלע חאַפּען, און קיינער ווייס ניט וואָס...

ר' יודאַ זיצט אין בית-המדרש בײַ'ן עין-יעקב, און זײַנע מחשבות פערפליהען ווײַט, ווײַט. ער מאָלט פיר זיך די גוטע צײַטען — די שפּעטערדיגע דורות. —

II.

צו האַלבען טאָג קומט ערשט ר' יודאָ פון בית-המדרש אַהיים.

אויפ'ן טיש שטעהט שוין דאָס לוימען-שיסעל מיט אָנגעווייקטע האַרטע שטיקלעך ברויט. די אַלטגעבאַקענע ברויט ווייקט אָן יודאָ'כע אין וואַסער און גרייט עס צו שטענדיג, אַלס ערשטע „געריכט".

ר' יודאָ ציהט פון זיך אַראָב זײַן שוואַרצען סורדוק, און די ווײַסע אַרבעל פון זײַן העמד, ברייטע, אָהן מאַנקעטען, מישען זיך אויך שטאַרק אַרײַן אין זײַן עסען.

יודאָ'כע זיצט, מיט איין האַנד אויפ'ן טיש אָנגעלעהנט, און עסט פּאַמעליך און שוואַך.

אויף איהר פּנים ליגט אַ מידיגקײַט.

— אַה, הײַנטיגער ברויט איז גאָר אַ בחיר! — בע'טעמ'ט זיך ר' יודאָ.

— ווײַל ער איז הײַנט געווייקט אין ראָסעל, ניט אין וואַסער,— מאַכט חוה.

— אַזוי?! — הייסט עס, אַז אויף שבת וועט אַ זויער-אוגעראָק אויך זײַן... פרעהט זיך ר' יודאָ.

חוה האָט דאָס קרופּניקיל פון קליינעם טעפּיל אַרויסגעגאָסען אין דער קליינער שיסעל, און עס האָט זיך אויפגעהויבען אַזאַ ברייטער יום-טוב'דיגער פּאַר! אַ געשמאַקער ריח האָט אין נאָז אַרײַנגעקלאַפּט...

יודאָ'כע בעמערקט, אַז יודאָ איז צופרידען פון איהר מיטטאָג.

— וואָס ענטפערט מען די קינדער? — זאָגט זי,— מען דאַרף זיי עפּיס שיקען.

אַוודאַי. — ער טהוט זיך אַ חאַפּ מיט אַ פרישקײַט: כּל-טוב שיקען... אַביסעלע ווײַן, אַ פּאָרטרעטיל—דאָס שיק איך, נו... און וואָס וועסטו שיקען?...

— איך האָב גאָר נישט, — זאָגט זי כּמעט אַראָפּגעפאַלען ביי זיך, — סיידען אַ היטעלע און אַן אַרבע־כּנפות'ל פאַר די אייניקליך...

— נו, — מאַכט ר' יודאָ: גוט, גוט! — איך עולם־הזה און דו — עולם־הבא־זאָכען...

זיי ענדיגען צוזאַמען זייער מיטאָג און מען בענשט דעם לעבעדיגען, כביכול.

— יודאָ, — זאָגט חוה, דו ווייסט וואוהין געהן, צי דו ווייסט אין שטוב זיצען?

— צו וואָס?

— איך וויל געהן אַ פּאָר גילדען „מאַכען" פאַר אַן אָרעם מענש...

— נו... זאָל גאָט העלפען! נאַ דיר מיינע אַ קאָפּיקע אַ נדבה אויך... אַ גוטע התחלה זאָל עס זיין...

יודאָ'כע טהוט זיך אָן אין איהר „שבת" און געהט אַרויס פון שטוב, און ר' יודאָ טהוט אָן זיין קאַפּטעל און געהט אין זיין ווייןקעלעריל, דאָ אויפ'ן הויף. זיין קאַפּטעל, וואָס ער טהוט אָן צום ווייןקעלעריל, איז גאָר אַ בעזונדער מלבוש: אַ רוקען האָט עס פון מולטע אין קעסטעליך פון שוואַרצע און רויטע פּאַסען, אַ פּאָלע פון ווייסע ליינוואַנד און אַ פּאָלע פון בלאָהען אָבגעקראָכענעם סאַמעט, איין אַרבעל פון ריפּס און איין אַרבעל פון פעלין פּשוט פעלין, נאָר אָהן האָר שוין. דאָס אַלץ איז געשטעפּט דיק אויף אַ וואַטע און אויף אונטער־דעקען, וואָרום דער אונטערדעק בעשטעהט אויך פון כל־המינים. חוה האָט שוין מיט ר' יודאָ'ן געטענה'ט: גאָט וועט דיר העלפען: מאַך זיך אַן אַנדער בגד, מען קאָן אויף דעם ניט קוקען, און עס איז אַ חלול־השם פאַר'ן פּריץ, וואָס וואוינט דאָ, אַז דו געהסט אַרויס אין דעם אויפ'ן הויף...

נאָר ר' יודאָ איז אַן'עקשן, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט:

— אַז דער לעבעדיגער וועט מיר העלפען, — זאָגט ער, — וועל איך זיך מאַכען נאָך אַ שענעם בגד אויף שבת און יום־טוב, אָבער צו דער פּרנסה איז נור אַזאַ מלבוש אָנגעמאָסטען... און וואָס שעם איך מיך פאַר'ן פּריץ? זיין „הקפה" דאַרף איך ניט...

ר' יודאָ'ס פּרנסה איז פון וויין, וואָס ער פערקויפט אויף קידוש און הבדלה, פון אַ „פּאָדריאַד" אויף מצה באַקען ערב־פּסח, און פון חנוכה־ליכטליך.

אין וויין־קעלעריל בעטראַכט ער די אַנקערלעך, די צאַפּפערס, די פלאַשען. באַלד נעהמט ער מישען איין סאָרט מיט דעם צווייטען, גיסען פון אַנקעריל אין פלאַשען. די עיקר אַרבייט איז דאָנערשטאָג און פרייטאָג. דאַמאָלס געהט ער אַרום צוזאַמען מיט חוה'ן פון שטוב צו שטוב מיט די פלאַשען אין די הענד, מיט די בלעכענע מעסטלעך

אָנגעהאַנגען אויף די העלדזליך פון די פלאַשען. אין אַ „מיטען-מיט-וואָך" אָבער איז זיין אַרבייט ניט גרויס.

צוריקגעהענדיג פון קעלעריל, שטעלט ער זיך אָב, און בעטראַכט אַ לאַנגע ווייַלע דאָס הויפיל.

שוין לאַנג-לאַנג, אַז ער וואוינט דאָ, ער רעכענט עס שוין כמעט פאַר זיינ'ס אַנ'אייגענע, נאָר אַז עס קומט צו דירה-געלד צאָהלען, זעהט ער „בחוש", אַז דאָס איז נאָך ניט זיינ'ס, און עס פערשטעכט איהם אין האַרץ... ער האָט דאָ אַ שטוב מיט אַ קיך — ענג טאַקי, נאָר ער האָט זיך צוגעוועהנט: ער האָט אין דער דירה קינדער אויס-געהאָדעוועט, חתונות געמאַכט... שוין לאַנג-לאַנג וואוינט ער דאָ... אַ קעלעריל פיר זיין ווייַן האָט ער דאָ אויך — אויך אַ קליינס, אָבער וואו נעהמט מען בעסערס? דער עיקר איז — ער האָט זיך דאָ איינ-געוועהנט: אַ בית-המדרש איז דאָ נאָהענט, און דער בית-עלמין איז אויך ניט ווייַט — דאָ איז אַלץ נאָהענט...

אויפ'ן הויף אין דער גרויסער שטוב וואוינט דער פּריץ. חוה זאָגט, אַז ער וויל ניט ליידען זיין קאַפּיטעל, און אפשר וויל ער ניט ליידען זיין אַרבע כנפות אויך? — טראַכט ר' יודאָ, — מילאָ... ניט דער פּריץ לעבט אין ר' יודאָ'ס רצון, און ניט יודאָ לעבט אין דעם פּריצ'ס רצון... „יעדערער האָט זיין אייגענעם רצון".

נאָר אונטער די פענסטער ביי דעם פּריץ איז אַ גאָרטען, און אַז ר' יודאָ געהט צוריק פון זיין ווייַן-קעלעריל, שטעלט ער זיך צו, ער קוקט פון ווייַטען און איז מקנא...

אַך, אַך! אַז ער וואָלט האָבען אַ גאָרטען, וואָלט ער פלאַנצען „לבנות": ער האָט אַזוי ליעב זייער בליהען, זייער הויכען געוואוקס, דאָס קיילעכדיגע ראָד פון אויבען מיט די ברייטע בלעטער, וואָס הייַנגען אַראָב — אַ פערגניגען, חלעבין, אַזאַ בליהונג!

דער פּריץ לעבט טאַקי מיט מעהר „רחבת": ער לעבט, ווי אַ בעל-הבית! ס'פערדריסט ר' יודאָ'ן אַמאָל, קוקענדיג אויף דעם פּריצ'ס גרויסען שפייַכלער מיט דער שטאַל — „דאָס איז אַ נחלה!"... נאָר ער בערוהיגט זיך באַלד מיט'ן געדאַנק: „זיין וועלטעלע... יודען זענען אין גלות, און אויף „כל-טוב" איז דאָך קיין גלות ניט"... און אַ צווייטער געדאַנק מאַכט איהם אַזש פרעהליך: „שכינתאָ בגלותאָ — דער לעבע-דיגער, כביכול, איז אין גלות, און מיר וועלען זיך התענוג'ן מיט „עולם-הזה"?... און עס טהוט איהם שטאַרק הנאָה, וואָס ער ליידט צוזאַמען מיט דעם לעבעדיגען, כביכול...

נור ר' יודאָ דערמאָהנט זיך עפּיס, וואָס פערדריסט איהם פאָרט, און טאַקי עד-היום.

אַמאָל זעֶנעֶן צוּ איהם צוּ גאַסט געֶקוּמעֶן די אֵייניקליך. יוּנגעֶ קינדעֶר זעֶנעֶן גאָר אַנ׳אַנדעֶר פאָלק, דאָס בלוּט איז אַ אַנדעֶרעֶס... ס׳ווילט זיך אַ שטיף טהוּן, אַלעֶב טהוּן, אוּן אין דעֶם זיידעֶנס רשות איז עֶנג, ניטאָ ממש וואוּ אַ קעֶהר צוּ טהוּן זיך... טהוּט מעֶן אָב גאָר אַ קלייניגקייט—דעֶרמאָהנט זיך ר׳ יוּדאָ מיט אַ שמייכעֶל—מעֶן נעֶהמט די פאַמוּניצעֶ, דעֶם זיידעֶנס פאַמוּניצעֶ, אוּן מעֶן גיסט עֶס אוּיס אין הויף, אין דעֶם פּריצ׳ס רשות,—אוּן מעֶן נעֶהמט זיך גליטשעֶן... אוּן מעֶן האָט זיך דאָס צוּקאָכט אוּן צוּברעֶנט אין דעֶם—סטייטש גליטשעֶן זיך! קינדעֶר זעֶנעֶן דאָך—קינדעֶר... ר׳ יוּדאָ אַליין וואָלט עֶס ניט טהוּן, אוּיסגיסעֶן זיין פאַמוּניצעֶ אין אַ פרעֶמדעֶן רשות—עֶר נעֶהמט טאַקי די פאַמוּניצעֶ מיט חוה׳ן צוּזאַמעֶן ביי־נאַכט, אַז קיינעֶר זעֶהט ניט, אוּן גיסט עֶס אַרויס אין גרוּב, וואָס עֶר אַליין האָט אוּיסגעֶגראָבעֶן נעֶבעֶן טהיר טאַקי, — וואָס זאָל מעֶן טהוּן, אַז קיין אַנדעֶר אָרט איז ניטאָ?... אָבעֶר קינדעֶר זעֶנעֶן דאָך קינדעֶר—זיי האָבעֶן דאָך ניט דעֶם זיידעֶנס „איבעֶרקלעֶהרעֶן אוּן איבעֶרטראַכטעֶן״... איז אַרויסגעֶקוּמעֶן אַ שעֶנעֶ מעשה פוּן דעֶם! פוּן דעֶר גרויסעֶר שטוּב איז מעֶן אַרויסגעֶלאָפעֶן מיט קולות אוּן רציחה: „סטייטש! סטייטש! די פאַמוּניצעֶ אין מיין רשות... מיט די ציבעֶלעֶ אוּן קנאָבעֶל, מיט׳ן שבת׳דיגעֶן טשאָלעֶנט״...

פרעֶג זיי, וואוּ טשאָלעֶנט? דאָס איז דוקאָ געֶוועֶן מיטוואָך קעֶגעֶן דאָנעֶרשטאָג, וואוּ איז שוין דאַמאָלס טשאָלעֶנט, ברוּך־השם?... נאָר יעֶנעֶ העֶרעֶן דיך ניט מיט דיינעֶ טעֶנוֹת — זיי זאָגעֶן, וואָס זיי ווילעֶן... אַ ייד איז צוּ בלבוּלים געֶוועֶהנט... מילאָ, וואָס ווילעֶן זיי?

די אֵייניקליך זאָלעֶן דאָ שוין ניט ווערעֶן, מעֶן וויל ניט לאָזעֶן איבעֶרנעֶכטיגעֶן אַפילוּ...

אויב אַזוי, האָבעֶן זיי וועֶניג אוּיסגעֶפיהרט ביי ר׳ יוּדאָ׳ן; די אֵייניקלעֶך האָבעֶן טאַקע דאָ געֶנעֶכטיגט, אוּן דוקאָ נאָך אַ פּאָר טעֶג דאָ פעֶרבראַכט, נאָר בעֶהאַלטעֶנעֶרהייט—אוּן געֶה זוּך זיי...

קיין שׂנאָה טראָגט ניט ר׳ יוּדאָ אין האַרץ פאַר אַ מעשׂה, וואָס איז אַריבעֶר—אַ נפקאָ מינה, צי גוּט צי שלעֶכט—אַבי אַריבעֶר... בטבע האָט ר׳ יוּדאָ ליעב פעֶרגעֶסעֶן דאָס שלעֶכטס, אוּן געֶדעֶנקעֶן נוּר דאָס גוּטעֶ. עֶר געֶדעֶנקט, למשל, אַז די פּריצטעֶ האָט איהם אַמאָל געֶזאָגט: „סלאַוונעֶ יעֶוורעֶיטשיק!״ ווייל עֶר האָט איהר אַריינגעֶטראָגעֶן אַביסעֶל ווין—טאַקי אַ בחיר! — במתנה: „מעֶן וואוינט דאָך צוּזאַמעֶן אוּיף איין הויף... דאָס געֶדעֶנקט עֶר, אוּן אַ פעֶרדרוּס,—זאָגט עֶר, — דאַרף מעֶן וואָס גיכעֶר פוּן האַרצעֶן אוּיסראָטעֶן: ס׳זאָל זיך דאָרטעֶן ניט באָמבלעֶן, ווי פסוּל׳ה ציצית״... אוּן דאָך קאָן עֶר ניט פעֶרגעֶסעֶן, אַז אין יעֶנעֶם רעש האָט איהם איינעֶר אָנגעֶרוּפעֶן:

„זשוליק"... וועמען? איהם אַליין — דעם אַלטען!... פאַר וואָס, פאַר ווען? ציא איז ער טאַקי דער איינציגער רמאַי אויף דער וועלט? ציא איז ער מעהר רמאַי פון אַלעמען? אַזאַ בזיון! ער שעמט זיך פאַר זיין ווייסען באָרד — אַזוי פיעל יאָהרען אָבגעלעבט, און לסוף — אַזאַ בעליידיגונג... ווי איז דאָס? זאָל מען פרעגען ביי דעם אַלטען, וואָס וואָוינט אין דעם קליינעם שטיבעל, אויך דאָ אויפ'ן הויף — ער איז אויך ניט קיין יוד, און פונדעסטוועגען וואָס וועט ער זאָגען? יענער אַלטער האָט אויך אפשר פיינד אַ יודען, נור איהם, ר' יודאַ'ן קאָן ער אַביסעל, וואָרום ער קויפט ביי איהם אָב דעם חמץ פאַר פסח, ער גיט אַכטונג אויף די ליכט אין בית=המדש יום כפור, — ער האָט שוין עפיס ביי יודען גענאַשט, ער וויים אונגעפער, וואָס יודאָ איז, זאָל מען איהם פרעגען...

— סטאַראָזאַקאָניק, באָגאָמאָלניק... אַזוי רופט ער איהם, און ניט „זשוליק"...

ר' יודאָ ווערט שטאַרק צורודערט. ער וויל ניט קוקען אויפ'ן הויף, אויפ'ן גאָרטען — ניין!

דאָס איז פרעמדע, פרעמדע! ער האָט אַזוי פיעל דירה=געלד איינגעצאָהלט, און זיין ענגע דירה איז נאָך אַלץ ניט קיין אייגענע...

און אַ טיעפער טרויער דריקט איהם און דריקט דאָס האַרץ. — — —

ער קומט אַריין צוריק אין שטוב. ער וואַרפט פון זיך אַראָב זיין קאַפּטעל — דאָס דערמאָהנט איהם דעם וויין=קעלעריל, מיט'ן הויף מיט די בעליידיגונג צוזאַמען... אַ ווײַלע טרעט ער אַרום איבער'ן צימער ביז ער בערוהיגט זיך, דאַמאָלס נעהמט ער זיך צו דעם, וואָס ער רעכענט פאַר זיינס — נעווים אייגענע.

אין מיט צימער שטעהט זיין שאַפע מיט ספרים.

דאָס טיהריל פון שאַפע איז ביז האַלב אָנגעגלעזט מיט אַ גרויסער שויב. דאָס גלאָז איז ריין און קלאָהר, און דורכ'ן גלאָז קוקען אַרוים מיט שטאָלץ די דיקע רוקענס פון די גרויסע ספרים: עשרים וארבעה'ס, גמרות, די „טורים", דער „חשן=משפט", דעם רמב'ם „יד החזקה" — דאָס זענען אַלץ גבורים אָנגעטהון אין רויטען רימען מיט שילדען אויף די רוקענס, וואו עס איז אויסגעדרוקט מיט גאָלדענע אותיות זייערע טיטלען... ר' יודאָ האָט זיך זיין שטענ=דיגען איינבינדער, וואָס מאַכט פאַר איהם שענע בונדען צו די ספרים, און ער צאָהלט איהם דערפאַר וואָכער=געלד.

ר' יודאָ שליסט אויף דאָס טהיר'ל, דאַמאָלס ערשט בעווייזען זיך די אונטערשטע פאָליצעס מיט ספרים, וואָס זענען פריהער פערשטעלט געווען אונטער דער האַלבער ניט אָנגעגלאָזטער טיהר.

אויף יענע פּאָליצעס זענען אָנגעשאָטען קליינע ספרים׳ליך, יענע אַנטיקען, וואָס ר׳ יודאָ קויפט אויף ביי אַלע מוכרי=ספרים, ער פערברענגט מיט זיי לאַנגע=לאַנגע נעכט און פערפליהט דאַמאָלס אין מאָדנע וועלטען, — די אַנטיקען׳ וואָס ער האָט אַזוי ליעב, נאָר מיט וועלכע ער שטאָלצירט ניט... אָנגעשאָטען זענען זיי דאָ אָהן אַ סדר, זיי האָבען ניט קיין שענעם בונד, און ביי אַנדערע פעהלט אַפילו דער רוקען...

— מסתמא דאַרף אַזוי זיין, — קלערט ר׳ יודאָ: זיי קומט ניט קיין „אויבען=אָן,״ — ווען ניט, וואָלט אַנדערש געווען...

ר׳ יודאָ בויגט זיך אָן צו די אונטערשטע פּאָליצעס און צו=לעגט מיט מעהר אָרדנונג די „שמות״, וואָס שיטען זיך שטענדיג אַראָב, ווי נור מען עפענט די שאַפע. ר׳ יודאָ האָט אַ טבע אויפצוהויבען שמות — אַ בלאַט, צוויי, צי אַ גאַנצער קונטרס, וואָס האָט זיך אָבגעריסען פון אַ ספר, און ליגט ערגיץ אין אַ בית=המדרש, אין אַ פרעמדען בית=המדרש אַפילו — הויבט ער עס אויף, ברענגט צו זיך אַהיים און לעגט עס אין שאַפע מיט די קליינע ספרים׳ליך אויף די אונטערשטע פּאָליצעס.

— ס׳וועט אַמאָל צונוטץ קומען, — האָט ער אַ מחשבה וועגען דעם. און פאַר גנבה רעכענט ער דאָס ניט: אָבגעלערענטע ספרים, — פון קיין נייע נעהמט ער ניט)... און אַז עס וועלגערט זיך אַ בלעטיל — מאָג מען דאָס נעמען צו זיך...

און די אונטערשטע פּאָליצעס זענען פול מיט אַזוינע אָבגערי=סענע בלעטער און קונטריסים, די טהיר פון שאַפע פערמאַכט זיך קוים, און ווי מען עפענט זי נור, אַזוי שיטען זיך, פאַלען אַראָב און שיטען זיך די יתומים׳דיגע „שמות״... ר׳ יודאָ בויגט זיך אָן צו די אונטערשטע פּאָליצעס און פערשטעקט זיי ווידער פאָרזיכטיג אין די לעכער און שפּאַלטען צווישען די קליינע ספרים׳ליך, און זיי רוקען זיך, טוליען זיך צו, די „שמות״ צו די קליינע ספרים׳ליך, ווי פערבלאָנזעטע יתומים צו אַ חברה בעטלער ביי אַ נאַכטלעגער הינטער אַ שטאָדט — צוגלייך עלענדע, וועלען זיי דאָ צוזאַמען אָבליגען די נאַכט...

ר׳ יודאָ בעטראַכט נאָך אַ ווײַלע די פּאַרמענטענע מגילות, וואָס ליגען ביי איהם אויך דאָ אונטען אין שיידען קאַרטאָן, דעם ווייסען קיטעל מיט דער פּאַראַ=יאָהריגער „הושענא״ — דאָס געפינט זיך ביי איהם אויך אין דער „מחיצה״, פון איין „הושענא=רבה״ ביז דעם צווייטען. אַז ער געפינט אַלץ אין אָרדנונג, בערוהיגט ער זיך און הויבט זיך אָן גוט פיהלען — בעל הבתיש! דאַמאָלס נעהמט ער אַרויס אַ צונויפגעוויקעלטען פּעקיל, און הויבט זיך אויף פון די

אונטערשטע פּאַליצעס. ער בעמערקט, אַז חוה איז שוין צוריק געקומען, זאָגט ער צו איהר.

— צוויי פּאָרטרעטען שיק איך די קינדער.

ער וויקעלט פונאַנדער און בעוויזט.

— „משה־רבנו" און אַ „מזרח" שיק איך זיי — זאָל זיך דאָס געפינען בײַ זיי אין שטוב... מיר האָט זיך געמאַכט וואָלוויל קויפען, זאָלען זיי אויך געניסען... מען דאַרף צו דעם בעשטעלען ראַמען דאָ, ווען ניט, וועט זיך דאָס בײַ זיי פערוואַלגערן אָהן ראַמען...

דאַמאָלס הויבט ער אויף די אויגען צו די וואַנד בײַ זיך אין שטוב — ער שטאַלצירט: בײַ איהם זעגען דאָ טאַקי גאַנצע וואַנד מיט בילדער! משה און אַהרן, אַ „מזרח", „יום־כפור" בײַ יודען אויף אַ מלחמה, דער „בית־שני" געפּלאַנירט, די „גאוני וגדולי־ישראל" און נאָך — דאָס הארץ קוועלט אָן, קוקענדיג.

ר' יודאָ האָט בטבע ליעב אַ בילד, אַ פּאָרטרעט.

— וואָס מען זעהט מיט די אויגען, קריצט זיך דאָס איין אין הארצען אויף אייביג, — זאָגט ער צו חוה'ן, און ער פער־טראַכט זיך.

III.

נאָך מעריב. ר' יודאָ געהט פון בית־המדרש אַהיים, באַלד שטעלט ער זיך אָב און פערקוקט זיך אויפ'ן הימעל מיט די שטערען. אַ יונגער מאַן נעהמט איהם אָן פאַר די אַקסלען.

— קומט, ר' יודאָ, די לבנה איז דאָך הײַנט ניטאָ, צו מחדש זײַן, — קומט אַהיים, מיר וועלען געהן צוזאַמען.

— איך זוך, זהוגעלע, דעם „אַלף", — וואַרט אַ ווײַלע, מיר וועלען באַלד זעהן, וואו שטעהט ער הײַנט... דער „אַלף"...

ר' יודאָ שטעלט צו די רעכטע דלאָניע איבער דעם רעכטען אויג, ווי אַ דאַשעק און קוקט אויפ'ן הימעל, און זוכט.

דער הימעל איז אויפגעוויקעלט בײַ דעם לעבעדיגען, כביכול, ווי אַ ספר־תורה, און די שטערען זענען אותיות — גאָלדענע אותיות... קוק נור און לייען... רעדט אַרויס ר' יודאָ מיט התפעלות.

— וואו איז אָבער דער „אַלף" הײַנט? —

— וואַרט אַ ווײַלע, באַלד וועט ער זײַן.

— ניין ר' יודאָ, איך דאַרף געהן, ניטאָ קיין צײַט.

ר' יודאָ געפינט באַלד דעם „אַלף". גידעריגער, ווי אַלע־מאָל, שטעהט ער הײַנט, וואָרום דער „תיו" האָט זיך שוין אויך געוויזען—

אַט שטעהט ער אין מיטען הימעל. ער בעדויערט, וואָס חיים שייִנ־דעלעס איז אַוועק, און זעהט דאָס ניט. אַזאַ פערגנינען צו זעהן, ווי עס שטעלען זיך צונויף אותיות פון שטערען — אַ גאַנצער „אלף־בית!" אַ קופּקעלע שטערען פערזאַמלען זיך בעזונדער און מאַכען אַנ'אות... אַט איז הייַנט דער „אלף" גאַר דייַטליך, אַפילו אַ קינד קאָן פער־שטעהן: אַ קופּקעלע פון זיבען שטערענדליך, פינף אין דער לענג, אייַנער — אויבען און אייַנער — אונטען — אַקוראַט אַנ'„אלף"... הייַנט זעהט מען דאָס גוט, „זיי" גלויבען אַלץ ניט, עפּים ווי איהם געהט עס אָן צו נאַרען...

ר' יודאָ בלייַבט דאָ שטעהן לאַנג־לאַנג אונטער דעם אויפגע־וויקעלטען הימעל, ער קוקט אויף די גלענצענדע שטערען — די אותיות, און זייַן פּנים ווערט וואָס אַמאָל רוהיגער און ליכטיגער — דאָס האַרץ שמייכעלט אין איהם, די נשמה חיות'ט זיך... עפּים מאָדנע געפיהלען ערוואַכען אין איהם, מאָדנע מחשבות קומען צו איהם, מחשבות אָהן ווערטער, ווי שטומע געשטאַלטען מיט שענע פּנים'ער, מיט אַ גוטען אויסדרוק און ווייכע גלעטענדיגע הענדטליך— זיי גלעטען איהם און וואַרעמען... עפּים ווערט איהם אַזוי לייכט, אַזוי גוט און בנעימות'דיג, ווי די מוטער וואָלט צו איהם צו חלום קומען און, אָהן ווערטער, מיט'ן האַנד איהם אַ גלעט געבען אויפ'ן שטערען —

די מוטער און דער הימעל! זיי ביידען געדענקט ער אַזוי לאַנג־לאַנג, נאָך פון יענע ערשטע קינדערשע יאָהרען, ווען די מאַמע האָט איהם אויף די הענד געהאַלטען אַנקעגען דעם שענעם בלויען הימעל — און דער הימעל איז נאָך איצט אויך אַזוי שען, אַזוי יונג און אַזוי ליעב — ער קוקט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל אויף זייַן לאַנגען ווייסען באָרד און זאָגט צו איהם — „וואָס הערט זיך, יודעל? איך געדענק, כ'געדענק דיך פון לאַנג, אַז דו ביסט נאָך אַ יונגעל געוועזען און דו פלעגסט זיך אין אַ ליכטיגער נאַכט דראַפּען אויפ'ן דאַך נאָך דער קאַטץ. וואָס מאַכט די מאַמע? וואָס איז געוואָרען פון אַלטען פלאַנקען? צי חלומ'ט זיך דיר דאָס אַמאָל?"...

ר' יודאָ ווערט צוטומעלט פון זייַנע אינעווייניגסטע מחשבות, ער חאַפּט אָן ווערען פאַר'ן האַנד און וויַזט איהם אָן אין דער הויף:

— קוק, — מאַכט ער מיט התפעלות.

— זענט ניִשט קיין נאַר, — מאַכט יענער מיט אַ ברוגז: איהר זענט, ר' יודאָ, אַ לעדיגגעהער? אַ מענש, וואָס טוהט גאַר ניִשט, קוקט אויפ'ן הימעל...

— אַהאַ, לויבקע איז דאָס, — זאָגט אַרוים ר׳ יודאָ, װען ער דערקענט װעמען האָט ער עס דאָ אָנגעחאַפּט,—דו לויפסט גאָר אין קראָם, און איך שטעל דיך אָב, טאַקי אַנ-עולה... איך האָב גאָר פערגעסען, אַז דו ביסט „אַ שרייער״ אויך...

— טאַקי, װאָס קוקט איהר אויפ׳ן הימעל? איהר קוקט בעסער אויף דער ערד,— שטעלט זיך אָב לויבקע קרעמער און טענה׳ט מיט אַ ברען: קוקט, װאו איז אַ גרוב, װאו איז אַ בלאָטע, ניט װי איהר היפּט אַריבער אַלץ, װאָס איז בולט פאַר אַלעמען, און פערדרייסט דעם קאָפּ אין דער הויך און זוכט װאָס ניט געשטויגען... איהר זוכט הײנט אַודאי אײער „תיו״?

— געפונען, — מאַכט ר׳ יודאָ, — דעם „אַלף״ אויך... נאָר דו קלערסט, אַז לבנה און שטערען בעלויכטען נור די נאַכט, אָנשטאָט אַ לאַמטערען, זיי פערשפּאָרען נור דיר אַ גראָשען ליכטיל?..

— נײן, אַנ „אַלף-בית״ איז דאָס — סודות? קריגט זיך לויבקע: ביי אייך איז דער קאָפּ נור אַ פערדרעהטער, דער הימעל אָבער איז אַ גלאַטער...

ר׳ יודא דריקט מיט די פלייצעס מיט װאונדער, בעדויערונג און שמייכעל צוזאַמען.

— נו, נו, זהונעלע, פערשטעהסט דו טאַקי גאָר נישט...

באַלד בעװײזט זיך אַ קנײטשיל פון רמאות אונטער איין אויג ביי איהם, — ער זאָגט:

— דער הימעל בלייבט פאָרט אַ הימעל — ער איז העכער...

— װיפיעל העכער? פרעגט לויבקע קרעמער.

— ת״ק שנה — פינף-הונדערט יאָהר גאַנג פון דער ערד — זאָגט די גמרה.

— דאַרפט איהר שוין אָנהויבען צו געהן... צולאַכט זיך לויבקע קרעמער, — און דאָרט װעט איהר זײן אַנ׳אמת׳ער „שטערען-זעהער״..

און ר׳ יודאָ הערט אַ געלעכטער אין דער דונקעלער נאַכט אַ געלעכטער און אַ מאוס מורמלען אין דער שאָטענדיגער גאַס; ער װײס, אַז לויבקע קרעמער דערצעהלט עס אַלעמען, געהענדיג איצט אין קראָם, און מען לאַכט פון איהם אָב — אַלע לאַכען פון איהם.

— שוטים, זיי פערשטעהען גאָר נישט... ר׳ יודאָ רופט זיי נור אָן שוטים, זיי שפּאָטען פון איהם, האָבען איהם פײנד אַפילו פאַר זײן שטערען-זעהען און רודפ׳ן איהם: „פאַר זיי איז דאָס אויך אַנ׳עגין אין לעבן. קײן אַנדער פערנעהם האָבען זיי ניט״... קלערט ער.

## IV.

ר׳ יודאָ האָט ליעב קינדער, און קינדער האָבען איהם ליעב. בעיקר, לעבט ער נור מיט זיי, צוליעב זיי. די גרוסע שאַטצען איהם ניט, ווייל זיי פערשטעהען איהם ניט, אָבער די קינדער מיט זייערע קלאָרע אויגעליך קוקען אויף איהם גאָר אַנדערש. זיי פיהלען זיין ליעבשאַפט צו זיי.

ר׳ יודאָ קלויבט ניט אויס צווישען קינדער — אַלע זענען ביי איהם גלייך אַפילו יענע, וועמענס עלטערען ס׳זענען איהם רודף און שפּאָטען פון איהם... אין בית־המדרש איז ער אויף זיי משגיח ער איז זייער בעשיצער פון שמש. אויף די בענקעליך אַרום בימה זאַמעלן זיי זיך אַלע צונויף, ער קומט אויך צו זיי פון מזרח־וואַנד אַהער, און זאָגט מיט זיי „אָמן", ער איז זיי מחנך אין מצוות, ער קוקט איבער זייערע ציצית. ער געהט אין שתדלנות צו אַ מוטער אַז זי זאָל אַ נייען אַרבע־כנפות מאַכען פאַר׳ן קינד. ער פערשפּיליעט אַ קנעפּיל און פערריכט אויפ׳ן קינד דעם קראַגען פון דעם אויבער־העמדיל, עס זאָל בעסער ליגען, — ער האָט הנאה, קוקענדיג, ווי דער ברייטער מאַטראָסען־קראַגען לאָזט זיך אַראָב אויף די פּלייצעס ביי אַ „ווילד"־פרעמדען קינד...

ר׳ יודאָ האָט ליעב קינדער — און אלול און תשרי געהערען אינגאַנצען צו איהם מיט די קינדער... ער אַליין איז אַ בעל־תקיעה און קאָן מאָדנע שענע קונצען מאַכען אין זיינע תקיעות. נאָכ׳ן דאַוונען געהט מען אַוועק אין חדר־שני — ר׳ יודאָ און די קינדער אַרום איהם, און ער לערענט זיי תקיעות מיט דעם אַלטען בית־המדרש׳ן שופר, וואָס איז שוין עטוואָס אָנגעשפּאַלטען אין אַ זייט. ר׳ יודא לערנט זיי, אַז דעם שופר ברויכט מען צולעגען צום ווינקעל פון רעכקען זייט מויל, די ליפּען זאָלען זיין צוגעמאַכט, נור פון רעכטען ווינקעל מויל זאָלען זיי דעם אָטהעם בלאָזען, מיט צוויי פינגער פון דער לינקער האַנד זאָל מען צודעקען די ליפּען, מיט דער רעכטער האַנד צוהאַלטען דעם שופר.

— אַוודאי דעם נייען שופר גענומען? — קומט אַריין דער שמש מיט אַ בייזער.

— דעם אַלטען. —

— איהר מאַכט זיך נאַריש, — ערלויבט זיך דער שמש צו מעיז־פנים זיין אַזאַ בעל־הבית, ווי ר׳ יודא, וואָס אַלע זאָגען, אַז ער איז אַ שוטה גמור,— צוזאַמענגענומען אַ חדר שני מיט שקצים און ניט זיי זיך צו שפּיעלען מיט אַ שופר... זיי קוקען אויף דעם, ווי אויף אַ שפּיעל, און ער אויך מיט זיי — דער אַלטער...

— נאַרעלע, — מאַכט ר' יודא געלאַסען, — פאַר וואָס ניט מיט זיי? ווער ווייס, וואָס פון קינדער קאָן אויסוואַקסען? הייַנט איז ער אַ קינד, און מאָרגען — אַ גרויסער! אַז מען זאָל איהם קליינערהייט ניט לערנען, וועט ער גרויסערהייט ניט קאָנען... טאָמער וועלען זיי קאַליע מאַכען אַ נייעם שופר אַפילו, איז אויך קיין שאָדען ניט,— דערפאַר וועלען זיי געדענקען גרויסערהייט, אַז אין בית-המדרש איז דאָ אַ שופר מיט מעשיות, מיט זאַכען... זאָלען זיי וויסען.

— מסתמא... זאָגט אַרויס דער שמש מיט צווייפעל, ער נעהמט די לולקע אין מויל און געהט אַוועק.

די קינדער רייסען ר' יודא'ן ביי די פאָלעס. — „גיט מיר איין מאָל!" — „גיט מיר אַ פּרויו טל'ן!"...

ר' יודאָ שמייכעלט און וויל אַלעמען צופרידען שטעלען. פלוצלינג הערט זיך אַ קלאַפּ. דער שמש קומט אַריין, די קינדער זענען בלאַס און דערשראָקען.

— אָט זעהט איהר,—מאַכט דער שמש מיט אַ פאָרוואורף,— אַלץ זענט איהר שולדיג: שקצים בלייבען שקצים — מען האָט זיך געשטופּט און געהרגעט, ביז מען האָט אַ שויב צובראָכען... וואָס זאָל מען איצט טהון? —

— אַ גלעזער וועט אַריינשטעלען אַ נייע שויב, — פערענטפערט ר' יודאָ — זיי וועלען אַלע ליידען און געבען צו קאָפּיקעס, און איך גיב אויך אַ קאָפּיקע אויף דאָס —קיין ביזז ניט... מה רעש? ניש-קשה אַפילו, אַז דער בית-המדרש זאָל ליידען דעם היזק פון קינדער, זיי וועלען דאָך דאָ אַמאָל בעלי-בתים זיין...

דער שמש געהט אַוועק מיט אַ געצוואונגענעם כעס: וואָס זאָל ער רעדען? ער ווייס, אַז ער קאָן ר' יודאָן זידלען, שרייען אויף איהם, וואָס קיין בעל-הבית וועט עס ניט ערלויבען, אָבער אויספיהרען קאָן מען מיט איהם ניט, — האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, איז פערפאַלען. ר' יודאָ טהוט זיך תמיד זיינס.

דערפאַר אָבער, אַז עס קומט די ערשטע נאַכט ראש-השנה, פאַר מעריב אין בית-המדרש, געפינט ר' יודאָ דעם גאַנצען טיש אַרומגעזעצט מיט קינדער, אויסגעוואַשענע, אין נייע מלבושים'ליך, מיט די תהלים'ליך אין די הענד — זיי וואַרטען שוין אויף איהם, אַז ער זאָל אָנהויבען אַ קאַפּיטעל, און זיי וועלען נאָכזאָגען.

— אָט, — קלערט ער, — אַז מען דאַרף זיי, זענען זיי דאָ... אַ קינד אַז מען איז איהם מקרב און מהנה מיט עפּים, „הינעט עס אַרום דיר, ער געהט דיר נאָך, ווי אַ ציפּלאָניקיל נאָך דער הוהן...

ר' יודאָ שטאָלצירט.

און אויף מאָרגען, אַז די „גרויסע" זענען שטאַרק פערנומען מיט די אַלטע תפלות און מיט די סקאַרבאָווע נגונים, ר' יודאָ אַליין, וואָס ער איז דער בעל־שחרית, קומט שוין צו די „אבות" מיט אַ פערחתמ'טען מויל — ניטאָ מיט וואָס צו זאָגען, דאַמאָלס קומען אויך די קינדער צו הילף: אַ יונגעלע פון דערוויַיטענס חאַפּט אונטער און טהוט אַ ציה מיט אַ דין הילעבדיג קול'כיל: „טי—רי—באַם—באַם! טי—רי—באַ"... אַזש דאָס האַרץ לעבט אָב...

„מען מוז האָבען די קינדער אַרום זיך, — טראַכט ווידער ר' יודאָ, — די לבנה דאַרף האָבען שטערען אַרום זיך, און אַ בית־המדרש — קינדער"...

און דערפאַר צוריק איז ר' יודאָ ווידער מהנה די קינדער.

יום־כפור נאָך נעילה. די יונגע לייט זענען אויף דער גאַס אַרויס, מען קוקט אויפ'ן בלאַסען הימעל און מען וואַרט אויף אַ שטערען. די אַלטע זעצען זיך ערשט צו אויף די בענקליך אין בית־המדרש, מידע און בלאַסע; ר' יודאָ אַליין האַלט אויך די אויגען צוגעמאַכט, און דער קאָפּ וועגט זיך אַראָב אויף זיין וויַיסען קיטעל. שטויב און שאָטען פילען אָן דעם בית־המדרש — —

נאָר ר' יודאָ הויבט אויף באַלד דעם קאָפּ און זאָגט אַרויס מיט אַ פרישער גבורה:

— צאן־קדשים!

— מע־ע־ע... קלינגען אָב פון אַלע ווינקעלעך קינדערשע שטימעלעך. ר' יודאָ שמייכעלט און חזר'ט איבער:

— צאן־קדשים!

— מע־ע־ע...

— צאן־קדשים!

— מע־ע־ע...

די קינדער זענען זיך שוין צונויפגעלאָפען צו ר' יודן מיט לעבעדיגע אויגעלעך, מיט אָפענע מוילעכלעך.

— צאן־קדשים!— שרייט אויס ר' יודאָ נאָך אַ מאָל.

— מע־ע־ע... ענטפערען זיי אַלע שוין דאָ אַרום איהם — און עס געהט אַוועק אַ פרעהליכס.

תחלת הויבט מען אָן אַ פרום־ליעדעל, ר' יודאָ זינגט אויס: א־דון עו־לם א־שר מ־לך", און די קינדער ענטפערן מיט אַ פּוסקיל: א־ל־הי הוא־או!.." אַ יונגעלע טהוט אַ פייף צום טאַקט, און דער רב קעהרט זיך אום מיט אַ ברוגז'ן פנים און שרייט אָן, אַז מען טאָר דאָס ניט אין אַ בית־המדרש, נור ר' יודאָ אַליין איז דאָס אויך מוחל: מען זינגט דאָך עס...

נאָכדעם זינגט מען: „האדרת והאמונה”, ביז מען קומט צו אַ פּשוט׳ן אַ לוסטיגען: „טאַי־ראַי־, ראַי־ראַי־ראָם!” — און דער בית־המדרש ווערט פול מיט הילעכדיגע יונגע שטימעלעך, מיט שמחה און געזאַנג. די יונגע לייט קומען אויך אַריין צוריק אין בית־המדרש, די אַלטע עפענען די אויגען, און די מידיגקייט פון די לאַנגע תפלות און הונגער פערשווינדט.

---

פאַר די קינדער הויבען זיך אָן פרעהליכע טעג, און ר׳ יודאָ געהערט צו די קינדער.

אַז ר׳ יודאָ גיט אַ פּסוק זאָגען אין „אתה־הראית”, געהען איהם נאָך אויפ׳ן בימה די קינדער מיט די שמחת־תורה פאָהנען — ס׳איז ליכטיג און לעבעדיג! דער פּסוק פערגעהט אין אַ נגון, דער נגון צעשפרייט זיך אין בית־המדרש; פון די יונגעלעך ווערט אַ ראָד, ר׳ יודאָ אין דער מיט, און מען דרעהט זיך אַ פּאָר מאָל אַרום די בימה. באַלד ווערט אַ טענציל, אַ יודיש „דרעדיל” צווישען בימה און עמוד, און מען זינגט טאַקי מיט אַ רחבות: „לעבען זאָלען אונזערע יודעלעך! — אַי, אַי”...

שמחת־תורה וויל ר׳ יודאָ עולה לתורה זיין דוקא עם־כל־הנערים, די קינדער זאָלען שטעהן אונטער דער חופה אויפ׳ן בימה און נאָכזאָגען איהם די ברכה, און צו „חזק” ווערט אַ מאָדנער פרעהליכער נגון, וואָס קיינער בעמערקט גאָר ניט, פון וואַנען עס וואַקסט אויס...

שמחת תורה נאָך מיטאָג, ווען יודען פראַווען כבודים און זענען זיך משמח, גרויסע מיט גרויסע, איז ר׳ יודאָ אויף דער גאַס, די קינדער אַרום איהם — און מען מאַכט פרעהליך „קינד און קייט”...

תחלת געהט מען דורך די גאַס, ר׳ יודאָ פאָרויס, און אַ לאַנגע שורה פון קינדער נאָך איהם, מיט „סכך” אין די הענד און מיט געזאַנג. ר׳ יודאָ האָט געפּסקנ׳ט, אַז שמחת־תורה נאָך מיטאָג מאָג מען שוין אַראָבנעהמען אַ „סכך” פון אַ סוכה, און אַז ר׳ יודאָ פּסקנ׳ט, וועט שוין קיין רב ניט איבערשפּאַרען: דאָס ווערט שוין אַ מנהג, און דער רב אַליין מוז עס אויך אָננעהמען...

באַלד לייגט מען אַוועק די סכך און מען נעהמט זיך פאַר די הענטעלעך, ר׳ יודאָ פאָרויס, און מען געהט אין אַלאַנגער שורה פון שטוב צו שטוב אין דער גאַנצער יודישער גאַס, — פון טהיר קומט מען אַריין, און פון פענסטער — אַרויס; ר׳ יודאָ פערקאַשערט זיין לאַנגען סורדוק און קלעטערט דער ערשטער אין פענסטער, די יונגעלעך פערגעהען זיך מיט׳ן לאַכען און קלעטערען נאָך איהם, נאָר מען מוז דאָך זינגען, און לאַכען וועט מען שפּעטער... די גאַס רוישט —

מײַדעלעך קוקען פון װײַטען, לויפען זיי נאָך, פּאַטשען מיט די הענטעלעך, דרעהען זיך אויף קופּקעלינך־װײַז, און הילכען, און שרײַען, װי יונגע קאַטשקעלעך... און די „שורה" ציהט זיך און דרעהט זיך, ביז זי קומט, ענדליך, צום בית המדרש. דאָ קומט מען אויך אַרײַן פון טהיר און מען געהט אַרום פון אַ פענסטער, נאָר דאָ קומט מען באַלד אַרײַן דורך אַ צװײטען, און אַזוי כסדר קלעטערט מען דורך אַלע פענסטער, ביז מען קומט אַרײַן דורכ'ן לעצטען, און מען בלײַבט אין בית המדרש. מיעדע און בלאַסע, נאָר לוסטיגע און צורוישטע, דרעהט מען זיך אַרום בימה. ר' יודאַ האָט שוין דאָס סאַמעטענע היטל אויפ'ן פּאַטיליצע, נאָר דאָס פערשטעהט זיך, שטערט ניט, און מען „אַרבײַט" ביז מעריב.

די נאַכט קוקט אַרײַן אין בית המדרש, דער װאָכענדיגער מעריב ליגט שוין אויפגעמישט אויפ'ן עמוד, און דער אָבל קוקט אויף איהם מיט נײַעריגקײַט: אַװעק דער לאַנגער יום־טוב, װען ער האָט ניט געטאָרט צום עמוד צוגעהן...

ר' יודאָ זיצט אויף זײַן אָרט אין „מזרח", די הענד אויף די קניה אַװעקגעלעגט, מיעדיג און שװאַך. די קינדער קומען אָבער אַלע מאָל צו און בעטען זיך:

— נאָך אַ נגון, ר' יודאַ, — נאָך אײנעם —

— אָבער מעהר ניט, — רעדט ער אויס, — זינגט „סימן טוב"...

און אַ יונגיל מיט אַ געשמאַק קול'כיל מיט אַ בעטענדיגער מעלאָדיע זינגט אַרויס: סי־מן טוב ו־מ־זל טוב יהא־אַ־ל־נו...

דאָס יונגעלע חזר'ט עס איבער, און די תחנונים'דיגקײַט שטײַגט אַלע מאָל מעהר און מעהר, פון אונטען ביז אַרויף, און אין אַלע פיער זײַטען —

„װאָס אַ יוד זאָל ניט טהון, ענדיגט ער אַלץ מיט דעם שטענ־דיגען נוסח: הלואי, זאָל עס אונז צו גוטען זײַן"... טראַכט ר' יודאָ מיט איין אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, — דאָס אײנציג מאָל אין יאָהר, װען ר' יודאָ האַלט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ". די איבעריגע יונגעלעך האָבען דערװײַל אונטערגעחאַפּט מיט צוזאַמענגעמישטע שטימעלעך, מיט אַ געהילך און רעש: „סימן טוב ומזל טוב, מזל טוב וסימן טוב...

נאָר אַלע ענדיגען מיט אַ געבעט: יהא־אַ — ל־נו!..

אין דעם זיסען חשך פון בית־המדרש צושפּרײטען זיך די טרויעריגע און חשכ'דיגע תחנונים, און זיי װערען פערגלײװערט אין דער לופט פון בית־המדרש אויף אַ גאַנץ־יאָהר — — —

# מאיר'קע „סוד־בּאראָן“.

# מאיר'קע „סוד־בּאַראָן".

(דעם זיידענ'ס אַ מעשה).

...אַז איהר שווייגט אַלע, ווי די טויטע, און איהר זענט אומע־טיג, ווי די מצבות אויפ'ן בית־עולם, וועל איך אייך חאָטש אַ מעשה דערצעהלען.

איך וואונדער מיך טאַקע: יונגע לייט זאָלען זיך צוזאַמענקומען שמחת־תורה און זיצען ווי די דערשלאָגענע!? איהר שעמט זיך אפשר צו משמח זיין מיט דער תורה, וואָס מען צורייסט זי אין מיטען גאַס?... דאָס האָבען זיי ניט אונזער תורה צוריסען — דאָס האָבען זיי זייערע לייטישע מלבושים'לעך צוריסען און זיך אַרויס־געוויזען אָדם־נאַקעט... נאַראָנים, איהר לאָזט זיך ניט אַריין אין דעם אומעט פון פורעניות, וואָס קומען אָן אויף יודען: מוטהיגט זיך בעסער, זענט פרעהליך, וועט איהר שטאַרק זיין, וועט איהר ווידער לעבען — אַלע מאָל לעבען!... איך וואָלט אייך אַ ניגון אויסזינגען, נור צו אַ נגון, זעה איך, זענט איהר שוין ניט מסוגל: אייך דאַכט זיך אַלץ, אַז דאָס ברעכט מען אייך די שויבען... וועל איך אייך אַ מעשה דערצעהלען, איך וועל אָנהויבען מיט אַ מעשה און וועל אויסלאָזען מיט אַ נגון. אפשר וועל איך פון אייך אייער שטילען אומעט פערטרייבען, אפשר וועט איהר זיך פונאַנדערהוידען?...

איהר הערט: פון מיינע יונגע יאָהרען געדענק איך מאיר'קע „סוד־באַראָן" און „ברוך־אייזיקס בוים" — ביידע געדיינק איך. אין אונזער גאַס, אויפ'ן ברעג טייך איז אַ בוים געשטאַנען, — אָט דער בוים האָט זיך גערופען: „ברוך־אייזיקס בוים", ווייל ער איז אויף זיין ערד געוואַקסען ביי איהם אין הויף. — אַ בוים איז דאָס געווען — אַ וואַלד; אַבי בוימער אין איין בוים... ער האָט זיך עפּיס אַזוי צושפרייט, ווי אַ ברך... איין צווייג האָט זיך אויף צווייען געשפּאָלטען, און געוואַקסען; ווידער זיך אויף צווייען געשפּאָלטען און ווידער

געוואַקסען... לסוף האָט ער זיך אין אַזוי פיעל צווייגען אָנגעטהון, אַז מען פלעגט שטעהן פון איין זייט טייך, האָט מען זיך געקענט טועה זיין: קיין וואַסער האָט מען דאָ שוין גאָר ניט געזעהן, די צווייגען האָבען זיך צושפּרייט און נעדיכט בעדעקט דער טייך פון ברעג ביז ברעג, ווי אַ געפלאָכטענער בריק — חאָטש נעהם און געה אויף איהם! אַרום דעם בוים האָבען זיך טאַקי די „ניט=גוטע" פערפיהרט, און רוסאַלקעס פלעגען פון בוים רופען הוידען זיך... אַזוי האָט מען דאַמאָלס געזאָגט... וואוהין איז היינט דער בוים אַהינגעקומען, ווייס איך ניט. אויסהאַקען האָט מען איהם ניט געקאָנט. די האַק האָט ניט גענומען: די האַק פלעגט זיך אין איהם אַריינבייסען, ווי אין אַ פלייש. היינט איז שוין ניטאָ אַזעלכע בוימער, היינט אַ ריטעל — האַקט מען שוין אָב. און דאָס איז געווען אַנ'אַמאָליגער אַ בעטאָגטער בוים...

אַז איך דערמאָהן מיך אָן דעם בוים, דערמאָהן איך זיך אויף מאיר'קע „סוד=באַראַן". ער איז אויך געווען איין אַ מאָליגער אַנ'אַלט=פרייינקישער מענש... היינט איז שוין דער מין ניטאָ — אַ שאָד, אַ שאָד!...

מאיר'קע איז אַ פשוט'ער יוד געווען—אַנ'אַמאָליגער בוים מיט אַ געזונד האַרץ!

ער איז געווען אַ ביסעל צו מגושמ'דיג... איהר ווילט וויסען, ווי ער האָט אויסגעזעהן, וועל איך אייך זאָגען. אַז מען זאָל אויף אַ היינטיגען מענשען אַרויפשטעלען נאָך איינעם און אויף דעם צווייטען — אַ בר=מצוה=יונגעל, און אויף זיי אַלעמען אָנטהון גרויסע בערישע פוטערס, וועט עס אויסזעהן, ווי מאיר'קע... דאָס איז געווען זיין וואוקס! — היינט זיין קאָפּ מיט די האַרטע, געדיכטע האָר, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ קיישעל מיט אָנגעשטעקטע ריטער, זיין בעוואַקסען פנים מיט'ן קורצען און שמאָלען שטערענדיל, וואָס האָט זיך פערלאָרען אין אַ באַרג פון האָר, זיינע דיקע ליפּען און דאָס לאַנגע מויל — חלעבען ס'האָט געשווידערט!... אָבער אויגען האָס ער געהאַט — אויגען גאָר אַנדערע! — ניט זיינע אויגען — ליכטיגע, ווי ביי אַ גוט קינד; אין זיי האָט זיך מאיר'ס האַרץ געזעהן. אוי, אויגען! — חאָטש קוקען מיט זיי אויפ'ן הימעל און וואַרטען, אַז אַ מלאָך'ל זאָל אין מויל אַריינפליהען... — „מאיר, פון וואַנען קומען צו דיר אַזעלכע אויגען"? — פלעגט מען לאַכען, — „מיין מאַמ=מעס ירוש=שה"... פלעגט ער שאַרף און גראָב אַרויסרעדען מיט די דיקע ליפּען. צום רעדען איז ער קיין בריה ניט געווען: זיין ברייטע צונג האָט זיך ביי איהם אין מויל, ווי אַ שטעקעל געפלאָנטערט.

איהר לאַכט, קינדערלעך, פון מאיר'ן—איך האָב אייך געזאָגט, אַז ער איז צו מגושמ'דיג געוועזן, זאָל ער מיר מוחל זיין... אָבער איך זאָג אייך: איך האָב ליעב אַ גרויסע, אַ גוטע חיה, וואָס קוקט אויף מיר מיט גרויסע, כשרה און תמימות'דיגע אויגען... איך האָב פיינד די קליינע בייזע חיות'לעך, וואָס פליהען שטענדיג אַרום צוטראָגענע און הונגעריגע, קוקען אַרוים מיט קליינע רמאות'דיגע אויגעלעך, און זוכען, און שנאָרען שטענדיג... איהר הערט, קינדער, איהר זאָלט זיי אויך פיינד האָבען...

מאיר האָט אַ נשמה אין זיך געהאַט און אַ גרויסען כח פון מסירת=נפש. זיין כח איז געוועזן אין דעם, וואָס ער האָט זיך שטענדיג אָבגעגעבען פאַר אַלעמען. ניט היינט געדאַכט, עס איז געוועזן די חאָלעריע — די צווייטע חאָלעריע... אַלע זענען כמעט פון שטאָדט צולאָפען — אויפ'ן בית=עולם האָס מען געטאָנט און גענעכטיגט, מען האָט דאָרטען חופות געשטעלט, „אָבינו מלכנו” געזאָגט און נאָך אַנדערע סגולות צו דער מגפה געטהון... און אין שטאָדט האָט איבערגעטרייסעלט און אויסגעקייקעלט פון קליין ביז גרויס, — און נור איין מאיר האָט זיך די גאַנצע צייט אין דער קהל'שער באָד געפונען און האָט אַלעמען געריבען... וואָרום ווען עס פלעגט נור „אָנחאַפען”, פלעגט מען כאַלד אין דער קהל'שער באָד ברייינגען ראַטעווען... און דער ראַטונעק=געבער איז געוועזן מאיר, ער איז געוועזן דער „רייבער”. אַ מאָל איז דאָס די תרופה געוועזן, און מאיר האָט מיט מסירת=נפש הונדערטער יודען געראַטעוועט... מיר דאַכט, אַז ער פלעגט זיך מיט זיינע גרויסע דיקע הענד אויף דער מגפה אַ וואָרף טהון, פלעגט ער זי צווישען די פינגער צוריייבען... ער איז געוועזן איינער אין שטאָדט, און האָט זי כמעט גובר געוועזן ... אויף דער פיערטער וואָך האָט איהם אויך „אָנגעחאַפט” — מאיר'ן אַליין — ווער זאָל איהם שוין אָברייבען?... האָט ער זיך אָבער אַליין אָב=געראַטעוועט: אַ צונויפגעדרעהטער, אַז איהם האָט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן געקלאַפט, איז ער אַוועקגעלאָפען צו דוד דעם ברויט=בעקער, האָט ביי איהם אַנ'אויבען ברויט געחאַפט, הייסען, ברענענדיגען ברויט, און האָט זיך מיט דעם אַרומגעלעגט, ווי ער איז גרויס. אַז דער ברויט האָט אָבגעקיהלט, האָט ער גענומען אַנדער ברויט הייסען, — און אין אַ מעת=לעת האָט ער זיך אָבגעראַטעוועט און איז ווידער אַוועקגעגאַנגען אין דער קהל'שער באָד — ראַטעווען אַנדערע...

„סוד=בּאַראַן טראָגען” — דאָס איז זיין ווערטיל געוועזן: „איך האָב כח, טראָג איך יענעם אויף די פלייצעס — „סוד=בּאַראַן” טראָג איך... מען דאַרף העלפען... איך קאָן אַלעמען אויף זיך אויפהויבען” — אַזוי פלעגט מאיר זאָגען אויף זיין לשון.

איך געדענק יענעם שמחת=תורה... אונזער בית=המדרש שטעהט אויף דער זייט טייך, ווי היינט, און דער רב, רב חיים'קע, האָט געוואוינט אויף יענער זייט טייך. ביי אונז איז דאַמאָלס אַ מנהג געווען, אַז שמחת=תורה פאַר הקפות זאָל דער גאַנצער עולם צום רב צוזאַמענקומען אויף כבוד. דעם „כבוד" פלעגען מיר שוין דאָרטען, ביי איהם צוגרייטען, — איטליכער ברייננט מיט זיין כשר'ער האַנד פון זיין קיך און פון זיין אויבען... און פון רב געהען אַלע צו הקפות. זיצען מיר ביים רב אויף כבוד. וואָס טהוען די שקצים? — שקצים זענען דאָ אין אַלע צייטען — זיי נעהמען צו די צוויי ברעטער, וואָס זענען געלעגען איבער'ן טייך, ווי אַ בריקעל. מיר ווייסען פון גאָר נישט, — מיר האָבען ביים רב גאַנץ פיין געהוליעט, מאיר האָט געטאַנצט און שטאַרק צוגעקלאַפט מיט זיינע גרויסע פיס... ער האָט אַזאַ טאַנץ געהאַט, וואָס איז געווען אַ שפרונג אין דער הויך, אַ פליה אין דער לופטען און אַ טאָפע אויפ'ן פאָדלאָגע, און ביי יעדער שפרונג אין דער הויך פלעגט ער אויסשרייען: „יו=דען" און ביי יעדען טאָפ אויף דער ערד פלעגט ער צוברומען: „זינגט"! — אָט אַזוי האָט זיך עס ביי איהם נוהג געווען... טאַנצען פלעגט ער נור שמחת=תורה, ביי דעם רב אין שטוב, מיט דעם רב אויף די הענד — פשוט אויף די הענד פלעגט ער איהם האַלטען און טאַנצען מיט איהם. און נאָך הקפות אין בית=המדרש פלעגט ער טאַנצען מיט אַ ספר=תורה. דאַמאָלס פלעגט ער שוין ברומען: „אונזער תורה, אונזער תודה" — און פלעגט אַרומשפרינגען און אַרומטאַנצען אין גאַנצען בית=המדרש, פעסט צודריקענדיג די ספר=תורה צו זיך... דאַכט זיך, אַז דאַמאָלס זאָלען געווען אָנפאַלען אויף מאיר'ן מיט דער תורה אומות מיט חיל, וואָלטען זיי פון זיינעם אַ בליק, פון איין בליק נור בלייבען אָבהענדיג...

...יאָ, פון כבוד געהען מיר צו הקפות, ווי אַלע מאָל. — ס'איז שוין גוט פינסטער — שמחת=תורה איז שוין די לבנה ניטאָ, אַ רעגענדיל האָט געשפריצט, איז נאָך פינסטערער געווען. מיר אָבער געהען מיט אַ האָפינקע, מיט געזאַנג, דאָס הייסט: די וועלט איז אונזערע און מיר זענען איהרע — זינגען מיר... ערשט מיר קומען צום טייך — ניטאָ קיין בריקעל... אומקעהרען זיך צוריק מיט דעם געסיל, אַריבערגעהן דעם גרויסען בריק, און מיט דער „לאַנגער גאַס" אין בית=המדרש געהן — דאָס איז עפיס מאָדנע. אויף דער „לאַנגע גאַס" וועט מען דאָך ניט לאָזען זינגען — ווי געהט מען דאָס צו הקפות, ווי די שטומע?... וואָס טהוט מען? — אָבער אַז מאיר איז דאָ, איז שוין אַלעם פערזאָרגט, ער האָט שוין זיין תרופה: „סוד=באַראָן"... גענומען אויף די פלייצעס און געטראָגען... און מאיר טראָגט אויף זיך פיער מנינים

יודען מיט האַק און פּאַק, מיט דעם רב, מיט דעם גבאי און מיט דעם שמש — אַ יודען נאָך אַ יודען אַריבערגעטראָגען פון איין טריקעניש אויף די צווייטע, און אויף ביידע טריקענישען, אויף ביידע ברעגען פון טייך איז שמחה=ששון. מען זינגט און פּאַטשט מיט די הענד — צוויי מחנות יודען זינגען און טאַנצען איינע געגען די אַנדערע, און אין דער מיטען אין טייך, געהט מאיר מיט זיין „סוד=באַראַן” און טאַנצט אין וואַסער, און דאָס וואַסער טאַנצט אויך, ס'פּליאָסקעט צו מיט שמחה, און דער טייך איז פרעהליך, און דאָס רעגענדיל לויפט נאָך און פּליאָסקעט זיך אויך... פון די הייזער אַרום איז מען אַרויסגעלאָפען, ווייבער און קינדער. די קינדער פּאַטשען מיט די הענדטלעך, זינגען און טאַנצען, און די ווייבער לאַכען הויך פון פערגניגען, פון שמחה, ווייבער לאַכען און זינגען ניט... איהר הערט, קינדער, צייט מיר זענען אין גלות, זינגען ניט און טאַנצען ניט אונזערע ווייבער אויף אַ יודישער שמחה, זיי קוקען נור אויף די מאַנזבילען, וואָס מאַכען זיך לוסטיג, און לאַכען... אַז די ווייבער וועלען אָנהויבען זינגען און טאַנצען אויף יודישע שמחות, ניט נור פון דערווייטען שטעהן און אָנקוועלען, דאַמאָלס וועט זיך די גאולה אָנהויבען...

די צוויי יונגע לייטלעך, וואָס האָבען די ברעטער פון טייך געוועזען צוגענומען, זענען אויך צוגעקומען, און זאָגען: „מאיר, מיר זענען זיך מודה — דו דאַרפסט קיין בריק און קיין לייטער ניט”... נעהמט מאיר זיי ביידע אויף די פּלייצעס און טראָגט זיי אַוועק אויף יענע זייט טייך... שטעהען זיי דאָרט נעבּיך און קוקען... אַלע זענען צו הקפות אַוועק מיט אַזאַ געזאַנג, מיט אַזאַ זמר!... און אַ שמחת=תורה איז דאַמאָלס געוועזען! — איהר, קינדערלעך, ווייסט שוין ניט, ברוך=השם פון קיינע שמחות היינטיגע צייטען... איהר ווייסט ניט פון אַ שמחה, איהר קאָנט ניט וויסען, ווייל — ווייל איהר קאָנט איין טריט ניט מאַכען אָהן אַ לייטער און אָהן אַ בריקעל... מאיר אָבער האָט געקאָנט! צו וואָס האָט ער אַ בריקעל בעדאַרפט? ער איז געגאַנגען...

און איין מאָל האָט מאיר אַ „ניט=גוטען” געטראָגען אויף זיך סוד=באַראַן... איהר לאַכט דאָך: ניט=גוטע זענען נור מענשען... יאָ, איך האָב אויך נור מענשען ניט=גוטע געזעהן, אָבער אויסער זיי — אַן אמת'ן „ניט=גוטע” האָב איך נאָך ניט געזעהן, אָבער דענסטמאָל האָט מען אַזוי געזאָגט און מאיר אַליין האָט אויך געגלויבט, אַז דאָס איז אַ „ניט=גוטער” געוועזען. „געטראָגען — צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל איהם טראָגען — האָב איך איהם געטראָגען... שווער געוועזען”...

דאָס איינציגע מאָל, וואָס מאיר האָט זיך געקלאָגט, אַז איהם איז דאָס „סוד באַראַן" שווער געווען ...

און דאָס איז טאַקי יענעם שמחת-תורה געווען. נאָך הקפות האָט מען בײַ דעם נבאַי געהוליעט, אויבעט אויף דעם זײַט טײַך, און שפּעט בײַ נאַכט איז מאיר אַהיים געגאַנגען, אויף יענע זײַט טײַך: קומט ער צום בריקעל, יאָגט איהם עמיץ אָן און שרײַט: — „וואַרט, רב יוד, וואַרט!" — וואַרט ער. — „וואוהין געהט איהר?" — „אַהיים". — „אויף די קרומע גאַס?" — „נאָך ווײַטער"... — „וועלען מיר צוזאַמען געהן"... געהט מען. די נאַכט איז אַ פינסטערע, דאָס בריקעל וויגט זיך, דאָס טײַכעל בורבעלט זיך עפּיס מאָדנע — דאָס האָט דער רעגען געקאַפּעט. — „ר' יודאָ" — זאָגט יענער צו מאיר'ן: שענקט מיר אײַער טאַבאַק פּושקע"... — כ'האָב ניט בײַ זיך... ענטפערט איהם מאיר. געהט מען ווײַטער. — „רב יוד" — זאָגט יענער: „גיט מיט אײַער גאַרטעל"... אין יענע יאָהרען פלעגען אַלע טראָגען גאַרטלען — מאיר האָט איהם דעם גאַרטעל — ניט געגעבען. — „ר' יוד, — זאָגט ער — גיט מיר אַ שטעקען: — מיר איז שווער צו געהן"... אַזוי האָט ער בײַ איהם דרײַ זאַכען געבעטען— דרײַ זאַכען! — און מאיר האָט איהם ניט געגעבען, — קיין שטעקען האָט ער טאַקי ניט געהאַט, ווײַל עס איז געווען יום-טוב. כ'ווייס ניט, צי מאיר האָט אויף עפּיס געקלערט, נור ער איז דעם נסיון בײַגעשטאַנען: יענער בעט בײַ איהם, און ער גיט איהם ניט... דאָס איז פאַר מאיר'ן אַ נסיון געווען... — „רב יוד, — זאָגט יענער: איך קאָן ניט געהן — טראָגט מיך"... האָט איהם מאיר גענומען סוד-באַראַן און געטראָגען... מען געהט — די נאַכט איז פינסטער, דאָס בריקעל וויגט זיך און הוידעט אום, דאָס וואַסער רוישט און פּוקעט עפּיס — דאָס האָט דער רעגען געקאַפּעט... און מאיר טראָגט סוד-באַראַן, און זעהט ניט, און מערקט ניט, וואו ער איז... און יענער ליגט בײַ איהם אויף די פּלײַצעס און זאָגט: — „רב יוד גיט מיר אײַער גאַרטעל, וועל איך אַליין אַוועקגעהן — אײַך איז דאָך שווער צו טראָגען מיך"... — „שווער"... דאָס מאָל איז מאיר'ן טאַקי שווער געווען צו טראָגען, נור דעם גאַרטעל האָט ער איהם ניט געגעבען: ער האָט איהם קיין שליטה אויף זיך ניט געגעבען...

געהט ער מאיר און געהט, אָהן אַ סוף, אָהן אַ אויפהער, און דאָס בריקעל הוידעט זיך אַליץ, און דאָס וואַסער פּוקעט: פּוק! פּוק!... ביז עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען... אַז עס איז טאָג געוואָרען, איז יענער — טיז, טיז פון די פּלײַצעס און מיט אַ געלעכטער: פּאַטש, פּאַטש אין טײַכעל אַרײַן... פּאַטש. פּאַטש איבער דעם וואַסער, ווי אַ גרויסע גאַנז... און ניט געוואָרען... דאַמאָלס

ערשט איז מאיר דעם בריקעל אַריבערגעגאַנגען, און איז אַהיים אַוועק...

כ'ווייס ניט, צי איז דאָ אַמצבה אויף מאיר'ס קבר... ווער עס איז געשטאָרבען, יענעם פערגעסט מען, גלייך ווי נאָר אויף דער וועלט ניט געווען... די אַלטע בוימער זענען ניטאָ — מען האָט זיי אויס-געהאַקט... די יונגע זענען נאָך ניט אויסגעוואַקסען — ס'שטעקען ערשט די ריטלעך, ס'איז כסדר אַזוי...

נו, יונגע לייט! וואָס שווייגט איהר? מוטהיגט זיך און זינגט דעם אַלטען נגון אונזערן: בטחו, בטחו אבו-תי-נו... בט-חו, בט-חו....



# אנ'אמאל'יגער.

# אַנ'אַמאָליגער.

אַ מהודר'דיגער און אַ ליעבליכער יוד.

אַ זקן מיט אַ שענער ווײַסער באָרד, מיט אַ קלאָרען ראָזעווען פנים און גוטע פער'חלומ'טע אויגען.

און אַלע מנינים אין דער=פריה, און די פערשפעטיגטע, וואָס חאַפּען זיך אַרײַן אין שוהל נאָכ'ן מאַרק ערשט, אַ „דאַווען טהון" אָהן אַ מנין שוין און נאָך דער צײַט פון קריאַת=שמע; די חדר=יונגלעך, וואָס לערנען אין חדר=שני און דער ישיבה=בחור, וואָס קאָן ניט אַוועקגעהן פון שוהל און מוז זיצען בײַ אַנ'אָפענער גמרא, כל=זמן ס'איז דאָ נאָך ווער פון די בעלי=בתים; די מנחה=דאַוונער און די מעריב=דאַוונער; און די אבלים, וואָס קומען פריהער נאָך פאַר מנחה, צונויפצוקלויבען דעם מנין און די, וואָס פערבלײַבען אויף אַ ווײַלע נאָך מעריב, צו שמועסען און הערען עפּיס נײַעס; — זיי אַלע האָבען שטענדיג געטראָפען אין שוהל דעם אַלטען ר' שלמה'ן.

פאַר לײַטען איז די שוהל קיינמאָל ניט געווען אָהן ר' שלמה'ן.

און ר' שלמה איז געווען דער זקן פון דער שוהל. ניט לײַבעלע שרהס, וואָס איז געווען עלטער פון איהם מיט צעהן יאָהר און ניט חיים ר' מרדכי'לעס וואָס איז שוין קוים אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרויסען שטעקען אין דער האַנד, אײַנגעהויקערט און צונויפגעדרעהט פון אַלטקײַט — ניט זיי האָבען זיך עס גערעכענט פאַר די עלטערע לײַט אין דער שוהל. דער זקן איז געווען ר' שלמה נור — אינגאַנצען נאָך אַ ריהרעווודיגער, אַ לעבעדיגער און אַ פרעהליכער יוד. און ס'האָט איהם כמעט קיינער ניט געדענקט ניט אַ זקן, אָהן דער שענער ווײַסער באָרד. און ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט עס אין דער יוגענד נאָך אַ מתנה בעקומען פון גאָט אַליין, פון חשיבות וועגען, אַז ער זאָל

עס טאקע זיין דער זקן פון דער שוהל און פון דער גאנצער סביבה ארום: זאלען יונגע-לייט האבען אנ'עלטערן, פון אבשיי וועגען...

גוט און ליעב איז ער געווען צו אלעמען, ווי א זיידע צו אייניקלעך, האט אלעמען געגריסט, ביי קינדער נאכגעפרעגט זיך אויף זייערע עלטערן, און ביי עלטערן — אויף זייערע קינדער. ער פלעגט געדולדיג אויסהערען פרעמדע מעשיות, מיט א ליכטיגען שמייכעל פרעהען זיך פון פרעמדע שמחות און הארציג בעדויערן א פרעמדען צער. א סך, א סך טרויעריגע און גוטע בשורות, סודות און פערבארגענישען פון אנדערע האט ער אויסגעהערט אויף זיין ארט אין שוהל אין מזרח-וואנד — דער צווייטער פון ארון-קודש, לינקס. און ווער ס'האם ר' שלמה'ן אויסדערצעהלט זיין הארץ און מתפלל געווען אין שוהל — מתפלל געווען דערביי גארניט ווי אלע מאל, האט דערנאך אין הארצען געדאנקט דעם אלטען און געבענשט די שוהל.

האט וועמען בכלל דערווידערט און איז מאוס געווארען דער מארק מיט'ן האנדעל, די מלאכה מיט די דחקות — דאס גאנץ ביסעל נארישע טארעראם, געהט יענער אוועק אין שוהל אריין, בכונה צו פערברייגען א ביסעל מיט ר' שלמה'ן. דאס איז א בעזונדער מין פערגעניגען, א תענוג, וואס בשעת מעשה פערגעסט מען אן אלצדינג. ר' שלמה פערפיהרט אין אנ'אנדער וועלט, רעדט טשיקאווע פיינע זאכען און דערצעהלט עפים מאדנע מחיה'דיגע מעשיות. אמאל צו-אמפערט מען זיך מיט איהם וועגען אט די מעשיות טאקע גופא, פאר זיינע שטותים און פלוידערייען, מען קריעגט זיך מיט איהם און מען שרייט אן אפילו אויף איהם: „אלטער שוטה! איהר פלוידערט"... נור קיינער האט דערביי ניט קיין בייזע מחשבה צו בעליידיגען חלילה ר' שלמה'ן, און ער האט אויך קיין פאריבעל ניט: זיי שפרינגען אויף פון זיינע טשיקאווע זאכען, אבער זיי געפעלט עס, און זיי קומען צו איהם נאכאמאל און נאכאמאל.

און פערמאגט האט ר' שלמה א גאנצע וועלט אנ'אנדערע — די וועלט פון אמאל. ער איז געווען צוגעבונדען צו דעם אמאל, וואס איז שוין לאנג, לאנג אריבער. ווי שאטענס, האבען איהם בעגלייט די אמאליגע מענשען פון די פארצייטיגע דורות, זייער לעבען און זייערע מעשים. פון דעם לאנגען עבר האט ער זיך ניט געקאנט אברייסען, און ער האט אלץ גע'טענה'ט, אז דער „היינט" אהן א „נעכטען" איז א גוף מיט אבגעהאקטע פיס...

— די גמרא דערצעהלט, — פלעגט ר' שלמה אלץ אויפווייזען, — אז ס'איז דא אזא מין בריאה, וואס איז צוגעוואקסען צו דער ערד, צוגעבונדען צו איהר מיט א לאנגע שנור וואס געהט איהר פון נאפעל

אַרוים, — זאָל מען נור איבערשניידען די שנור, אַזוי שטאַרבט אָב באַלד דאָס בעשעפעניש... מען טאָר זיך ניט אָבזאָגען פון די „אָבות”... מיר דוכט, אַז אַ בית-עולם אַרום אַ ישוב איז אויך — אַ פעסטונג, און מתים — זענען אויך אַ חיל — — —

ר׳ שלמה איז אָבער דורכאויס אַנ׳אַמאָליגער, און דער „היינט” הויבט אויך אָן צו עקזיסטירען פאַר איהם אויף מאָרגען ערשט, ווען ער איז שוין געוואָרען אַ „נעכטען” — ליעבליכער און געהיימער פערשאָטענט און אָבהילכיג, פול רמזים און סודות.

פאַמעליך און רוהיג געהט ר׳ שלמה פאַרביי דעם „איצטיגען”, און איז איינגאַנצען איבערגעגעבען צו די אַמאָליגע. ביי די פאַקען-טרעגער אין שוהל קויפט ער אויף די קליינע ספרים׳לעך, אַלע אַנ-טיקלעך, וואו ס׳ווערען דערצעהלט אַזעלכע שענע מעשיות פון די אַמאָליגע גרויסע לייט. ביי אַ קליין מעשען-לעמפיל, וואָס ברענט אַזוי טונקעל, פערברייננגט ער אין זיין צימער לאַנגע-לאַנגע נעכט ביי די דאָזיגע זעלטענע ספרים. און אין דער טונקעלקייט פון דער נאַכט ווערט איהם אַזוי נאָהנט דער ווייטער עבר, די אונבעקאַנטע גע-שטאַלטען און שאָטענס פון די אַמאָליגע אמתע אָדער אויסגעטראַכטע נעמען, וואָס זענען גאָר אפשר נור אַ משל — ווערען איהם אַזוי בעקאַנט און היימיש. היגע לייט אַלע — שכנים. ער הערט זייערע ווערטער און פערשטעהט זייער לשון.

און נאָכ׳ן דאַווענען אַמאָל אין דער-פריה געהט ער צו צום רב אין שוהל און טוהט אַ זאָג מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל:

— רבי, איהר הערט? —

דער רב איז אייגענטליך אַ שני-בשני מיט ר׳ שלמה׳ן און איז אַ סך יונגער פון איהם, — „רבי” און „איהר” זאָגט ער איהם נור אין שוהל פאַר לייטען. ווען ער דערוויסט איהם אָבער אין דער-היים, זיצענדיג אין איין זועסט און ס׳זעהען זיך די ברייטע ווייסע אַרבעל פון זיין העמד, זאָגט ער איהם פשוט: „הער עפּיס, נחמנ׳קע”, אַזוי ווי ער פלעגט איהם שטענדיג זאָגען, פאַר דער סמיכה אויף רבנות.

— רבי, איהר הערט: דער לעבעדיגער, כביכול, האָט זיך בעוויזען צו אַברהם׳ען אין ממרא׳ס פלוין, — הויבט ער אָן שטיל און אָבגעצויגען: פאַרוואָס עפּיס אין ממרא׳ס פלוין? זאָגט דער מדרש, ווייל ער האָט אַברהמ׳ן צו-גערעדט צו דער מצוה...

— נו, נו... שאָקעלט צו דער רב אונגעדולדיג, הויבט אויף דעם קאָפּ און דריקט צו פעסטער מיט אַ פינגער אויפ׳ן אָרט אין דער אָפענער גמרא, וואו ער האָט זיך אָבגעשטעלט אינ׳ם לערנען.

— וואו שטעהט עס אָבער אין פסוק — פיהרט שוין אויס ר׳ שלמה מיט אַ נצחון, — זעהט אָבער די ראשי-תיבות. מ—מ—ר—א

מאַכט: מ—ען מ—וז ר—ב אַ—ברהם... אַזוי האָט ממרא געזאָגט צו אַברהמ'ן...

— פע! — בײַזערט זיך דער רב: אַ צודרעהטער קאָפּ: איהר צומישט דאָך די לשונות —לשון־קודש און יודיש... פע!

— גלויבט איהר ניט... מאַכט ר' שלמה קאַלטבלוטיג און געהט אַוועק צו זײַן אָרט.

„זײַנע דאגות"... וואונדערט ער זיך אויפ'ן רב, וואָס איז אַ סך יונגער פון איהם און איז מיט איהם אַ שני־בשני אפילו: „וואָס מאַכט עס איהם אויס לשון־קודש, תרגום, צי יודיש — דאָס איז דאָך אַלץ אונזער שפּראַך... און וואָס עפּיס געפעלט איהם בעסער, אַז ממרא רעדט גאַרניט?... אדרבה, זאָל ער רײַדען, ווי מיר, מיט אונזער לשון... דאָס הײַסט דאָך מחיה־מתים זײַן"...

און צופריעדען און געהויבען פון די מחשבות, געהט־צו ר' שלמה ווידער צום רב און זאָגט איהם מיט אַ ברײַטקײַט:

— די ראשי־תיבות איז מײַנע אַנ'אייגענע: מײַן המצאָה...

הײַמליכער אָבער פון אַלע מאָל פיהלט זיך ר' שלמה אין די „דרײַ וואָכען", „נײַן טעג", ביז נאָך תשעה־באָב — די גאַנצע צײַט, חען אין שוהל און אין דער סביבה אַרום הערשט איינגאַנצען דער גרויסער און טרויעריגער „אַמאָל". שטיל און בּיסלעכווײַז דרינגט אַרײַן אַנ'אומעט אין דער יודישער גאַס — פון אַ ווײַטען קאַנט און אַ ווײַטער צײַט קומט דער אומעט, וואַקסט, צושפּרײַט זיך און בעדעקט מיט שאָטענס דעם היגען קאַנט. בלאָנדזען מענשען אַרום צווישען די היגע געשטאַלטען און די פרעמדע שאָטענס, און ווייסען ניט, ווער זענען עס די היגע און ווער—די פרעמדע. אײן ר' שלמה פיהלט זיך הײמיש און זעהט דערמאָלט אויס, ווי אַ בעל־הבית צווישען אורחים...

און ערב שבעה־עשר בתמוז, צו דער סעודה־מפסקת פלעגט שוין ר' שלמה בײַ זיך אין דער־הײם די בילדער און די פּאָרטרעטען אויף די וואַנד פערהענגען מיט שטיקלעך לײַווענד, און אַרײַנלאָזען די אבלות צו זיך אין שטוב.

די וואַנד בײַ ר' שלמה'ן אין שטוב זענען געווען בעדעקט מיט אַ סך בילדער און פּאָרטרעטען. ער האָט ליעב געהאַט אַ „רעכט" בילד און אַ שײנעם פּאָרטרעט, ווי דער „כותל מערבי", דער „הר־הבית" מיט'ן בית־המקדש, די מנורה, די לוחות, די עקדה, יעקב בענטשט די שבטים, משה און אהרן, ירמיהו הנביא אויף אַ שטײן מיט זײַן „איכה" אין דער האַנד, די „גאוני ישראל", די „גדולי ישראל" און דער רמב"ם, און דער ווילנער גאון, און רב מענדעלי דער ליובאַוויטשער. יאָהרען־לאַנג האָט ר' שלמה אויסגעקליבען און געזאַמעלט די בילדער און פּאָרטרעטען, אויסגענישטערט אין די ספרים־קראָמען

און ביי די פּאַקען=טרעגער. און האָט ער ערגיץ אין אַ פּריוואַט=הויז דערזעהן אַ בילד, וואָס איהם איז געפעלען געוואָרען, האָט ער זיך ניט בערוהיגט ביז וואַנען ער האָט יענעם ניט איינגערעדט צו פערהאַנדלען עם איהם פאַר מזומן, אָדער בחילוף אויף אַן אַנדער מין אַנטיקעל, וואָס רב שלמה האָט געקאָנט דערפאַר אָבגעבען. די שענסטע ראַמען פלעגט ער בעשטעלען פאַר די בילדער, און דעם רעכטען „אויבען=אָן" אָבגעבען פאַר זיי אויף די ווענד: דער שפּיגעל אַפילו האָט זיך געמוזט פון מאָל צו מאָל אַראָברוקען אַלץ נידעריגער אויף דער וואַנד צוליעב אַ נייעם בילד.

„דער בעסטער שפּיגעל איז — אַ פּאָרטרעט,—האָט ער דערביי געטראַכט: קוקען דאַרף מען אויף אַ פּאָרטרעט פון די גרויסע לייט, וואָרום אויף זיך איז ניטאָ וואָס צו קוקען"...

און די פּאָרטרעטען מיט די בילדער האָבען אַזוי יום=טוב'דיג אַראָבגעקוקט פון די ווענד ביי ר' שלמה'ן אין שטוב. יעדען טאָג, אַהיים קומענדיג פון שוהל, פלעגט רב שלמה מיט אַ טיכעלע אַרומווישען די בילדער פון שטויב, דערנאָך פלעגט ער אָנבייסען, און נאָך אָנבייסען פלעגט ער זיך אַוועקשטעלען ביי איין וואַנד, ביי אַ צווייטער, אַ דריטער און קוקען אויף די בילדער—קוקען צופריעדען און מאָדנע חלום'ן. דאָ האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצען לעבעדיגען ווינקעל פון דעם לאַנגען, לאַנגען עבר, אַ מין ישוב פון די אַמאָליגע געשטאַלטען, ער זעהט זייערע פּנים'ער און ווייסט זייערע מעשים. אַ בעקאַנטע, אַ נאָהנטע, אַ,היימישע וועלט!—

ווי עס קומען אָבער אָן די „דריי וואָכען", פערהענגט רב שלמה זיינע בילדער מיט אַלטען ליינווענד, נור איינס בלייבט אָפען, ניט פערדעקט: ירמיהו אויפ'ן שטיין מיט אַן אַראָבגעלאָזטען צושויבערטען קאָפּ, מיט זיין „איכה" אין דער האַנד... רב שלמה'ס וואוינונג זעהט אויס דעמאָלט, ווי אַ שבעה=שטוב, — אַ שוואַרצער שוידער נעהמט דורך...

„אוים נחלה, אוים בית=המקדש, דער חורבן איז גרויס — מעג מען די פּאָרטרעטען פערהענגען"... האָט עפּיס אַ מאָל רב שלמה אַ קלער געטהון אין די „דריי וואָכען". ער האָט מסכים געווען מיט'ן רב, וואָס איז איהם אַ שני=בשני, אַז על פּי דין אַפילו דאַרף מען דאָס ניט, אָבער — האָט רב שלמה גע'טענה'ט: „איך ווייס דאָך ביי זיך, אַז די פּאָרטרעטען זענען ביי מיר אַ שמחה, אַ תענוג, — וויל איך עס ניט אין די „דריי וואָכען"... כ'וויל ניט הנאה האָבען"...

און איהם דוכט זיך, אַז דער טיעף=פערטרויערטער ירמיהו, וואָס בלייבט איינער אַליין מיט זיין האַרץ=רייסענדער „איכה" צווישען די אַלע פערדעקטע און בעהאַלטענע בילדער, איז אויך מסכים מיט

איהם: „ס׳זענען דאָך פערשטערט געוואָרען אַלע מיינע שׂמחות — אַוועק פון מיר תּענוגים!... ניטאָ אַזא קלאָג, ווי מיין קלאָג"...

די גאַנצע „דריי וואָכען" איז רב שלמה שטאַרק פערנומען אין שוהל און אין גאַס צו פערהיטען דעם כּבוד פון דעם גרויסען טרויער, אַז ס׳זאָל חלילה ניט פעשוועכט ווערען. בּטבע איז רב שלמה ניט פון די שטראָפער, וואָס זאָל זיך אַריינמישען אין דעם אַנדערנס פרומקייט, אָבער אין די „דריי וואָכען" קאָן ער זיך שוין ניט איינ־האַלטען און מוז אָנזאָגען און מזהיר זיין, ווי מען דאַרף זיך נוהג זיין.

—קינדערלעך,— רופט ער צונויף די חדר־יונגעלעך אין שוהל,— דער רבי האָט אייך געזאָגט, אַז אין די „דריי וואָכען" טאָר מען זיך ניט באָדען אין טייכעל, קיין שהחינו ניט מאַכען אויף קיין פּרי, מען טאָר ניט לאַכען הויך — ס׳איז אַ חורבּן... איהר וועט אייך שפּילען שבּת־נחמו, פון דעמאָלט אָן... אַ סאַך שפּילען דערפאַר...

קומט ער אַריין אין אַ שטוּב און דערוויסט אַ יודינע זיצט און נייהט עפּיס, זאָגט ער איהר:

— אַ העמדעלע, אַ שפּענצעריל פאַר אייערע קינדערלעך — זאָלען זיי געזונד זיין! אויף שבּת־נחמו אוּדאי נייהט איהר דאָס, וואָרום איהר ווייסט דאָך געוויס, אַז אין די „דריי וואָכען" טאָר מען ניט אָנטהון קיין ניי בּגד׳ל...

גרוים פערדרוס האָט ער נור פון חיים׳קע דעם משׂכּיל. חיים׳קע דער משׂכּיל, אַ געוועזענער וואויל־לערנער, קומט אָפּט אַריין אין שוהל, גלאַט אַזוי מחמת אַנ׳אַלטע רגילות. טענה׳ט מיט איהם רב שלמה, אַז ער זאָל זיך ניט גאָלען אין די „דריי וואָכען".

— און אַ גאַנץ יאָהר? פרעגט חיים׳קע מיט אַ פערבּאָרגענער כּונה.

— וואָס אַרט דיך אַ גאַנץ יאָהר — מאַכט רב שלמה האַלב ערנסט, האַלב שמייכלענדיג: דעמאָלט זאָג איך דאָך דיר גאָרנישט...

— אַ גאַנץ יאָהר גאָל איך די בּאָרד, און אין די „דריי וואָכען"...

—דעמאָלט איז עס אַנ׳עבירה — רייסט איהם איבּער רב שלמה,— און איצט איז עס אַ נ ׳ ע ו ל ה... דו פערשטעהסט: אַ נ ׳ ע ו ל ה... אַזאַ חורבּן... צום חורבּן בּיזט דאָך אויך שייך — דאָס איז דאָך ניט קיין מצות... אַזאַ חורבּן, און דו מאַכסט זיך שׂמחות: גאָלסט, גרייזעלסט די האָהר און פאַרבּסט זיך...

— וואָס הייסט — פאַרבּסט זיך? — שמייכעלט חיים׳קע.

— איז זאָל זיין אָהן פאַרבּ — מאַכט רב שלמה,— אָבער אַנ׳עולה איז דאָס — אַ גרויסע עולה...

חיים׳קע איז אָבער דערין פער׳עקש׳ענט און פאָלגט ניט. רב שלמה׳ן פערדריסט עס זעהר. ס׳פערדריסט איהם נאָך מעהר דערפאַר,

וואָס חיים'קע איז איהם ליעב שטענדיג און נאָך מעהר אין די „דריי וואָכען". שווער, זעהר שווער איז רב שלמ'ן צונויפצוקלייבען אַ מנין אין מיטען העלען טאָג צו „חצות", און חיים'קע, וואָס וואוינט נעבען דער שוהל, זאָגט זיך קיינמאָל ניט אָב דערפון. „אַ צעהנטער" צו אַ געוועהנליכער מנחה געהט ער ניט, און צו רב שלמה'ס „חצות'ן" קומט ער פון די ערשטע. ער טהוט אויס די שיך, זעצט זיך אויף דער פאָדלאָגע, און ערנסט און פערטראַכט קוקט ער זיך צו, ווי רב שלמה ריכט אָב „חצות", אָנגעבויגען דעם קאָפּ אָן אַ זייט הערט ער זיך צו, ווי רב שלמה זאָגט פערטרויערט און אָבגעצויגען די שטיקעלעך קינות...

און אָוועגד-צייט, בין מנחה-למעריב, קומט אויך חיים'קע הערען פון רב שלמה'ן דעם מדרש איכה. די „דריי וואָכען" געהערען אָן איינגאַנצען רב שלמה'ן: קיין מגיד און קיין רב, און בפרט נאָך אַ שני בשני, האָט קיין חזקה ניט געהאַט אויף צו זאָגען דעם מדרש איכה פאַר'ן עולם בין מנחה-למעריב: דאָס איז שוין געווען רב שלמה'ס חזקה. אין די „דריי וואָכען" איז ער געווען דער שוהל-זאָגער, פון זיין אייגענעם מדרש, וואָס ער פלעגט ברייגגען פון דער-היים פון די אַנטיקען, מיט זעלטענע פירושים.

אין דעם זומערדיגען שאָטענדיגען פאַר-נאַכט האָט טונקעל גע ברענט די הענג-לאָמפּ אין שוהל איבער דעם טיש פון די לערנער. פערמאַטערטע, פערטרויערטע יודען מיט'ן רב אויבען-אָן זיצען און הערען צו, וואָס ס'האָט פּאַסירט אין ירושלים און אין ביתר... און דער אַלטער רב שלמה, וואָס איז אַזוי גוט בעקאַנט מיט די אַמאָליגע דורות, איז אַזוי בעהאַווענט אין יענע קאַנטען פון יהודה און גליל, דערצעהלט נאָכאַנאַנד אַזוי האַרציג און טרויעריג...

און חיים'קע דער משכיל שטעהט פון דערווייטענס, אָנגעשפּאַרט אָן אַ וועגטיל פון דער בימה און הערט זיך צו פערטראַכטערהייד.

פערגליווערט ווערען די שאָטענס אין דער שוהל, די יאָהרצייט-ליכט אויפ'ן עמוד הויבען אָן צו ברענען העלער, ליכטיגער. אַרויס'ן פענסטער, אויף דער גאַס, העכער צו, אין הימעל האָט אַ ציטער גע-טהון און אויסגעפינקעלט דער ערשטער שטערן, אַ צווייטער און אַ דריטער. דער גאַנצער בלאָהער הימעל ווערט שוין אויסגעזעצט מיט טויזענטער בלישטשענדע שטערנדלעך, און רב שלמה דערצעהלט נאָך אַלץ די האַרץ-קלעמענדע מעשיות פון דעם גרויסען און טרויעריגען „אמאָל"...

# בילדער.

# בִּילְדֶער.

## I.

### „וואָס מעֶהר קבצן”...

נִיסֶעלֶע דעֶר קאַלכעֶר האָט זִיךְ געֶוואָלט אַ בִּיסעֶל אויספּוּטצעֶן הײַנט לכּבוד שׂמחת־תּורה. נאָר אִין זײַן בּעל הבּתּישקײַט האָט זִיךְ קײַן בּאַרשטעֶן, קײַן קאַמעֶן און נאָךְ עֶפּיס פון די מִינִים נִיט געֶפונעֶן, און עֶר האָט זִיךְ געֶפּוּצט אָהן „די אַלעֶ זאַכעֶן”...

צוערשט האָט עֶר אַײנגעֶנעֶצט זײַנעֶ העֶנד אִין וואַסעֶר און געֶנומעֶן וואַשעֶן די שטִיוועֶל, דעֶרהויפּט די חאָלִיוועֶס, וואָס זעֶנעֶן פעֶרקאַלכט געֶוועֶן. ווען אִיהם האָט זִיךְ אָבּגעֶדאַכט, אַז זײ זעֶנעֶן שוין עֶטוואָס שוואַרצעֶר, האָט עֶר געֶנומעֶן דעֶם הוט אִין די העֶנד, און מִיט׳ן זאָגעֶל פון אַ גראָבּעֶן פִינגעֶר האָט עֶר אָבּגעֶרִיבּעֶן די גרעֶסעֶרעֶ און געֶדיכטעֶרעֶ פלעֶקעֶן; די קלעֶנעֶרעֶ און שִיטעֶרעֶ פלעֶקעֶן האָט עֶר בּכִיון אִיבּעֶרגעֶלאָזט: אויפ׳ן הוט דאַרף מעֶן הײַנט עֶטוואָס קאַלךְ זעֶהעֶן... צו שׂמחת־תּורה פּאַסט עֶס.

דאַמאָלס אִיז עֶר נאָךְ אַרײַנגעֶקראָכעֶן מִיט אַלעֶ צעֶהן פִינגעֶר פון בּײדעֶ העֶנד אִין זײַן געֶדִיכטעֶר בּאָרד, און זי פונאַנדעֶרגעֶקאַמט, ווי מִיט אַ קאַם.

„גאָר גוט!” — מאַכט עֶר צו זִיךְ לוסטִיג אִין דעֶר מחשבה, עֶר טוהט אַ שמײכעֶל און גלײַכט זִיךְ אויס, ווי אַ „שׂררה”, און געֶהט אַרײַן בּאַלד אִין קִיךְ.

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב, מײַן ווײַבּ! — שרײַט עֶר אויס מִיט אַ געֶזאַנג פאַר אַ מאָגעֶרעֶר יודעֶנעֶ, וואָס זִיצט אויף אַ בּעֶנקעֶל און שײלט קאַרטאָפעֶל.

— גוט יום=טוב, גוט=יאָהר! — ענטפערט דאָס ווייב מעהר פרום, ווי גוט.

— דו ביסט מיר עפּיס היינט האַלב=זייטיג, -- מאַכט ניסעלע מיט'ן האַנד, — פע! דו דאַרפסט מיט מיר היינט דוקאַ גוט זיין, וואָרום איך געה דאָך היינט צו שרה=לאה'ן אויף אַ וואַרעמעס, מיט אַ כבוד, מיט כל=טוב! הינער און גענז, און משקה וועט זיין..

— אַז דו וואָלסט מיר געגעבען דאָס געלד, וואָס משה=ליב האָט איהר געגעבען אויף יום=טוב, וואָלט ביי מיר אויך געווען כל=טוב...

— טענות, מיין ווייב, אויף מאָרגען — היינט איז שמחת=תורה! — גוט יום=טוב, גוט יום=טוב, מיין ווייב!.. האָט ער ווידער אויסגעשריען מיט אַ געזאַנג, און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.

---

— גוט יום=טוב! יודען, גוט יום=טוב אייך! —

מיט די ווערטער איז ניסעלע אַריינגעקומען אין בית=המדרש.

— גוט יום=טוב, ניסעלע! — האָט דער עולם איהם אָבגעענטפערט פריינדליך און לוסטיג:

— ווי איז היינט דער סדר? פון וואָס הויבט מען אָן?

— איהר פערגעסט? — מאַכט ניסעלע, — עך, וואָכענדיגע יודען!..

— ער טהוט אַ שפּרונג אין איין זייט בית=המדרש, אַ קעהר — אין צווייטען, אַ פליה — אין „מזרח” און באַלד טאַנצט ער אַרויף די צוויי טרעפּ צום בימה.

— רבותי, שרייט ער אויס, דער סדר איז, ווי אַלע יאָהר. משה=ליב, אונזער גביר איז נאָך ניטאָ, נאָר היות ווי היינט איז שמחת=תורה, וואַרטען מיר אויף איהם ניט, און מען שטעלט זיך דאַווענען אָהן איהם... ניסעלע וועט זאָגען היינט „אָנהויבעניש” — דאָס איז אַ חזקה: שמחת=תורה'דיגע „אָנהויבעניש” קומט ניסעלען. חתן=תורה וועט זיין משה=ליב, חתן בראשית — זיין איידעם און מפטיר דער זוהן, דער פאַמנאַזיסט... יאָ, מיט הקפות וועט אויך ניסעלע אויסרופען: ער האָט אַ העכערן קול פון אַלעמען דאָ אין בית=המדרש.

— און דעם ציפּלינדער ווען וועסטו אָנטהון? — שרייט צו איהם דער עולם.

— נאָך חתן=תורה, — ענטפערט ניסעלע, — איך קאָן ניט פערשעמען משה=ליב'ן. ער איז פאָרט אַ גביר, זאָל ער זיין אין ציפּלינדער צו התן=תורה, נאָכדעם וועל איך איהם שוין אָנטהון... שישו ושמחו בשמחת תורה...

---

ניסעלע טאַנצט אַראָב פון בימה, שנעל וויקעלט ער זיך איין אין טלית, און געהט צום עמוד, זאָגען „אַנהויבעניש“. —

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב! — אַך, ס׳אַרא רחבת! גוט יום־טוב, גוט יום־טוב! — בעגײַסטערט זיך ניסעלע אַלע מאָל מעהר, אַרומדרעהענדיג זיך אין דעם ברייטען צימער, בײַ משה־ליב וואָלמאַנען אין דער היים. ער הויבט די אויגען צו דער געקלעבטער סטעליע, צו די וועגד מיט בילדער, ער קוקט אויף די טישען, וואָס שטעהען דאָ פול „מיט כל טוב“, און ער שרײַט אויס, וואָס אַ מאָל העכער: אַך, ס׳אַרא רחבת! גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

עס לויפען אָן פון אַלע זײַטען מוידען און מײַדעלעך, טעכטער און אייניקלעך, און בלײַבען שטעהן אין די איבעריגע צימערען, און קוקען מיט מאָדנע אויסגעלומפּערטע אויגען אויף דעם יודען, וואָס האָט זיך דאָ אַזוי צושריען.

—איך בין ניסעלע דער קאַליבער, און דער ציפּלינדער איז ר׳ משה־ליב׳ס: הײַנט האָבען מיר זיך געבּיטען, ער האָט אָנגעטהון מײַן הוט און איך זײַן ציפּלינדער אָהן צוגאָב און אָהן אויסצאָהל... דאָס איז בײַ אונז אַזאַ מנהג מקדמת־דנאָ...

די קלײַנע מײַדעלעך צולאַכען זיך גאַנץ הויך.

באַלד איז אַרײַנגעקומען משה־ליב אין ניסעלעס פּערקאַלכטען הוט, די אייניקלעך האָבען אויפגעהערט צולאַכען, איינע האָט כמעט ניט דערקאָנט דעם זיידען, און, אַז זי האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט אַ טרעהר אָנגעהויבען ציטערן אין איהרע בלויע אויגלעך...

עס איז אַרײַנגעקומען דער „עולם“ פון בית־המדרש. די וויבערע סטעליע און בלאַנקענדע וועגד האָבען זיי, ווי אַ שטורם צוריקגעגעבען, דער עולם איז בײַ זיך אַראָבגעפאַלען און האָט שטיל אַרויסגעזאָגט: גוט יום־טוב...

—נור ניסעלע האָט זיך צו זיי אומגעקעהרט און האָט אויסגעשריען:

וואו איז אייער גוט יום־טוב? וואָס בעהאַלט איהר אין די קעשענעס? מע וועט אייך חושד זײַן, אַז איהר וועט האַלטען די הענד אין די קעשענעס אין אַ גביר׳שער שטוב... זאָגט זשע הויך: גוט יום־טוב! גוט יום־טוב! —

דער עולם האָט זיך אויפגעמונטערט, געשריען מיט איהם, און געלאַכט.

— שרה־לאה! — שרײַט ניסעלע, — וואו איז שרה־לאה? — שרה־לאה!

עס קומט אַרײַן די גבירע, אײַנגעטונקט אין אוירינגלעך, פינגער־לעך און פּערל, ווי די לעקעכלעך, וואָס אויף די טישען — אין מאַנד־לען, ניס און ראָזינען.

זי האַלט די הענד צונויפגעלעגט, און שמייכעלט פרום און צופריעדען.

— וואָס ווילסטו, ניסעלע? — פרעגט זי.

— איך וויל, אַז מען זאָל דעם עולם שען אויפנעהמען, וואָרום זיי זענען דאָך שעמענדיג... אַז ר' משה־ליב קומט צו אונז אין בית־המדרש, גיבען מיר איהם אָב די בעסטע כיבודים: חתן תורה, חתן־בראשית און מפטיר... מאָגט איהר אויך מכבד זײַן דעם עולם... משה־ליב! — שרײַט ער צום גביר, זעה טאַקי, אַז דער עולם זאָל זיך זעצען צום טיש... — משה־ליב'ן זאָגט ער דו, ווי ער איז זיך נוהג שמחת־תורה, וואָרום ער איז דאָך פאָרט אַ מאַנסביל...

— איהר מיינט, זאָגט ער צו שרה־לאה'ן, אַז איך קום צו אײַך אין שטוב אַרײַן איין מאָל אין יאָהר, ווייס איך ניט, ווי צו פיהרען זיך, און קום חלילה, ווי אַ שלעפּער? ניין, איך בין טאַקי אין ציפּלינדער געקומען...

ניסעלע ציהט אַראָב דעם צילענדער פון קאָפּ און בלײַבט אַ וויילע אין זײַן אַלטער אויסגעריבענער און שפּיצעכדיגער יאַרמולקע. דעם צילינדער האַלט ער נור צו מיט די שפּיצען פינגער, און דרעהט איהם, קירעװעט און וואַרפט אויף איהם קרומע בליקען:

— מען דאַרף האָבען אַ קאָפּ צו אַ ציפּלינדער, אמת, שרה־לאה? — אַ קאָפּ, אַ קאָפּ!

— ניסעלע! — שרײַט דער עולם, וואָס האָט זיך שוין גע־זעצט אַרום די טישען און קידוש געמאַכט, — וואָס האָסטו זיך צורעדט? דו ביסט דאָך נאָך אַ ניכטערער..

ניסעלע טהוט אָן דעם צילינדער, מיט די פינגער טהוט ער אַ דרעה די פאות, אַ צופּ די באָרד, אַ גלעט זײַן ריבסענעם סורדוק, און ער געהט צו צום טיש מיט אַ ברייטקייט.

מען האָט איהם אַ בעכער מיט ווײַן דערלאַנגט, ער טהוט אַ גלאָץ מיט די אויגען, און זאָגט:

— ברוך אתה...

— זעצט זיך אין טיש, — זאָגט צו איהם משה־ליב, — איך דאַרף דאָך דיך הײַנט מכבד זײַן ... ניסעלע לעגט אַוועק דעם צי־לינדער אַ וויילע, מון און טהוט אַ זופּ אין איין אָטהעם:
שישו ושמחו בשמחת תורה", און מהוט זיך אַ קולע אין מיטען צימער.

באַלד שפּרינגט ער פון פּאָדלאָגע אין דער הויך און שרייט: משה עלה למרום...

ער שפּרינגט, וואָס אַמאָל העכער, און שרייט, וואָס אַמאָל שטאַרקער —

— נעהם עפּיס אין מויל, ניסעלע, — זאָגט איהם משה־ליב, — נאָכדעם וועסטו שטיפען...

— וואָס אין מויל? ווער דאַרף אין מויל? — קומט, יודען, אַ טענציל. טאַי־ראַי... זינגט ער אויס — וואָס האָט איהר זיך צוגע־קלעפּט צום טיש, ווי פליגען צו אַ שיסעלע סאָק?...

קומט אַ טענציל — טאַי־ראַי"...

ניסעלע דרעהט זיך אַרום איבער'ן צימער און טאַנצט. באַלד שטעלט ער זיך אָב מיט אַ כעס.

— געבוג שוין אייך צו זיצען און עסען... נור עולם־הזה, אפילו אום שמחת־תורה זענט איהר אויך נור אין עולם־הזה אַריינגעטהון... קומט שוין אַ טאַנץ טהון... נו, לעבעדיג: „אַי־אַי"...

בערע דער בטלן איז צו ערשט פון טיש אַרויס און האָט אַוועקגע־לעגט זיין האַנד ניסעלען אויפ'ן אַקסעל, באַלד זענען נאָך איהם אויך אַנ־דערע צוביסעלוויז אַרויסגעגאַנגען פון טיש און האַנד געוואָרפען איינער דעם אַנדערען אויף דעם אַקסעל, און עס איז געוואָרען אַ געדיכטע ראָד, וואָס האָט זיך געדרעהט, געהוידעט און אונטערגעשפּרונגען...

די ראָד האָט זיך באַלד צושלאָגען אויף קליינע רעדעלעך, וועלכע האָבען זיך געדרעהט איינע ביי דער אַנדערער, געשטויסען זיך און געטאַנצט.

רוישענדער און לעבעדיגער פון אַלעמען האָבען זיך געדרעהט ניסעלע מיט'ן בטלן.

„אַי־אַי"... האָט ניסעלע געזונגען, און דער בטלן האָט מיט זיין פרייער האַנד צוגעפּאַכטען אין דער לופט צום טאַקט. דער בטלן האָט העכער די פיס געהויבען, און ניסעלע האָט שטאַרקער צוגעקלאַפּט מיט'ן טראָט —

די אויגען פון משה־ליבס געזינד, און דערהויפּט די אויגען פון די יונגע, וואָס שטעהען אין טיר פון זאַל, זענען צוגעשמידט צו די טענצער. זיי שמייכלען און לאַכען.

— געפעלט אייך? — שרייט משה־ליב צו די קינדער. ער וויל זיך בערימען מיט זיינע יודען, מיט זיין שמחת־תורה: אָט דאָס איז אַ שמחה...

די קינדער שמייכלען צו איהם.

ניסעלע איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ שטוהל. ער גלייכט זיך אויס, ער פערריכט דעם צילענדער אויפ'ן קאָפּ און טהוט אַ גלעט די

באָרד. ער קוקט אַראָב אויף די מאַסע קעפּ אין צימער, וואָס זענען צו איהם געהויבען, ער וואַרפט אַ בליק אין טהיר פון זאַל, וואו „זיי" שטעהען — „די פּריצים אָהן היטלען" — ער טהוט אַ שמייכעל.
„וואָס העך איך זיי?" — טראַכט ער, און ער שרייט אויס:
— משה־ליב! משה־ליב!
דער גביר געהט צו.
ניסעלע בויגט זיך אָן, מיט איין האַנד האַלט ער צו דעם ציל־לענדער אויפ'ן קאָפּ, מיט דער צווייטער נעהמט ער אָן דעם גביר פאַר אַ באַק, ווי אַ רבי אַ חדר־יונגעל ביי'ם פערהערען —
— זאָג מיר, משה־ליב'ל, ווער טראָגט היינט דעם דאָזיגען ציפּ־לינדער? — ער ציהט אַראָב דעם צילענדער פון קאָפּ און בעווייזט איהם.
— ניסעלע דער קאַלבער טראָגט היינט דעם דאָזיגען צילענ־דער, — ענטפערט דער גביר מיט אַ שמייכעל.
ניסעלע טהוט אָן צוריק דעם צילענדער, ער ציהט זיך עפּיס אויס און זאָגט.
— משה־ליב'ל, זאָג מיר, ווער איז העכער? —
דער גביר האָט זיך עפּיס אַרומגעקוקט צום זאַל־טיהר און האָט הויך און אָבגעצויגען געזאָגט:
— ווער איז העכער — דאָס וועלען מיר זעהן מאָרגען...
— מאָרגען — וועט מען זאָרגען... פערקריכט זיך ניסעלע.
ער שפּרינגט אַראָב פון שטוהל, לעגט אַוועק אַ האַנד משה־ליב'ן אויפ'ן אַקסעל.
— קום אַ דרעהדיל, — מאַכט ער צו איהם: היינט איז שמחת־תורה... זינג זשע:
„וואָס מעהר נגיד, מעהר סאָבאַקע —
אויף וואָס דאַרף איך די־יך? —
וואָס מעהר קבצן, מעהר הוליאַקע —
און וואָס העך איך די־יך?.."
די זאַל־טיהר האָט זיך בעוועגט. דער איידעם האָט עפּיס אַ ציה געטהון מיט זיין שמאָלער נאָז, די טאָכטער האָט עפּיס די האָר אויפ'ן קאָפּ פערריכט, די מיידעלעך האָבען זיך הויך צולאַכט, וואָס „דער טאַטע" — „דער זיידע" טאַנצט מיט יענעם יודען...
דער זוהן —, דער גימנאַזיסט, האָט שאַרף אַריינגעקוקט אין ניסעלעס אויגען.
ניסעלע האָט געטראָטען פעסט און זיכער — מיט אַ נחת'דיגען טאַקט, און האַרצענדיג האָט ער צוגעזונגען: "וואָס מעהר נגיד, מעהר סאָבאַקע"...

דער עולם האָט געפּאַטשט מיט די הענד צום טאַקט, צוגע-קנאַקט מיט די פינגער —

דער בטלן האָט זיך פאַר זיך אַרומגעדרעהט נאָך דער פּאָר, ער האָט זיך אויך געהאָפּעט איינער אַליין און צוגעזונגען מיט אַ פרומען אויסדרוק:

„וואָס מעהר קבצן, מעהר הוליאַקע"...

משה-ליב האָט עפּיס מיט שמייכעל אָנגעשעפּצעט ניסעלען— ניסעלע האָט אויך אַ שמייכעל געטהון און אָנגעהויבען העכער: „וואָס מעהר קבצן, מעהר הולאַקע" —

און וואָס הער איך דיזיך?..

II.

## מיין כּבוד.

אַ צופריעדענער איז בערגמאַן אַרויסגעגאַנגען פון לעזע-זאַל.

היינט פיהלט ער זיך טאַקי אמת גוט! גאַזעטען האָט ער היינט געלעזען פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע זאָרטען און פאָרמאַ-טען.

ער אָטהעמט אויס ברייט, און געהט זיך שטיל און רוהיג.

היינט איז יום-טוב, ער האָט היינט ניט אויף זיך קיין לעקציעס צו געבען, און דאָס איז טאַקי אַהרחבה! אַ מין נשמה-יתרה פיהלט ער אין זיך —

און ער האָט געאיילט די נשמה-יתרה צו פערוויקלען אין גאַ-זעטען-פּאַפּיר...

ער האָט שוין היינט געלעזען און געלעזען: אויפ'ן קוואַטיר און אין שטאָדטישער לעזע-זאַל.

„שוואַרקער, שוואַכער... עקזיסטענץ... מלחמה... קלאַסען, חברות... פּאָליטיק"... עס האָט איהם אין די אויערען געזומט, אין דעם מח געפּיקט, ווי טיטום'ן די פליג —

די לופט אַרום איז קוויקענד. דער הימעל איז ריין, די ליכט פון דעם טאָג איז בלאַס, אָבער זי מאַכט איהם פריש און מוטהיג.

ער בעקומט אַ חשק צו שפּאַצירען, און ער הויבט שוין אַ פוס מיט שמחה, אַוועקצושפּאַנען איבער די גאַסען, אין גאָרטען אַריינגעהן.

„עך" — מאַכט ער צו זיך באַלד אין דער מחשבה: „ניט דאָס איז פערגניגען, און ניט דאָס מיינט מען: שמחה... אמת'ע שמחה

איז די נוטיץ, וועלכע דער מענש בעקומט פיר זיך און פיר די געזעלשאַפט"...

דאָס בוך וואָס ער טראָגט אין האַנד, טהוט ער אַ הויב צו די אויגען, און ווערט שטאַרק צופריעדען, וואָס ער האָט היינט געגוג צייט צו לעזען. ער טהוט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקיל אויף אַ שטיין פון ברוק און הויבט אָן צו שפּאַנען שנעלער און לעבעדיגער. ער געהט פאָרביי דעם גאָרטען און קלעהרט זיך: „יום=טוב'דיגע ליידיג=געהערס שפּאַצירען דאָרט איצט"... ער שמייכעלט אוים מיט שפּאָט, און פערביינגט זיין וועג אין אַ זייטיג געסיל. נאָר פּלוצים דאַכט זיך איהם, אַז די לופט איז דאָ טונקעלער, די פליטען ביי די קליינע שטיבלעך — חשכ'דיגער.

ער לויפט דורך און געהט אַראָב די „קליינע טרעפּלעך", וואָס פיהרען פון די אויבערשטע גאַסען צו די אונטערשטע, אַהין וואו זיין קוואַרטיר איז.

ער שפּרינגט אַראָב פון טרעפּעל צו טרעפּעל —

— גוט יום=טוב! —

ער שטעלט אוים די אויגען און קוקט זיך אַרום.

קעגען איהם הויבט זיך אויף פון אַנ'אונטערשטען טרעפּיל אויף איין אויבערשטען אַנ'אַלטער יוד אין אַנ'אַלטען ריבסענעם סורדוק מיט אַ סאַמעטענעם הוט.

פון דעם יודענס שוואַכע אויגען, וואָס זענען כמעט אויף האַלב צוגעמאַכט, שטייגט אַרוים אַ לעבעדיגער בליק, ווי אַ שטאַרהל ליכט דורך אַ שפּעלטעל פון אַ לאָדען.

— גוט=יום=טוב! — זאָגט דער יוד נאָך אַמאָל, און עם שמייכעלט זיין צוקנייטשטער פנים און זיין לאַנגע גרויע באָרד.

באַלד טהוט ער אַפּאָר מאָל אַ ציה דעם אָטהעם, וואָס האָט איהם פערחאַפּט פון זיין שטייגען אויף די טרעפּ.

— וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן, יונגער מאַן? — היינט איז שמחת=תורה...

בערגמאַן שמייכעלט: „אויך אַ שמחה"... קלעהרט ער, און ער שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ, און זאָגט איהם אויך: גוט יום=טוב...

—איהר זענט צוטראָגען, יונגער=מאַן... איהר הערט בעסער מיך...

דער אַלטער האָט ווידער אַ פּאָר מאָל אויסגעאָטהעמט, אָבגערוהט און איז מיט אַ האַנד אין בוזעם אַריינגעקראָכען. באַלד האָט ער בעקומען זיין מעשענע פּושקעלע טאַבאַק, ער האָט זי געעפענט און האָט אויף די זייטען מיט די פינגער אָנגעקלאַפּט אַזוי פרעהליך' יום=טוב דיג—דער טאַבאַק האָט אין פּושקעלע אַ טאַנץ געטהון און געשטויבט—

— נעהמט בײַ מיר אַ שמעק טאַבאַק — האָט דער אַלטער דער־לאַנגט בערגמאַן דאָס פּושקעלע, — איך וויל, אַז איהר זאָלט בײַ מיר נעהמען אַ שמעק טאַבאַק...

דער אַלטער חאַפּט זײַן אָטעהם:

— דאָס איז מײַן כּבוד... קײַן בעסערן האָב איך ניט... נעהמט בײַ מיר אַ שמעק טאַבאַק...

בערגמאַן האָט צווײ ציטערדיגע פינגער אין פּושקעלע אַרײַנ־געלאָזט, אָנגענומען עפּיס טאַבאַק, און געשמעקט —

ער האָט באַלד אויסגעניסט —

— אָט האָט איהר גענאָסען פון מײַן כּבוד... מאַכט דער אַלטער מיט אַ שמײכעל און שמחה, — האָב איך אײך אויסגעבראַכט מײַן כּבוד הײַנט...

בערגמאַן האָט געפיהלט, ווי פון דעם שמעק־טאַבאַק מיט' ניסען האָט זיך בײַ איהם עפּיס מאָדנע איבערגעטרײסעלט אַלעס אין קאָפּ —

— אַי, יונגער־מאַן, — מאַכט דער אַלטער, — אַמאָל פלעגט מען הוליען אַ שמחת־תּורה, — הײַנט האָט קײנער ניט אַ בערוהטע מינוט...

ער רוהט אָב און ציהט אָטהעם.

— וואָס איז הײַנט פאַר אַ שמחות? — אפילו אַ זינג טהון הערט מען ניט אין גאַס... נור — ער ציהט אָטהעם — פון אַ שמעק־טאַבאַק חאָטש זאָגט מען זיך ניט אָב... אַזאַ יונגער־מאַן אַפילו, ווי איהר, האָט בײַ מיר אויך גענומען אַ שמעק־טאַבאַק: עס איז דאָך פאָרט שמחת־תּורה!...

בערגמאַן רוקט אַרויף זײַן הוט אויפ'ן קאָפּ, איהם דריקט עפּיס —

— און אײך אַרט ניט, וואָס איך בין... כ'בין ניט פרום? — איך געה אַרום יום־טוב מיט אַ שטעקעל און מיט אַ בוך...

בערגמאַן האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַ מאָדנע פײַערל אין די אויגען — אַ בײז פײַערל:

איהם האָט זיך עפּיס געוואָלט אַ שטאָך טהון אין דעם אַלטענס רוהיגקײט, אָנשרעקען זײַן שמחה — —

דער אַלטער האָט זיך צולאַכט:

— הײַנטיגע יונגע־לײַט האָבען נור ליעב צו שטעכען זיך... איך בין אײן אײנבינדער, וואָס איך, אַז אײערע יונגע לײַט האָבען נור ליעב די חכמות: „מײַן גאָט און אײער גאָט"...

דער אַלטער האָט זיך אָבגעשטעלט, ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגען, ציהענדיג טיעף זײַן אָטהעם.

זײַ פֿיהרען מיט מיר ויכּוחים... נײַן, יונגער־מאַן, שׂמחת־תּורה איז ניטאָ קײַן פּירוד־הלבבות — אײן שׂמחה פֿאַר אַלעמען... וואָס אַרט מיך? נעהמט בײַ מיר בעסער נאָך אַ שמעק טאַבּאַק — זאָל איך היינט מײַן כּבוד אויספּרעגגען...

— ווי רופֿט מען אײַך? — האָט בערגמאַן מיט אַ ציטער אין קול געפֿרעגט און האָט אָנגעחאַפּט דעם אַלטענס אַ האַנד און פֿעסט געדריקט.

ער האָט נאָך אַ שמעק־טאַבּאַק גענומען צוליעב דעם אַלטען.

— אַ דאגה, ווי מען רופֿט... אַ יוד—שלמה... איהר קאָנט פֿער־געסען מײַן נאָמען, נאָר מײַן כּבוד געדענקט, אויב איהר ווילט... אָט, באמת גענאָסען... זאָל אײַך מײַן כּבוד וואָהל בעקומען... אַנ׳ ערשטעס מאָל איז דאָס בײַ אײַך, דעריבּער ניסט איהר אַזוי פֿיעל...

דער אַלטער האָט בערגמאַנ׳ס אַ האַנד אָנגענומען, און פֿרײַנדליך געשאָקעלט:

— אַ גוטען יום־טוב! — איך וויל געהן אין גאַס, מכבד זײַן נאָך יודען מיט מײַן כּבוד...

בערגמאַן האָט לאַנג געקוקט אַרויף, ווי דער אַלטער האָט מיט זײַן קורצען אָטהעם געשטײַגט פֿון טרעפּעל אויף טרעפּעל — —

# די פאמיליע אפרת.

# די פאמיליע אפרת.

געבענשט פון גאט אליין איז געווען די פאמיליע אפרת, ווי א בוים, וואס האט זיך צעוואקסען הויך און ברייט ביי א ריינעם קוואל וואסער. דאס אלטע פאר־פאלק האט שוין אויסגעגעבען אלע זיבען קינדער זייערע — די פיער זיהן און די דריי טעכטער, אלע וואוקסיגע און שטארקע, מיט דעם רוהיג־שטאלצען בליק פון זייערע קארע אויגען און מיט דעם הרחבות'דיגען מאטען פנים. די איידעמס און די שניהר זענען אלע געווען געראטענע און פיינע, גלייך ווי א מום וואלט גאר לכתחילה אויסגעמיידט און געווייכט פון דער פאמיליע אפרת. און אלע האבען געוואוינט אין דעמזעלבען שטעדטיל, געהאט גרויסע קראמען און פערשיידענע געשעפטען אויף דעם איינציגען מארק, האבען געוואוינט אין אייגענע שטיבלעך אויף דעם „גרויסען פלאץ" ביים מארק און האבען אלע צוזאמען געדאווענט אין דער אלטער שוהל, וואס האט זיך גערופען "משניות". דער אלטער שלמה מיט די זיהן און איידעמס האבען פערנומען כמעט דעם גאנצען „מזרח" פון איין זייט ארון־קודש — רעכטס. צום גליק האט מען די לעצטע יאהרען, נאך דער דריטער שרפה אין שטעדטיל — זינט דעם פולישען „מיאטעזש" — איבערגעבויט א ביסעל די אלטע שוהל, און מען האט שוין דעמאלט געזעהן אויסצומיטלען די ערטער אין „מזרח" פאר די פאמיליע אפרת — אלע צוזאמען. און פון אויבען, פון דער ווייבערשער שוהל, אין די פענסטערלעך פון דער שפיגעל־וואנד האבען זיך אויך כסדר געזעהן די אויסגעציהרטע פרויען־קעפ — פון דער אלטער אפרת'יכע אין א שווארצער אטלא־סענער ליאמקע און א טשיפיק מיט רויטע ווייכשעל, פון דער עלטערער טאכטער און דער שנור מיט פאריקען און טולענע קאסינקעס, פון די מיטעלע — נור אין פאריקען אליין און פון גאר דער יונגסטער,

אין די איינגענע האר שוין, אויפגעקעמט אונטער א מאדישען דאמען־הוט. און צווישען דער מזרח־וואנד און דער מיטעל־באנק אין דער שוהל האבען זיי געפלאנטערט א פאר פעקלעך איינקלעך, מיט סדורים'לעך אין די הענד און אהן זיי, גרעסערע און קלענערע, שווארצינקע און בלאנדינקע — פון די זיהן און טעכטער; און פון די אייניקלעך'ס אנ'„אמן" פלעגט קלינגען און הילכען אין דער אלטער שוהל.

דער גוטער גאט האט געבענשט די אלטע מיט דער בעסטער ברכה — מיט אייניקלעך, העכער פון דרייסיג מנינים. די עלטעסטע פון זיי איז די זיבעצעהן־יעהריגע רחל'ע די שווארצינקע — דעם עלטערנ'ס זוהנ'ס א טאכטער — אדער „רחל'ע די גרויסע", ווארום ביי דער מיטעלער טאכטער איז אויך געווען א רחל'ע די בלאנדינקע, אדער „רחל'ע די קליינע". די אלטע פלעגט אנרופען דאס אייניקעל מיט איהרע ביידע נעמען: שרה־רחל'ע און האבען מיט אפערבארגענער פרייד געקוקט אויף איהר וואוקס פון טאג צו טאג.

אט־אט, ס'לויפען די טעג און ס'וועלען אריבער וואכען און חדשים — שרה־רחל'ע וועט ענדיגען די קלאסען (זי האט זיך גע־לערנט אין גימנאזיום), וועט זי מיט גאט'ס הילף חתונה האבען און בעגליקען דעם זיידען און די באבען מיט אנ'אור־אייניקעלע, און בעפרייען זיי דערמיט פון חבוט־הקבר...

פערבארגען און בסוד, איינער פון דעם צווייטען אפילו, האבען די אלטע ביידע גלייך געווארט דערויף, און שטיל, שטיל, אינ'ם הארצען אינעווייניג האבען זיי בעזונדער גאט געבעטען — ער זאל זיי שוין שענקען „דעם חסד אויך"...

און דעריבער האבען די אלטע — ביידע גלייך אויך — אלץ איינגערעדט דעם עלטערען זוהן משה'ן, אז דאס קינד זאל נאכ'ן גימנאזיום שוין מעהר ניט שטודירען — א רחמנות, הייסט עס, אויף א יונג בוימעלע, וואס מען בויגט עס אזוי אונטער א משא פון די שווערע למודים...

דער זוהן, ווי אלע איבעריגע קינדער, האט צוגעהערט און גע־פאלגט די אלטע. ניט אין דעם געשעפט און ניט אין דעם שטאט האט זיך גארנישט ניט געטהון אהן דער דעה פון די אלטע. און האט מען אמאל געוואלט אויפטהון עפיס א נייס. נאך דער נייער מאדע נאך, האבען עס די יונגערע פריהער ארומגעקלערט צווישען זיך און געפלאנעוועט, ווי א מין בעלאנערונג אויף די אלטע.

אזוי אז מען האט בעשלאסען אריינגעבען רחל'ן אין גימנא־זיום —די ערשטע אפרת'יכע אין גימנאזיום'! — און אבשיקען זי צוליעב דעם אין א פרעמדע שטאדט, האט וועגען דעם פערפיהרט א שמועס מיט'ן זיידען ניט משה, רחל'ס פאטער, נאר ישראל, דער

מיטעלער איידעם. ער האָט עפּיס אַמאָל בײַ מאיר'ן, אַ צווייטען איידעם, אין קראָם פּלוצלונג אַזוי אַ זאָג געטהון צום אַלטען, אַז ער דער שווער, הייסט עס, האָט בעדאַרפט אַנ'עצה געבען משה'ן, אַרײַנגעבען זײַן רחל'ן אין גימנאַזיום. האָט דאָך דער אַלטער אויסגעשטעלט ביידע אויגען, נאָר מאיר האָט אויך געזאָגט דאָסזעלבע, וואָס ישראל, און — סוף כל סוף האָט שלמה אַליין דאָס פאָרגעלעגט משה'ן, און האָט דערבײַ מיט אַ מאָדנעם שמייכעל צוגעגעבען:

— כ'וויים, היינטיגע צײַטען... אָט אָשר משה'ס אַ מיידעל לערנט זיך אויך...

דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ ישוב=הדעת בײַ דער גאַנצער פאַמיליע צוזאַמען און ס'איז אָנגענומען געוואָרען „דעם זיידען'ס פּלאַן".

און אַזוי טאָג=טעגליך, תיכף נאָך מיטאָג, געהט אַרויס שלמה פון דער=היים, סײַ זומער סײַ ווינטער געהט ער אַוועק אין מאַרק, קומט אַרײַן צו אַלע קינדער אין די קראָמען און סקלאַדען פרעגען, וואָס הערט זיך, און געבען אַנ'עצה — אַ גראָהער אַ קלוגער מיט אַ רוהיגען לעבעדיגען בליק פון די אויגען. און אַז שלמה קומט אַהיים צוריק פון מאַרק, געהט אַוועק די אַלטע דבורה אויפ'ן „גרויסען פּלאַץ", שטיל און רוהיג, ווי אַ גוטער מלאך קומט זי אַרײַן צו די קינדער אין די שטיבלעך, טהוט אַ קוש די „מזוזה" און פרעגט זיך נאָך אויף די אייניקלעך: „וואָס מאַכען די קינדער"?

געהען אַוועק די וואָכענדיגע טעג און קומען אָן יום=טובים, פיהלט זיך די פאַמיליע נאָך מעהר צונויפגעבונדען און געקניפּעלט אַלע צוזאַמען, יעדערער בעזונדער אין זײַן שטיבעל, בײַ זײַן טיש און אַ ביסעל אויך אויף זײַן בעזונדער שטייגער, — און פונדעסטוועגען האָבען די אַלע אפרת'עס בעקומען עפּיס איינס פון די אַלטע, און דוקא דעם עיקר יום=טוב, געצויגען עפּיס פון דעם מקור, ווי בעזונדערע צווייגען און פערשידענע בלעטלעך פון איין שורש.

די יום=טובים זענען אין דעם פּרט עפּיס ווי ממילא צוטיילט געוואָרען צווישען דעם זיידען און דער באָבען. פּסח און סוכות האָבען אָנגעהערט אינגאַנצען צו שלמה'ן. ער פלעגט זיך עוסק'ן די בײַ די שמורה און אַליין צוגרייטען ערב פּסח די חרוסת, אַיינטיילען עס די קינדער אויך; ער פלעגט קויפען אַ מהודר'דיגען אתרוג אויף סוכות, און אַלע קינדער פלעגען קומען צו איהם אין סוכה אַרײַן בענטשען. חנוכה האָט אָנגעהערט בײדען גלייך — אי דער זיידע, אי די באָבע האָבען געטיילט חנוכה=געלד די אייניקלעך. דערפאַר אָבער די יום=כיפור'דיגע כפרות און די פּורים'דיגע שלח=מנות האָבען אָנגעהערט אינגאַנצען די באָבען. זי פלעגט די כפּרות — די הינדעלעך

און די העהנדעלעך — האָדעווען בײַ זיך און פּיעשטשען זיי אַ גאַנצען זומער, פלעגט זיך מאָדנע צוקוקען און געניט ווערען אין די שטיק און שטיפערײַען פון יערען עוף בעזונדער. און אָבגעבענדיג אַנ׳איינ־ניקעל זײַן כפּרה־העהנדיל, פלעגט זי אַמאָל אַ זאָג טהון מיט אַ שמייכעל: — „נאַ דיר דעם ווײַסען העהנדיל, אויך אַזאַ שטיפער ווי דו — דײַן כפרה׳לע...״ דערהויפּט אָבער איז די באָבע מלא שמחה געווען פון דעם פורים, פון דעם פרעהליכען, וואַכענדיגען און האַרציגען יום־טוב פון ווײַבערשע נאַשערײַען און קינדער־שפּיעל.

---

אַ פּאָר טעג פאַר פורים נאָך פלעגט זיך שוין אַרום די פענסטער פון דעם גרויסען הויז בעווײַזען „מענדיל בחור״ — דער יעהריגער שלח־מנות־טרעגער. פערוואַקסען דער קאָפּ, דאָס פּנים און די האַלז מיט האָהר, שטרוי און מאָדנע פעדים־קאָלטענעס און אײַנגעוויקעלט אין פערשיעדענע שמאַטעס, פלעגט ער אַרײַנקוקען אין די שויבען, וואָס גלאַנצען ווי שפּיגעל־גלאָז פון דער זון אין אָנהויב פריהלינג. ער געהט אַרום פון פענסטער צו פענסטער און קלעפּט־צו זײַן תמ׳עוואַט פּנים צו די שויבען, ביז וואַנען ס׳דערזעהט איהם די אַלטע, אָדער דער אַלטער שלמה בעמערקט איהם, טהוט אַ שמייכעל און שרײַט אוים אין שטוב:

— דבורה, דבורה, געה אַהער! — אָט איז ער שוין דאָ, דײַן מענדיל בחור.

דבורה טהוט נור אַ וואונק אין פענסטער, שפּרינגט אַרײַן מענדיל בחור אין שטוב, — אַ קלאַפּ מיט׳ן טהיר, אַ וואָרף אַראָב דעם קאָפּ און ברומט אוים:

— גוט־מאָרגען, זיידע! גוט־מאָרגען, באָבע! גוט־מאָרגען, בעלי־בתים!

— זעה, מענדיל, זאָלסט ניט פערגעסען קומען אסתר־תענית אין דער־פריה, — זאָגט איהם אָן דבורה.

— מענדיל וועט ניט פערגעסען אַזאַ גוטע בעל־הבית׳טע... איך וויים אַליין.

— נו, געה וואַש זיך, וועסטו עפּים עסען דערווײַל.

מיט אַנ׳אימפּעט טהוט מענדיל אַ שפּרונג אין קיך אַרײַן, אַז ס׳דערהערען זיך פון דאָרטען קולי־קולות: ס׳האָבען זיך דאָרט אַלע צושראָקען פונ׳ם האַכטיגען גאַסט.

אסתר־תענית אין דער־פריה עפענט שוין מענדיל די טהיר מיט אַ ברייטקייט, און זאָגט אָן:

— באָבע, בעל־הבית׳טע, איך בין דאָ.

אין דעם פאָדער־צימער אויף דער לאַנגער באַנק שטעהען צוויי קאָשיקעס מיט הילצערנע קאָלאָקאָטקעס, קלענערע און גרעסערע, ווייסע און געפאַרבטע. דבורה אָנגעבויגען איבער די קאָשיקעס קלויבט אויס קאָלאָקאָטקעס פאַר די אייניקלעך, און בלומע די גלעזערין האַלט אין איין ריידען.

— זאָלט איהר מיר געזונד זיין, דבורה — איך בין צו אייך אריין אַנ׳ערשטע, איהר זאָלט מיר מאַכען אַ גוטע התחלה...

נישקשה: גאָט האָט אייך געבענשט — מאָגט איהר מיך אויך בענטשען.

דבורה פּרובט אַמאָל אַ קלאַפּ טהון מיט אַ קאָלאָקאָטקע — צי האָט עס אַ שטאַרקען קלאַפּ.

—גוטע, גוטע — איהר קאָנט שוין מיר גלויבען — זאָגט בלומע, — מיין נחום זאָל האָבען אַ בעסערן מזל, וואָלט ער גע־מאָגט אין גאָלד אַרומגעהן.

דבורה הייסט מענדלען פּרובען די קאָלאָקאָטקעס, און אין שטוב ווערט אַ טראַסקעריי ביז צום הימעל. מענדיל ווערט רויט און אָבגעמאַטערט, ער עטעמט אַזוי שווער און קלאַפּט און טראַסקעט איבער מיט אַלע קאָלאָקאָטקעס פון ביידע קאָשיקעס, און אַפּאָר פּלאַצען ביי איהם אין די הענד — די קלאַפּער־צינגלעך, וואָס זענען אָנגעטשעפּעט מיט דרעטלעך, רייסען זיך אָב און פערפליהען האַסטיג צו דער סטעליע. בלומה שרייט אויסער זיך:

—גולם! מענדיל בחור! גולם איינער—דו קאָנסט דאָך אַ מויער אויך איינברעכען!...

— שטילער, מענדיל, — זאָגט איהם דבורה מיט אַ שמייכעל.

— איהר דאַרפט שוין ביי מיר היי־יאָהר נעהמען נאָך צוויי קאָלאָקאָטקעס — זאָגט בלומע, בערוהיגענדיג זיך: ביי אייך זענען שוין אָהן עין־הרע אויסגעוואַקסען נאָך צוויי אייניקלעך, וואָס דאַרפען שוין אויך קלאַפּען המנ׳ן.

— אַ דאַנק גאָט! — זאָגט דבורה פרום און צופרידען.

אָבגעקליבען און אָבגעצעהלט די קאָלאָקאָטקעס און אַוועקגע־לעגט זיי אין אַ קליינעם קאָשיקעל, טהוט זיך אָן דבורה און געהט אַרויס אין מאַרק. מענדיל בחור טהוט אָן דעם קאָשיקעל מיט די קאָלאָקאָטקעס אויף איין האַנד און אויף דער צווייטער— נאָך אַ קאָשיקעל, דערווייל נאָך אַליידיגען; ער געהט נאָך דער באָבען, און חראָפּעט שטאַרק מיט׳ן מויל און מיט דער נאָז.

די זון דרויסען גלאַנצט און שפּיעלט, אַ יונגע אַ לוסטיגע. גאָל־דענע פּעדים און העלע פּאַסען, וואַרימע און פריילּיכע, זענען צושפּרייט אין דער לופט, וועבען ליכטיגע נעצען און בלענדען די אויגען.

פינטעלט=צו אביסעל די באבע מיט די אויגען און געהט ווייטער, און מענדיל נורעט=איין דאס פערוואקסען פנים און קנעט מים די פים דעם ווייכען, ברודיגען און צולאזענעם שניי.

פון די בשמים=קראמען אין די קאנדיטארייען, דערנאך צו דער לעקעך=מאכערין — און דער צווייטער קאשעק ביי מענדיל בחור אין דער האנד איז אויך אנגעפאקט געווארען. שטיל און דוהיג, מיט אזא גוטען שמייכעל אויפ׳ן אלטען פנים געהט די באבע פון שטוב צו שטוב, צו איהרע קינדער, און מנדיל בחור — נאך איהר. און צווישען געטומעל, געשריי און געלעכטער, צווישען קינדערשע קול׳כלעך, הילכיגע, ווי גלעקעלעך, בעקומט די באבע פון איין קא=שעק און פון דעם צווייטען און טיילט איין די איינעקלעך קאלאקאטקעס און שלח=מנות.

— הלואי איבער א יאהר! שרייען איהר נאך די איינעקלעך, בעגלייטענדיג זי פון יעדען שטיבעל, און דער „גרויסער פלאץ“ ווערט פול און פערהילכט פון די קליינע אפרת׳עסלעך.

---

דער זיידע מיט דער באבע זעצען זיך צו דער סעודה פאר=פריה. איבער דעם זויבער=ווייסען טיש ברענט העל, יום=טוב׳דיג די אויסגעפוצטע הענגלאמפ, און אויבען=אן, ביי די גרויסע געפלאכטענע קיטקעס ברענען צוויי גרויסע סטעארין=ליכט אין אלט=מאדישע לייכטער פון ניי=זילבער. דא אויפ׳ן טיש ליעגט אויך און פונקעלט פון דער שטארקער ליכטיגקייט א הייפעל קליין=געלד, זילבערנע מטבעות און קופער אויף צו טיילען. ס׳געהען כסדר: ארימע לייט, גבאים, שמשים, חברה=לייט. און צווישען זיי אלעמען, הין און צוריק, לויפט אריין און געהט אוועק פערמאטערט און פערסאפעט מענדיל בחור מיט א טעלער אין דער האנד, איבערגעדעקט מיט א קליין ווייסען טיש=טיכעל, און ברומט ארויס יעדעם מאל:

— גוט יום=טוב אייך, זיידע און באבע! — דאס האבען אייך געשיקט שלח=מנות אייער זוהן משה און די שנור רבקה.

— גוט יום=טוב אייך, זיידע און באבע! — דאס האט אייך געשיקט שלח=מנות אייער איינעקעל רחל די קליינע.

און אז מענדיל בחור פערבייט אמאל, חאפט באלד שלמה דעם טעות, איבערלייענענדיג דעם צעטיל אין דער טעלער. ווארום אזוי איז שוין געווען איינגעפיהרט ביי דער פאמיליע אפרת, אז יעדערער האט צוגעלעגט אינטעלער זיין צעטיל, פון וועמען די שלח=מנות זענען געשיקט. און אמאל פלעגט זיך דבורה מקדים זיין פאר שלמה׳ן, זיך

אויפהויבען פון איהר שטוהל, אויפדעקען דעם טעלער און, צוקוקענדיג זיך צו די שלח־מנות, אַ זאָג טהון מיט אַ שמייכעל:

— לאה׳לעס, זאָגסטו — דאָס איז דאָך גאָר שרקה׳ס שלח־מנות... איך דערקען ניט איהר שטרודעל, וואָס? דעם ניעסוויזשער שטרודעל... מיך וועט מען שוין ניט אָבנארען אין מיינע קינדער...

שלמה בייזערט זיך כלומר׳שט אויף מענדלען.

— הערסטו, מענדיל — דו זאָלסט מיר גוט איינ׳חזר׳ן, וועמענס שלח־מנות דו טראָגסט... דו זאָלסט מיר ניט צו ביטען די יוצרות...

מענדיל געהט אַוועק און קומט באַלד ווידער אַ פערסאָפּעטער:

— גוט יום־טוב אייך, זיידע און באָבע! — דאָס האָבען אייך געשיקט שלח־מנות אייער זוהן יוסף און אייער שנור גיטעל.

און נאָך איידער שלמה טהוט אָן די שפּאַקולען איבערצולייענען דעם צעטיל, חאַפּט דבורה אַ קוק אין טעלער און שמייכעלט:

— ווידער צוביטען: דאָס איז דאָך גאָר אונזער ראובנ׳ס שלח־מנות... איך דערקען ניט אונזער חנה׳ס טערטלעך מיט דעם שקלאָווער מאָן, וואָס?

— יאָ, יאָ, טאַקע — איז מענדיל אויך מודה. — אַז איך לויף, באָבע, פערגעס איך...

— נו, מענדיל, איצט דאַרפסטו נאָך ברייענגען שלח־מנות פון אונזער לאה׳לען, — דערמאָהנט איהם שלמה, וואוהין ער דאַרף נאָך געהן.

מענדיל טראָגט אַריין די לעצטע שלח־מנות פון דער מיזינקע, מיט די גרויסע פּאָמעראַנצען און אַ פלעשיל „כרמל“ — דער יונגסטער איידעם איז אַ ציוניסט.

— נו, מענדיל, איצט זאָג לחיים — זאָגט שלמה, —: נאָר מאַך פריהער אַ ברכה.

מענדיל בחור, זאָגט ווערטער, ווי מען שלאָגט פּאַליעס, אַז עס טראַסקעט.

דבורה דערלאַנגט איהם צוויי שטיקלעך טאָרט, איינס צו פערבייסען דאָ און איינס — מיטנעהמען אין דער קעשענע. שלמה צעהלט איהם אָב דעמאָלט אויף זיין אויסגעצויגענער האַנד פונפצעהן זילבערנע גריוונעס, אַ גאַנצען הויפען גריוונעס, אַז, מענדיל פערנעהמט עס קוים אין פויסט.

— נאַ דיר נאָך אַ גריוונע פאַר די שלח־מנות פון מיין נייעם איינזיקעל — פאַר מיין שמואל׳קען, זאָל געזונד זיין! — לעגט צו דבורה נאָך אַ גריוונע.

— זעה, מענדיל, דו זאָלסט קומען ערב־פסח, איה"ש, וועל איך דיר צוגרייטען שוין אַ נײַ היטעל אויף פסח און אַן אַרבע־כנפות — זאָגט איהם דבורה: דו זאָלסט קומען ערב־פסח.

— גוט, איך ווייס, — זאָגט מענדיל, —: איך וועל קומען...

שפּעטער קומען זיך צונויף צו די אַלטע אַלע קינדער און אייניקלעך — אין שטוב הויבט אָן צו זוומען, ווי אין אַ ביענשטאָק. מען רעדט און מען ווערטילט זיך — וועגען דער מגילה, וועגען די שלח־מנות און וועגען מענדיל בחור.

— בײַ אונז — ווערטילט זיך דער אײדעם ישראל: בײַ די אפרת'עם ווערט אַפילו פון מענדיל בחור אויך אַ לײַט... ער האָט שוין בעקומען אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער...

— אַזוי פיעל שלח־מנות טראָגען, אָהן עין־הרע, און אַראָב כשורה...

פאַר האַלבער נאַכט זאָגט אַרויס שלמה קורץ: — נו. ער טהוט אַריב די האַנד, שטעלט זיך צו דער מזרח־וואַנד אין שטוב און הויבט אָן צו דאַווענען מעריב מיט אַ מנין. כמעט דער אײנציגער מעריב אין שטאָדט מיט אַ מנין נאָך דער סעודה.

נאָך מעריב חאַפּט מען אַרויף די פוטערלעך אויף די אַקסלען, מען געהט אַרויס אין גרויסען הויף און מען איז מחדש די לבנה.

דער בלאָהער הימעל האָט זיך אַזוי שען צושפּרייט, אויסגע־שטיקט מיט פונקעלענדע שטערענדלעך, און די ליכטיגע לבנה אין מיטען, הויך אזן רוהיג קוקט, ווי אַ מלכה.

— שלום עליכם! —

— עליכם שלום! —

אַ פּאָר פרויען מיט דבורה'ן צוזאַמען זענען אויך אַרויס אין הויף. זיי קוקען צו פון דער ווײַטענס אויף זייערע מאַנזבילען, און אַנדערע זאָגען אויך נאָך די פרומע און גוטע ווערטער זייערע, וואָס זיי דערהערען.

— סימן טוב ומזל טוב...

נור, די אַלטע דבורהש טעהט אָבגעזונדערט, קוקט אויף די לבנה און שעפּצעט שטיל איהר אײגענע תפלה:

— זאָל אײַך דער לעבעדיגער שענקען — אַלעמען, אַלעמען... זאָלט איהר מיר געזונד און שטאַרק זיין...

— גוט חודש! — גוט חודש! — צוטראָגען זיך די קולות פון הויף אין גאַס אַרײַן, און אַלע ווייסען, אַז דאָס האָבען די אפרת'עם שוין מחדש געווען די לבנה.

# גלות אבגעריכט.

# גלות אָבגעריכט.

I.

רב משה'לע רב חיימ'ס האָט בײַ זיך בעשלאָסען גלות אָבצוריכטען, זיעבען יאָהר נאָכאַנאַנד, און האָט דעם סוד נור דעם ווײַב אויסגעזאָגט און דעם אַלטען דין פון שטאָדט, רב מאיר'קען.

דער סופר אָבער, וואָס האָט דעם תנאי=גט געשריבען, האָט נור מיט די פלײַצעס געצויגען און זיך דעם שטערן געריבען, ניט פערשטעהענדיג, וואָס דאָס הײַסט. אין גט האָט ער געשריבען, אַז באָם רב משה'לע רב חיימ'ס וועט אין צעהן יאָהר אַרום אַהײַם ניט קומען, איז דאָס ווײַב זײַנס, שרה'לע, פון פריהער אָן שוין גע'גט... וואָס הײַסט: וואוהין פאָהרט עס רב משה'לע? — פאַר וואָס פערלאָזט ער דאָס ווײַב און קינד, די הײַם און די שטאָדט, וואו ער איז רב — די רבנות, וואָס ער האָט בירושה בעקומען נאָך זײַן פאָטער, רב חיימ'קען?

און אַז דער אַלטער דין, רב מאיר'קע, האָט דעם תנאי=גט אין האַנד גענומען, האָט ער אינגאַנצען געציטערט. אַ טויטע שענקײַט, אַ שוידער=פראַכט האָט אַרויסגעשטײַגט אויף זײַן בלאַס=געוואָרענעם פנים און אויף דעם לאַנגען ווײַסען באָרד. דעם דינ'ס אויגען האָבען מיט שרעק אויפגעבליצט און אַ לאַנגע ווײַלע געקוקט אויף משה'לע רב חיימ'ס.

דער אַלטער דין האָט זיך אויף משה'לעס פאָטער, אויף רב חיימ'קען דערמאָהנט: ער איז מיט איהם צוואַנציג יאָהר חבר געוועזען אין בית=דין, און משה'לע, זײַן איינציגער זוהן, איז אין בית=דין=שטיבעל אויסגעוואַקסען, האָט צו פופצעהן יאָהר סמיכה בעקומען

און איז איהם, דעם אַלטען דין, ווי אַנ'אייגען קינד ליעב געווען. דער אַלטער דין האָט איהם געוואָלט איצט זאָגען: — „משה'לע, האָב חרטה"... אָבער ער האָט זיך ניט דערוועגט דאָס צו זאָגען.

דער אַלטער דין פלעגט אָפט, זעהר אָפט ביי דיני־תורות וועלען זיך ווענדען צו משה'לען מיט דעם טיטעל: „רבי!" נור ער פלעגט זיך עס ניט ערלויבען, ווייל משה'לעס פנים איז אַזוי יונג, אַזוי ווייך און ליעבליך געווען, און ער האָט זיך אויך איצט ניט דערוואַגט צו דערמאָהנען וועגען חרטה, ווייל משה'לעס פנים איז איצט אַזוי פערטראַכט, אַזוי אָבגעפרעמדט געווען — אונבעקאַנט, פרעמד האַט ער פאַר איהם איצט אויסגעזעהען.

און אַז דער אַלטער דין האָט דעם תנאי־גט אין האַנד גענומען, האָט שרה'לע אויף איהם איהרע אויגען אַ הויב אויף געגעבען מיט אימפעט, און האָט זיי באַלד אויף איהר משה'לען געווענדט, און לאַנג, לאַנג צוגעקוקט אויף איהם מיט אַ שטאַרקער ליעבשאַפט און טיעפער רחמנות

און משה'לע האָט ערגיץ וויט־וויים געקוקט מיט זיינע גרויסע טונקעלע און טיעף פערטראַכטע־אויגען; זיין לענגליך־וויים געזיכט מיט דעם קליינעם שוואַרצען באָרד האָט אַזוי פערטרויערט אויסגעזעהן פון עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט גאָר ניט געהערט צו אַלעם דעם, וואָס קומט פאָר איצט אַרום איהם.

דאָרטען, דאָרטען ערגיץ וויים איז זיין טרויער און זיין מחשבה...

און אַז משה'לע האָט זיין האַנד צום דין אויסגעשטרעקט, און פעסט און גיך אַרויסגעזאָגט: — „זענט געזונד!" — האָט איהם דער אַלטער דין צו זיך צוגעצויגען, אַ לאַנגען און אַ שטאַרקען קוש געגעבען איהם אין שטערן און הויך געזאָגט מיט אַ ציטער אין קול: — „הלואי, זאָל עס אָנגענומען ווערען פאַר'ן כלל־ישראל!". —

און צוויי גרויסע טרעהרען האָבען אַרויסגעשוואומען פון דעם דינ'ס אויגען.

— רבי, איך מאָג? — האָט דאָס ווייבעל קורץ און אַיילענדיג אַ פרעג געגעבען.

— יאָ, — האָט דער דין גערען געענטווערט, און איז שנעל פון צימער אַרוים.

—איך וועל נאָך זיין אין דער־היים, —האָט משה'לע אַרויסגע־זאָגט, און איז גיך פאָראוים געגאַנגען.

נאָך מעריב ערשט, ווען עס איז פינסטער געוואָרען דרויסען, איז משה'לע אַהיים געקומען, צו זעגנען זיך מיט זײַן היים אויף צעהן יאָהר און אפשר — אויף שטענדיג.

דאָס לעמפּעל האָט עפּיס אומעטיג געברענט און קוים בעלויכטען דעם גרויסען אַלמער ספרים: וואָס איז אַנטקעגען געשטאַנען. דאָס ווײַב איז שטום אויף אַ בענקיל געזעסען, און מאָדנע קלעמענדיג צוגעקוקט אויפ'ן בעטעל, וואו שלומקע, אַ יונגעל פון פון 3—4 יאָהר, האָט געשלאָפען.

אין צימער איז שטיל — שטיל געוועזן.

„אַז דאָס קינד וועט אויפשטעהן, וועט עס שוין מעהר זײַן פאָטער ניט אָנזעהן„...

די ווערטער שווימען דאָ אַרום אַזוי הילכיג, טראָגען זיך מיט אַ קלאַנג פון עק אין עק צימער.

דאָס ווײַבעל שרעקט זיך. זי וויל הויך אויסשרײַען און פערהילכען יענע ווערטער. זי וויל אויסשרײַען: — חלילה! חלילה! זאָל די בייזע שעה ניט זײַן... אויף צעהן יאָהר נור צושיידען מיר זיך... און נאָכדעם וועט ער צוריק קומען...

צוריק קומען...

אָבער דאָס האַרץ פערקלעמט איהר אַזוי —ס'דאַכט זיך איהר, אַז זי זאָל נור דאָס מויל עפענען, וועט זי אַליין אויך די זעלבע ווערטער נאָך העכער און הילכיגער אַרויסשרײַען:

„אַז דאָס קינד וועט אויפשטעהן, וועט עס שוין מעהר זײַן פאָטער ניט אָנזעהן״...

און דאָס האַרץ צוגעהט אין איהר — ס'צאַנקט אין איהר דאָס חיות.

און משה'לע דאָט זיך זײַנס געטהון, ער האָט פון זײַן פולען אַלמער מיט ספרים נור דרײַ קליינע ספרים'לעך אַרויסגענומען: די תשעה באָב'דיגע קינות, סליחות פון אַ גאַנץ יאָהר און אַ תהלים'ל— און האָט זיי אין זײַן טאָרבע אַװעקגעלעקט — אויפ'ן וועג. ער האָט די זילבערנע עטרה פון זײַן טלית אַראָבגענומען, און אַ אָרימען, אַוואָבענדיגען טלית האָט ער איהם צוזאַמען מיט די תפלין אין טאָרבע פערפּאַקט. נאָכדעם האָט ער פון זיך די בעסערע זופּיצע אַראָבגעצויגען און אָנגעטהון אַנ'אַלטע אַ צוריסענע קאַפּאָטע. און אַז ער האָט שוין אין טאָרבע ברויט פאַר זיך אויך אַװעקגעלעגט, האָט ער די טאָרבע פערקניפּט און אָנגעבונדען זי זיך אויף די פּלייצעס.

ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אויף אַ בענקיל צוגעזעצט, דעם קאָפּ אויף די הענד אָנגעשפּאַרט.

דאָס ווייבעל איז שטום און פערגליווערט אויף איהר אָרט געזעסען. עס האָט זיך איהר איצט ניט געגלוסט צוגעהן צו איהר מאַנן און אָנקושען איהם, אין שטערן, ווי דער אַלטער דין האָט עס היינט ביי טאָג געטהון און ווי זי האָט עס דעמאָלט אויך געוואָלט טהון; עס האָט זיך איהר ניט געגלוסט איינרעדען איהם, ער זאָל די בעסערע זופיצע מיטנעהמען און אויך אַנ׳איבעריגע העמד... צו וואָס? — אַז ער וויל דאָס ניט... געוויס איז זיין רצון צו גוטען....

משה׳לע האָט שוין דעם לאַנגען שטעקען אין דער האַנד געהאַט און די טאָרבע אויף די פּלייצעס. ער האָט זיך איבער דעם קינדס בעטיל אָנגעבויגען, און איהם אויף זיינע ביידע צוגעמאַכטע אויגעלעך און זיין ווייסען גלאַטען שטערענדיל אָנגעקושט.

דאָס קינד האָט ערוואַכט, האָט די אויגעלעך געעפענט, אַ קוק געגעבען, און זיין צופריעדען פּנימיל האָט זיך מיט אַ קלוג און ליעב שמייכעלע צולאָזט; — און באַלד איז עס ווידער איינגעשלאָפען.

דאָס ווייבעל האָט זיך פּלוצים פון איהר אָרט אַ הויב אויף געגעבען, זי האָט זיך אויף דער פּאָדלאָגע געוואָלט וואַרפען, איהר משה׳לעס פיס אָנגעהמען און קושען זיי — איהר גוטען מאַנן, איהר שענעם מאַן, איהר פרומען און ליעבליכען מאַן.

נור ס׳האָט ביי איהר ווידער עפּיס אויסגעפעהלט, אום צו קאָנען דאָס טהון — ביי איהר האָט דער רצון אויסגעפעהלט: זי האָט נעבען איהר משה׳לען איהר רצון פערלאָרען.

משה׳לע האָט איהר זיין האַנד דערלאַנגט און פעסט געזאָגט:

— זאָרג ניט! — האָף! — דיין צער וועט זיך אויך פערעכענען... און זיינער...

ער האָט מיט אַ האַנד אויפ׳ן שלאָפענדיגען קינד אָנגעוויזען.

דאָס ווייבעל האָט געשוויגען און, ווי אַ שאָטען, מיט דעם קאָפּ צוגעשאָקעלט אין יענער זייט און אויף דעמזעלבען אויפ׳ן, ווי משה׳לע האָט דעם קאָפּ געשאָקעלט, רעדענדיג.

און אַז משה׳לע איז שוין פון שטוב אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך דאָס ווייבעל צום בעטעל געוואָרפען, און מיט האַסט דעם קינד געקושט אויף זיינע ביידע צוגעמאַכטע אויגעלעך און אויפ׳ן ווייסען גלאַטען שטערענדיל.

דאָ האָט דאָך איהם ערשט משה׳לע אָנגעקושט!

און אַז דאָס ווייבעל האָט זיך דערנאָך צום פענסטער געוואָרפען, זעהן וואו איז שוין איצט איהר משה׳לע, איז מיט איהר צוגלייך און אַנטקעגען איהר פון דרויסען אַ געדיכטע פינסטערניס צום פענסטער אָנגעלאָפען און זיך אָנגערוקט אויף איהר. —

.II

אין מיטען דעם פעלד האָט ער זיך אַמאָל געווען אָבגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט. דאָס פעלד אונטען איז גרוים און ברייט געווען, ווי דער הימעל אויבען; דער טונקעלער וואַלד האָט זיך וויט-ווייט אַוועקגעשפּאַרט און מיט זיינע לייכטע, „לופטיגע״ צווייגען די ברעגען הימעל געגלעט... דער וועג האָט זיך געצויגען פון איין זייט אין דער צווייטער, און קיין ברעג, און קיין סוף האָט מען פון איהם אין ביידע זייטען ניט געזעהן: ער האָט זיך פון ערגיץ אַרויסגעקליבען און ווערט אין ערגיץ פערלאָרען...

לאַנג איז דער וועג.

משה׳לע האָט ניט געוואוסט, ווי וויט ער איז איצט פון דער היים אַוועק, און וואוהין דער וועג, אויף וועלכען ער געהט איצט, וועט איהם אַרויספיהרען. דאָס האָט איהם אויך גאָר ניט געאַרט, ער האָט ערשט דריי יאָהר גלות אָבגעריכט, און נאָך פיער יאָהר דאַרף ער אַלץ געהן אַזוי, ווייטער און ווייטער... אַז די גאַנצע זיעבען יאָהר וועלען זיך שוין ענדיגען, וועט ער דעמאָלט זעהן, וואוהין ער וועט קומען... אַ תנאי-גט האָט ער דאָך אין דער-היים איבערגעלאָזט אויף גאַנצע צעהן יאָהר...

משה׳לע האָט זיך, שטעהענדיג, אויף זיין הויכען שטעקען אָנ-געלעהנט: ער האָט אויף איהם זיינע ביידע הענד אויסגעבעט און מיט׳ן ברוסט זיך אָנגעשפּאַרט. זיין הויכער און שטאַרקער גוף איז שוין מאָגער און שוואַך געוואָרען, דער רוקען—געבויגען און גע-הויקערט. און די אויגען — מיעד און איינגעפאַלען.

דאָס גלות-אָבריכטען האָט זיך געלאָזט פיהלען — האָט זיך שטאַרק געפיהלט.

דאָס פיינינען זיך איז געוואַקסען אַלץ מעהר און האָט זיך גע-צויגען אָהן אַ ברעג, אָהן אַנ׳אויפהער, זיך אויף אַ קורצע ווײַלע אַפילו ניט אָבגעשטעלט. דער טאָג איז אַזוי פינסטער און שווער געווען, ווי די נאַכט; און די נאַכט — אַזוי שווער און מיעדיג, ווי דער טאָג. איידער עס פלעגען אויפהערען די שרעק און פיין פונ׳ם וועג צווישען פוסטע פעלדער און די געדיכטע וועלדער, פלעגען זיך שוין אָנהויבען די בעלייזדיגונגען פון דעם ישוב.

אַך, רבונו של עולם, דיין ישוב, דיינע שטעדט זענען אַזוי מאוס חושד דעם פרעמדען פאַרבייגעהער! —

און אומעטום איז ער אַליין געווען, עלענד און פרעמד. די בוימער אין וואַלד פלעגען אַמאָל שווייגען, שווייגען, אָבער נאָכגעהן נאָך איהם, און היטען איהם... און אַמאָל פלעגען זיי זיך צושאָקלען,

מיט אַ בייזער און טרייבען איהם האַסטיג ווייטער, ווייטער... און דאָס ברייטע פעלד פלעגט זיך שטענדיג עפּיס אַזוי פונאַנדערעפענען און בשום אופן ניט וועלען איהם פערשטעלען און צודעקען; פערקעהרט: עס פלעגט אויף איהם עפּיס, ווי מיט פינגער דייטען, אָנווייזען אויף איהם די הויכע הימלען און דעם ווייטען וואַלד, און מורמלען: — „אָן געהט ער — דער גלות-אָבריכטער... אָט געהט ער"...

און אין דער פינסטער, אין דעם אונבעקאַנטען פרעמדען חושך ביי-נאַכט, ווען ער פלעגט זיך אַנידערוואַרפען אין אַ גרוב, צי אונטער אַ בוים, פערמאַטערט און הונגעריג מיט „טוידטע" פיס און צובראָכענע ביינער, די טאָרבע צו-קאָפּענס און דער שטעקען ביי דער זייט, — יאָגט זיך אויף איהם אָן אַנ'אֵימה פון אומעטום — עפּיס אַ בייזער טראָגט זיך פון עק ביז עק וועלט. אַ שוואַרצער כעס צושפּרייט זיך, ווי אַ געדיכטער וואָלקען איבער דער גאַנצער ערד: גאָט, ברוך-הוא אַליין כעס'ט אויף אַלעס און אַלעמען, וואָס ער האָט זיין לאַנד חרוב געמאַכט און זיין פאָלק אין גלות פערטריבען...

יאָ, די פינסטערע נאַכט אונטערוועגס שוידערט דאָך אַזוי!

דער שלאָף לויפט איהם פון די אויגען און שווערע, שרעקליכע חלומות זעהט ער כמעט אויפ'ן וואָהר. עס דאַכט זיך איהם, אַז גאַנצע מחנות שוואַרצע לייט האָבען זיך אַרום און אַרום איהם אָנגעקליבען, זיי ווערען נעהענטער, זיי קריכען אויף איהם אָן, און אָט-אָט צוטרעטען זיי איהם.

די שוואַרצע לייט, וואָס ווערען אין דער פינסטערניס געבוירען און שטאַרבען, איידער די ליכטיגקייט קומט אָן, שוידערען איהם אַזוי.

די נאַכט אין וואַלד איז אַנ'אֶמת'ער גלות-געלעגער... אָבער אין ישוב, אין שטאָדט הערט אויך ניט אויף דער גלות.

ווער ווייס איהם, רב משה'לען — ווער ער איז? מען זעהט נור אַ פרעמדען יודען מיט אַנ'אַלטער טאָרבע און אַ שוואַרצען אַ הויכען שטעקען...

אֶפשר געהט ער גנבה'נען?

און ער איז שוין פיעל מאָל אין שטאָדט אויף דער גאַס געבליבען נעכטיגען צווישען הינד, וואָס פלעגען איהם שמעקען און צופּען, זיך בייזערן און בילען אויף איהם.

די בעלי-בתים לאָזען איהם אין אַ שטוב ניט אַריין, און דאָך געפינט זיך אַ מנין צו צוויי בעלי-בתים, וואָס שלאָגען און הרג'ענען איהם אויף מאָרגען פריה פאַר די גנבות, וואָס מען האָט ביי זיי ביי נאַכט גע'גנבה'ט, און פיהרען איהם פון שטאָדט אַרוס מיט געשלעג.

און בשעת א שׂרפה אין א שטעדטעל, פלעגט מען זיך נעהמען צוערשט צו משה׳לען. מען רעכענט, אַז איהם געהט עס אָן צו אָנ-צינדען אַ פּרעמדען בנין און מאַכען שׂריפות.

משה׳לע הויבט קוים אויף זיין שווערען בעוואַקסענעם קאָפּ און זאָגט אין זיין מחשבה אַרויס:

— רבש״ע, דיין ישוב פערליידט ניט סתם אַ מענשען, וואָס מען זאָל ניט וויסען בפירוש, אַז ער איז דאָס, ר׳ משה׳לע ר׳ חיים׳ס...

און באַלד בויגט ער ווידער זיין קאָפּ אַראָב, און שפּאַרט זיך אָן אויף זיין הויכען שטעקען. ער בעטראַכט זיין וועג און ווערט צו-פרידען פון דעם, וואָס זיינע יסורים זענען אַזוי שאַרף און אַזוי לאַנג.

ער וויל ניט אויפהערען אויף אַ ווייַלע צו ליידען, אויפהערען צו פיהלען דעם טעם פון גלות. וואָרום אויף דעם נור איז דאָך זיין גאַנצער חשבון געבויט, צוליעב דעם נור איז ער אַוועק אויף זיעבען יאָהר גלות אָברימכטען. ער האָט גערעכענט און גע׳חשבונ׳ט דעם יודישען גלות און האָט געטראַכט וועגען דער גאולה: ווען וועלען שוין יודען דערלייזט ווערען.

דאָס איז נאָך דעמאָלט געווען, בשעת ער איז נאָך אין דער-היים געזעסען און איז רב אין שטעדטיל געווען. מיט אַ קלעמענדיג האַרצען האָט ער דעם חשבון פון דעם יודישען גלות געמאַכט, און געוואָלט דעם „סך-הכל״ בעקומען פאַר דער גאולה. און זיין לאַנגליך-וויים געזיכט איז דעמאָלט פערטרויערט געוואָרען — פערבענקט און פער-קלעמט; זיינע גרויסע טונקעלע אויגען זענען פערטראַכט און פער׳-חלומ׳ט געוואָרען — זיי האָבען אויפגעהערט צו זעהן און צו מערקען, וואָס עס טהוט זיך אַרום זיי. זיי האָבען נור אין זיך געקוקט, אין די געדאַנקען און זכרונות, און געזעהן דאָרטען לאַנגע, לאַנגע שוואַרצע דורות שוועבען אין דעם גלות-אָבגרונד...

דעמאָלט איז ער שטיל-שווייַגענד געוואָרען, האָט אויפגעהערט מיט דעם ווייב צו רעדען און מיט דעם קינד צו שמייכלען, ער האָט אויפגעהערט צו שפּאַרען זיך וועגען אַ דין און זיך מפלפל זיין וועגען א שווערער שטה אין דער גמרא. ער האָט נור פאַר-זיך געטראַכט, פאַר-זיך גע׳חשבונ׳ט: צו קאָן שוין זיין דער „קץ״ — א סוף צום יו-דישען גלות?

וויפיעל האָבען זיך שוין מיט דעם שווערען חשבון פערנומען, און וויפיעל זענען שוין פון דעם אומגעקומען!

משה׳לע איז דעמאָלט צו טרויעריגע מחשבות געקומען — אַזעלכע מחשבות, וואָס האָבען מיט וועה זיין האַרץ אויף שטיקלעך צוצופּיי און פונאַנדערגעטראָגען.

ער האָט געטראַכט, אַז דער גלות איז שוואַך און לייז, ווייל ער איז אויף הונדערטער און טויזענדער יאָהרען צושלעפּט און צוצויגען— יודען גיבען אָב זייער חוב פאַר גאָט ביסלעכווייס — זייער גלות ציהט זיך און ציהט זיך לאַנגע דורות, — לאַנגע דורות...

און אַ קליין פייערעל איז שטענדיג טונקעל, און שטענדיג ברענט עס דאָך, — און רויכערט אַלע מאָל —

בעסער וואָלטען זיי אויף איין מאָל אָבלײַדען — און נאָכדעם באַלד בעפרייט ווערען!

ער האָט געטראַכט, אַז דער יודישער גוף איז אויף אַלע עקען פון דער וועלט צעוואָרפען, פיהלט ניט דער גאַנצער גוף דעם גלות אין איין צייט, און די צובּרעקעלטע צרה איז אפשר קיין צרה ניט, און געהט ניט אָן אין חשבון...

ער האָט זיך געפרעגט: וויפיעל טראָפּענס פון דעם גלות—טראָפּענס, ווי טרעהרען — און אַ סך אָבער, אַ סך, ווי טראָפּענס אין אַ ים, ווערען אפשר צורונען אויף זייער לאַנגען וועג, איידער זיי דער־גרייכען צו דעם „כוס", וואָס שטעהט פאַר גאָט?

און משה'לע האָט געוואָלט, אַז דאָס גאַנץ יודיש פאָלק זאָל זיך, ווי איין גרויסער, ריעזיגער גוף צוזאַמענגעהמען, און פאַר איין מאָל אָבליידען אַ שווערסטען און האַרבסטען גלות.

די יודישע צרות זאָלען זיך אויף אַ מאָל אויסגיסען, ווי אַ שלאַגס־רעגען, אַ גאָס געבען, און ערפילען שוין, און איבערפילען יענעם „כוס"... איין מאָל — און גענוג.

דאַמאָלס האָט ער בעשלאָסען זיבען יאָהר גלות־אָבריכטען.

ער וועט פאַר איין מאָל און נאָכאַנאַנד פערטראָגען דעם גלות פון דורות, ער וועט אין זיין ברוסט פערמאָגען יעדעס האַרץ־קלאַפּען פון גאָר אַ ווייטען יודען — ער איז דער כלל, דאָס גאַנצע פאָלק, און די זיעבען יאָהר זענען די אַלע דורות, וואָס זענען געווען און דאַרפען נאָך זיין, — און אין איהם און דורך איהם וועט זיך דאָס אַלעס פעראייניגען, צוזאַמענגיסען און אַרויסגעבען איינמאָל דעם „סך־הכל"— אָבגעליטען — און בעפרייט! —

משה'לע האָט זיך האַסטיג אַ חאַפּ געגעבען מיט דעם שטעקען אין דער האַנד, און איז שנעל אַוועק מיט דעם לאַנגען וועג ווייטער ווייטער —

III.

אין אַ ווייטער שטעדטיל ערגיץ, אין אַ פּרעמדען הקדש איז משה'לע קראַנק געלעגען.

די זיעבען יאָהר גלות-אָבריכטען האָבען זיך ערשט געענדיגט — און מיט דעם האָבען זיך אויך זיינע לעצטע קרעפטען אויסגענומען. גלייך ווי זיין שטאַרקער הויכער גוף האָט כחות פערמאָגט נור אויף דעם גלות-אָבריכטען ...

צוויי טעג נאָכדעם איז ער אין אַ שוהלכעל, ערגיץ אין אַ ווינקעל געזעסען שטיל און פערבענקט; דאָס פּנים איז געווען אויסגעצויגען, צוטריקענט, און די ביינער האָבען פון איהם שפּיצעכדיג אַרויסגע-שטעקט; דער הויכער שטערען — טיעף פערקנייטשט און געחמורעט, און אונטער איהם, פון די טיעפע אויגען-לעכער האָבען די אויגען מאַט אַרויסגעשטאַרט. אויף די פּלייצעס איז איהם אַ הויכער הויקער געזעסען — די אייגענע טאָרבע וואָס איז פון דעם גלות אויסגע-וואַקסען און אין זיין גוף אַריינגעוואַקסען.

צוויי טעג איז ער שטיל און געלעהמט געזעסען און געוואַרט, דאַכט זיך, צו דערמאָהנען זיך עפּיס אַזוינס, וואָס ער האָט לאַנג פערגעסען ... אויפ'ן דריטען טאָג האָט מען איהם אַ פערחלש'טען אין הקדש געבראַכט, און אויף אַ בעטיל אַוועקגעלעגט. אַרום איז שטיל און רוהיג געווען.

ער איז מיט צוגעמאַכטע אויגען געלעגען און געזעהן פאַר זיך אַ ברייטע אַ שוואַרצע וויסטע פון אַ טיעפען אָבגרונד — און בוי-מער, פעלדער, הייזער און מענשען לויפען פאָרביי, פאָרביי, שוועבען, דרעהען זיך און ווערען פערפאַלען אין דעם וויסטען אָבגרונד ... און, אַז ער עפענט די אויגען, בעמערקט ער, ווי עס פערשווינדט פּלוצים אין דער דונקעלער לופט אַ ליכטיג פּנימיל פון אַ יונג קינד ... געוויס איז עס דאָ ערשט נעבען איהם געשטאַנען ... ער קעהרט זיך אום צום איינציגען פענסטעריל, ער וויל אַרויסקוקען אַ הין, ווייט ... די שויבען פון פענסטעריל זענען פערשטויבט און אַלט, — הינטער זיי פון דרויסען שטעהט אַ קאַלטע, אַ בלאַסע און אַ אומעטיגע לופט, אָהן אַ זון. —

אַנ'אֶלול לופט, אַ פערגליווערטע פון גסיסה —

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זיך צו איהם דער קרומער קאַליקע פון הקדש געווענדט. ער איז אויף אַ צווייטען בעטיל געלעגען און פון משה'לען זיינע קליינע אויגלעך אויף אַוויילע ניט אַוועקגענומען. ער האָט ענדליך מיט אַ מאָדנעם הייזעריגען קול אויסגעשריען:

— רב יוד, איהר דאַרפט שטאַרבען, איהר וועט דאָך באַלד שטאַרבען — איך פערשטעה זיך שוין אויף אַזעלכע — זאָגט ודוי... איך וועל מיט אייך זאָגען — איך קאָן: איך האָב שוין דאָ אין הקדש מיט אַ סך ודוי געזאָגט... און איהר לאָזט מיר איבער אייער טאָרבע מיט דער זופּיצע, — איך וועל, דאַכט זיך, נאָך לעבען

אַ צײַט... איך לעב, װײַל איך בין אַ קאַליקע — לעב איך... װעל איך מיט אײַך ודוי זאָגען... װער עס שטאַרבט בײַם דעת, דאַרף ודוי זאָגען —

אויף משה׳ס אויסגעמאָגערטען פּנים האָט זיך אַ שמייכעל בע־װיזען. ער האָט זיך װידער צום פענסטער׳ל אומגעקעהרט, — און זײַנע אויגען האָבען אויסגעשײַנט: — ס׳האָט זיך איהם גערעכט, אַז אין דרויסען לויפען מענשען און זאָגען שוין אָן אײנער דעם צװײַטען, אַז עס איז שוין אויס גלות — אויס... ער האָט דאָך זיבען יאָהר נאָכאַנאַנד גלות אָבגעריכט — װאָס הײַסט שטאַרבען? װאָס הײַסט ודוי זאָגען איצט? ער װעט לעבען — ער װעט באַלד די גאולה מיט זײַנע אויגען זעהן...

אין אַ װינקעל אויף אַ בענקיל איז אַ בלינדער געזעסען, האָט די הענד געריבען און אַלע מאָל אַקול אַרויסגעלאָזט, װי אַ קרעכץ.

— פּעטער, — האָט ער זיך צום קאַליקע געװענדט: פּעטער, װער װעט דאָ הײַנט שטאַרבען? — װער דאַרף דאָ הײַנט שטאַרבען? — זאָגט.

— הײַנט װעט דאָ שטאַרבען דער װאַנדער־קבצן, װאָס מען האָט נעכטען אַ פּערחליש׳טען אַהער געבראַכט —

— ער איז שוין אָהן לשון? —

— נײַן. — ער װאָלט קאָנען רעדען, נור ער װיל ניט... ער האָט דעם יצר־הרע פערלאָרען צום רײדען...

—אַ־אַ... האָט דער בלינדער לענגער, װי אַלע מאָל געזיפצעט.

—ער װיל קײן ודוי ניט זאָגען: ער האָט דעם יצר־הרע פערלאָרען... ער װעט אָהן ודוי שטאַרבען, — אָבער די טאָרבע זײַנע װעט פונדעסטװעגען מיר געהערען — און די זופּעצע אויך מיר: דו װעסט עס פאַר מיר אַװעקגנבה׳נען, אײדער דער משגיח פון הקדש װעט זיך דערװיסען...

אֶפשר האָט ער אַ שטעקען: ער איז דאָך אַ װאַנדער־קבצן גע־װען — װאָלט איך איהם פאַר זיך צוגענומען, — האָט זיך דער בלינדער געבעטען.

— אַפילו צװײ שטעקענס װעלען דיר אויך אײן אויג ניט פערבײַטען... אַ בלינדער איז אַזוי אויך נאַריש, װי אַ שטעקען...

— און אַ קאַליקע איז בײז װי אַ געשװיר און פאַלש װי אַ קרענק... האָט דער בלינדער אָבגעענטפערט.

משה׳לע האָט געהערט און געשװיגען. ער האָט אין פענסטער געקוקט און —געװאַרט.

—רב יוד, זאָגט אָב ודוי, — האָט דער קאַליקע װידער דער־מאָהנט, — איך זעה נאָך אײַערע אויגען נאָך, אַז איהר װעט שוין

באַלד שטאַרבען: די אויגען זענען ביי אייך פרעהליך — זיי זעהען שוין יענע וועלט... וואָס אַרט אייך — איך בין שוין אויף דעם אַ מבין...

משה׳לע האָט זיך נאָך מעהר צום פענסטעריל אומגעקעהרט, די אויגען האָבען געלויכטען און זיך געפרעהט, צוקוקענדיג, ווי הינטערן פענסטעריל אין דער לופטען איז אַ שען פנימ׳ל פון אַ יונג קינד געשטאַנען און זיך געוויעגט —

זיין יונגעל, שלומ׳קע, האָט אַזאַ ליעב פנימ׳ל געהאַט —

באַלד וועט מען אין דרויסען לויפען אָנזאָגען די גוטע בשורה, אַז די גאולה איז געקומען — — —

— באַלד, באַלד וועט דער קאַליקע פערגעסען די אַלטע טאָרבע מיט דער געלאַטעטער זופיצע. און דער בלינדער וועט זיך אויפ׳ן שוואַרצען שטעקען ניט דערמאָהנען שוין — די גאולה געהט! —

איהם וועט מיט אַ מאָל ליכטיג און גוט, ער זעהט פאַר זיך אַנ׳אַנדער וועלט, אָהן זינד, אָהן יסורים. די גאולה געהט! די גאולה! —



# משיח.

# מָשִׁיחַ.

## I.

מעריב־צײַט.

אין שוהל׳כעל, אַהינטער דער בימה, צו דער טהיר צו, שטעהט אַ ניעדעריג, מאָגער יודעל, מיט אַ געדיכט צוקנײטשטען פּנים, מיט אַ געמײנעם שיטערן בערדיל און טונקעלע, פײַכטע און אומעטיגע אויגען.

אומעטיגע און פערטראַכטע אויגען. שענע אויגען! זײ זעהען אויס, ווי צווײ עלענדע שטערענדלעך, וואָס האָבען זיך אין אַ הערבסט־נאַכט פערקוקט אויף אַ פינסטער געסיל —

ער שטעהט אָבגעזונדערט, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און צונויפגעלעגטע הענד. ער שטעהט און שווײַגט.

דער עולם דאַווענט מעריב, ווער ס׳האָט חשק, דאַווענט אויפ׳ן קול, הויך, אַנ׳אַנדערער זאָגט די ווערטער שטיל, געלאַסען; אײנער אײַלט זיך און שלינגט די ווערטער, חאָטש ער האָט גאָר ניט בדעה אַריבערצויאָגען דעם צבור, דעם מנין, און אַ צווײטער זינגט זיך אונ־טער, ווי ער וויל אומישנע אָבציהען — נור ער שטעהט און שווײַגט.

ניט בעוועגט קײן ליפּ, און אין האַרצען טראַכט ער אויך ניט פון דעם דאַווענען.

אפשר הערט ער, ווי אַנדערע דאַווענען, און אפשר הערט ער גאָרניט אויך. וואָס מאַכט איהם אויס, וואָס אַנדערע טהוען? נור פּלוצ־לונג וואַרפט ער זיך האַסטיג אין אַלע זײַטען און מיט זײַן מאָדנעם טרוקענעם קול, וואָס לאָזט זיך הערען אַזױ זעלטען, אַזױ זעלטען, שרײַט ער אויס:

„שלא שם חלקנו כ—הם וגורלנו ככל המונם! המו—נם!“...

זײַנע טונקעלע, שטענדיג אומעטיגע אויגען, בליצען דעמאָלט אוים מיט אַ מאָדנעם שוידערענדען פײַער׳ל.

באַלד שטעלט ער זיך אָבער צוריק אויף זײַן אָרט, אַהינטער דער בימה, נעבען טהיר, און שווײַגט.

דאָס פּנים צוקנײטשט, צוקנײטשט, דאָס בערדיל געמיין, שיטער, אויסגעצופּט, די אויגען — אומעטיגע, טרויעריגע.

דעמאָלט לויפען זיך צונויף די יונגלעך מיט אויפגעפלאַמטע פּנימ׳לעך, און הויבען אָן צו צופּען איהם ביי די אָבגעריסענע פּאָלעס, און שרײַען:

— משיח! משיח!

נור וואָס אַרט עס איהם, וואָס נאַרישע קינדער פערשטעהען ניט? אָט באַלד, באַלד — מאָרגען, אפשר, — אַז ער וועט שוין קומען וועלען זיי אַלע זעהן און וויסען...

נאָך מעריב, אַז די דאַז נערם געהען אַוועק פון שוהל׳כעל, געהען זיי פאַרביי דעם בענקעל, וואו ער זיצט זיך שוין צונויפגע־דרעהט און פערטראַכט.

פערגלוסט זיך עמיצען, פרעגט מען מיט אַ שמייכעל:

— נו, וואָס הערט זיך? הײַנט אויך ניט געקומען?...

ער שווײַגט.

— אַ משוגעת זיך אַרײַנגענומען, שוטה! שעמען דאַרפסטו זיך! — מוסר׳ט איהם אַ מאָל ר׳ משה׳לע דער גבאי, געלאַסען אַזוי, און בשעת מעשה שטעקט ער אַרײַן זײַן האַנד אין זײַן לאַנגער וויי־סער באָרד, און מיט די שמאָלע פינגער צוטײלט ער זי, אַ העלפט אַהער און אַהעלפט אַהין.

ער הויבט אויף זײַנע אומעטיגע, פערטראַכטע אויגען אויף ר׳ משה׳לען, קוקט איהם אָן, דרינגט איהם דורך און קוקט שוין אַריבער איהם, וויט—וויט.

ר׳ משה׳לע דער גבאי מאַכט אַ טריט ווייטער און זאָגט צו די אַרומיגע:

— אַ יונגער־מאַן אַ מופלג געווען, אַ מתמיד, קלאָהר געווען ש״ס און פוסקים, געהאַלסען שוין ביי׳ם פאָהרען צו די גרעסטע רבנים נאָך סמיכה — קלאַפּט איהם אַרײַן מיט אַמאָל אין קאָפּ: „משיח“... ווען ניט די משוגעת, וואָלט ער שוין לאַנג רב געווען אין אַ גרויסער שטאָדט — אַ גרויסער מופלג... און איצט איז ער געבליבען אָהן אַ ווײַב און אָהן אַ קינד, אָהן אַ שטוב און אָהן אַ געלעגער... ווי איז ער עס געקומען נאָר צו אַזאַ אומגליק?...

ער שטעלט אוים זיינע אומעטיגע אויגען אויף ר׳ משה׳לע דעם גבאַי, ער הערט זיינע רייד און אין האַרצען טראַכט ער אַמאָל:

„וואָס ווערט דערפון, אַז מען איז שוין אַ רב?

אַ רב פסקנ׳ט שאלות, ער מאַכט כשר אַ הוהן — וואָס אָבער קאָן אָבקומען דער וועלט, ווען מען זאָל גאָר איינגאַנצען אויסוויַיכען די הוהן? ווער און וואָס בעשטעהט אין דעם? —

שכירות... שפּייזען וויַיב און קינדער... און אָהן אַ וויַיב? און אָהן קינדער?

וועמען וועט עס אויספּעהלען? און וואָס וועט עס צוגעבען״? —

און פון איין שאלה ביַי איהם אין האַרצען ווערען צוויי, פון די צוויי — פּיער, די שאלות פּערמעהרען זיך און וואַקסען, ווי די רעדער אין אַ וואַסער פון אַ שטיין, וואָס מען האָט האַסטיג אַוואָרף געטהון —

„די גאולה אָבער — די גאולה!״ — ווילט זיך איהם אויס־שריַיען, נור עס גלוסט זיך איהם ניט צו רייַדען מיט ר׳ משה׳לען. צו וואָס און צו ווען?

און ר׳ משה׳לע דער גבאַי מיט די איבעריגע זענען שוין טאַקע אַרוים לאַנג פון שוהל׳כעל.

---

שפּעטער אַ ווייַלע קומט אַריין אַ נאָהענטע שכנה, וואָס וואוינט נעבען שוהל׳כעל, און טראָגט אַריין אַ טעלער מיט געקעכטס.

— דו! — זאָגט איהם די יודינע, — נעהם עסען...

ווייס ער, אַז דאָס מיינט מען איהם: אַלע רופען איהם איצט „דו״, אויסער די יונגלעך, וואָס רופען איהם: „משיח״.

זיין נאָמען האָט ער שוין לאַנג אָנגעוואָהרען.

צו דער תורה האָט מען איהם שוין פון לאַנג אָן ניט אויפגע־רופען — ניט ער האָט עס פערלאַנגט און ניט זיי — דער גבאַי מיט׳ן שמש — האַלטען עס פאַר נויטיג און מעגליך: ער איז דאָך גאָר קיין בר־דעת ניט.

עלטערע רופען איהם אָן: „דו״, און די יונגלעך זאָגען איהם: „משיח״.

זעצט ער זיך אויף אַ ברעג בענקעל ביַי׳ם אייווען, שטעלט אַוועק דעם טעלער אויף די קניה, בויגט אַראָב דעם קאָפּ, און עסט.

דערמאָלט פאַסט ער זיך אָב: מען האָט איהם געבראַכט אַהער צו עסען, זוכען דאָס וועט ער ניט געהן — צו וואָס איז עס כדאַי?...

די יודינע שטעהט און וואַרט אויף דעם לייַדיגען טעלער צו־ריק, און איהר פּנים דריקט אוים רחמנות צו איהם. נעכטען האָט

זי איהם אויך געבראכט א ביסעל געקאכטע קארטאפעל, און מאר־גען וועט זי איהם אויך ברענגען... א רחמנות!

— ער... זאגט זי צום שמש, און שאקעלט מיטן קאפ.

— משיח... ענטפערט אויך דער שמש קורץ מיט אנ'אומעטי־גען שמייכעל.

אז ער גיט איהר אב דעם טעלער, שטעלט ער אוים אויף איהר זיינע טונקעלע אומעטיגע אויגען און קוקט זי אן א ווײַלע.

זיין בליק ווערט שארפער, דורכדרינגענדער. אמאל, אמאל — איהם אליין דוכט זיך, אז דאס איז געווען גאר פארצייטען — פלעגט צו איהם אין בית־המדרש אריינקומען א שוואכע יודינע, א קליינע, אנ'איינגעהויקערטע, מיט א קוישעל קליינע עפעליך אויף די הענד. זי פלעגט איהם דערלאנגען אנ'עפיל און זאגען:

— נא, שלומ'קע, נעהם...

דוכט זיך, אז זי איז איהם א מאמע געווען... יענע יודינע...

זי איז שוין איצט געווים געשטארבען. דוכט זיך, אז ער האט נאך איהר אמאל „קדיש" געזאגט. איצט אבער זאגט ער שוין ניט קיין קדיש, און ער וויל זיך ניט דערמאנען דעם טאג פון יאהר־צייט.

אסך, אסך זאכען געדענקט ער שוין ניט איצט... און צו וואס דארף ער דאס געדענקען, וואס ס'איז געווען?

ער ציהט זיך אוים אויפ'ן הארטען בענקעל נעבען טהיר אין די שמאטעס, וואס ער טראגט אויף זיך, ער וועט ליגען און טראכטען— זיין איינציגע און שטענדיגע מחשבה, און וועט ער איינשלאפען, וועט ער דאס זעלבע חלומ'ען.

— דו! — ווענדט זיך צו איהם דער שמש פון דער בימה,— דו האסט זיך שוין געלעגט שלאפען? — שטעה אויף, נעהם דעם האנטוך און לעג איהם צוקאפענס... דו — נו! —

ער קוקט זיך צו צו דעם שווארצען אייזערנעם ריהנג אין ווינ־קעל ביי דער טהיר און צו דעם גראבען שמוציגען קהל'שען האנטוך— ניין, ער וויל ניט! חלילה!

אז יעקב אבינו איז נע־ונד געווען, איז ער אויף שטיינער גע־לעגען, און דעם גרעסערן שטיין, גאר דעם שווערען, שפיצעכדיגען — צוקאפענס געלעגט ...

— דו נעהמסט ניט — ועסט דו פוילען.. כעס'ט דער שמש.

## II.

שטיל איז אין שוהלכעל. דער בטלן זיצט ביים טיש און לע־רענט אין דער שטיל.

ער ליגט אויפ׳ן בענקעל און טראַכט פּאַמעליך, ווי אין חלום.

אַמאָל האָט ער אויך געלערענט — אַ סך, אַ סך געלערענט.

איצט אָבער עפּענט ער ניט אויף אַפילו קיין ספר.

ווער ס׳וויל, זאָל לערנען, — געווויס איז דאָס אויך אַנ׳ענין, אָבער ניט פאַר איהם.

ניט פאַר איהם. ער האָט אַ גרעסערן ענין געפונען—אַ גרעסערן.

„זיעבעציג מלכים מיט אָבגעהאַקטע גראָבע פינגער פון די הענד און פיס ליגען אונטערן טיש און קלויבען אויף די ברעקלעך, וואָס פאַלען אַראָב״...

קלויבען אויף די ברעקלעך... אָט מיט וואָס עס פערנעהמען זיך מענשען — די מלכים — וואָס גאָט האָט אויף דער וועלט בעשאַפען... זיי האָבען זיך פערנומען מיט קלייניגקייטען—תר״יג קלייניגקייטען... און זאָל מען צושטעלען אַ קלייניגקייט צו אַ קלייניגקייט און זיי אויסציהען, וועלען זיי דערלאַנגען נור די שטויב פון דער ערד, און ניט די הויך פונ׳ם הימעל...

אַזוי פלעגט ער אָפט טראַכטען וועגען מענשען און זייער פער־נעהם אויף דער וועלט.

ע ר איז אַוועק פון זיי, האָט זיך אָבגעזונדערט פון זיי און זייערע ענינים, און האָט זיך אינגאַנצען אָבגעגעבען צו איין רעיון—אַראָבברענגען משיח׳ן...

אַ גרויסע זאַך און דערפאַר אַנ׳איינציגע, ווי די זון אין הימעל! און אַז די ליכטיגע זון געהט אויף, ברויכט מען שוין ניט די נאַפט־לעמפּעלעך און די גראָשען־ליכטעלעך...

און דער גלות איז דאָך טאַקי אַזוי לאַנג און אַזוי שווער! — ניט דער גלות פונ׳ם פאָלק, נור דער גלות פון דער תורה — די שכינה איז פערוואָגעלט! ניט דער גוף, נור די נשמה פייניגט זיך.

דער לוימיגער גוף איז שוין אָפשר צוגעוועהנט צו די יסורים, געפענגעניש און עבדות, אָבער די זויבער־קלאָרע נשמה, פון די ריינע ברייטע הימלען, פון אונטער דעם כסא־הכבוד אַליין — ווי קומט זי צו אַזאַ געפענגעניש, צו אַזאַ שפלות און עבדות?...

די נשמה מוז בעפרייט ווערען — משיח מוז קומען! —

ער האָט זיך פערטראַכט, ער האָט זיך פערטיפט —

„כלו זכאי... כלו חיב...״

נין! דאָס איז ניט אַזוי. דאָס וועט ניט זיין!

— פערלאָזען זיך אויפ'ן „דור"?! — און וואָס איז עס אַזוינס דער „דור"?

דאָס איז נור אַחברה בעטלערס", וואָס האָט בעקומען אַ זעקסער אַ נדבה „אויף אַלעמען גלייך"... צו איז שוין דאָ שייך צו זאָגען: אַ גאַנצער זעקסער?...

היינט וואו איז דאָ „כלו חיב... כלו זכאי"?

וואָס קאָן אַ דור אויפטהון? בענטשען מיט אַ „מזומן", דאַוונען מיט אַ מנין, שרייען הויך „אָמן", ווען איינער וועך זאָל אַ ברכה מאַכען... מוז זיך דאָך אָבער געפינען דער איינער!

איינער איז — גענוג. און דוקא דער איינער קאָן זיך אָבגעבען צו אַ גרויסען ענין און אויספיהרען איהם — נור דער רצון זאָל איהם דינען — אַ שטאַרקער, אַנאייביגער רצון! —

...משיח!... ער וועט איהם רופען —

שטיל, שטיל אין דער מחשבה וועט ער איהם רופען. אייביג ציהען וועט ער זיך צו איהם אין דער מחשבה, און וועבען און וועבען וועט ער אין זיין נשמה דינע, ווייכע פעדעמלעך, און מיט זיי וועט ער צוציהען משיח'ן....

אָדער גאָר אָהן פעדעמלעך. נור די ריינע מחשבה — די טיעפע מחשבה — אַ ריינע און אַנ'אייביגע — וועט ברענגען משיח'ן...

האָט ער אָנגעהויבען צו לייטערן און ריין צו מאַכען זיין מחשבה, נור וועגען משיח'ן.

אָבער די געמיינע מענשען האָבען זיך דערוואוסט פון זיין סוד, און זיי — די אמת'ע בעלי=גופים — האָבען אָנגעהויבען טענה'ן צו איהם, אַז ער איז משוגע...

אויב ניט ווי זיי, איז — משוגע!?

„צו אַ מויש מאַכען — זאָגען זיי — ברויכט מען אויך האָלץ, און הענד מיט אַ האַק... מיט דער ריינער מחשבה אַליין וועט מען אפילו אַ שלונג וואַסער אין מויל ניט בעקומען"...

קליינע און בייזע מענשעלעך! — נור די הענד מיט אַ האַק זענען ביי זיי אין זינען שטענדיג...

זיי זאָגען, אַז דער עיקר איז — דער „דור". ביי איינעם אַליין איז די האַנד צו=קליין — האָבען זיי אַ ווערטיל.

צו האָבען זיי ניט געלערענט, אַז רב שמעון בן יוחאי פלעגט מיט אַ בליק נור פערברענען און וויסט מאַכען... אָדער זיי האָבען פערגעסען, אַז משה — איין משה — האָט אַרויסגעפיהרט פון מצרים אַ גאַנצען „דור", אַנערב=רב, וואָס איז דאָס גאָר ניט ווערטה געווען... משה האָט אַרויסגעבראַכט וואַסער פון אַ שטיין אפילו, און

דער „דור“ זיינער איז דערביי געשטאַנען, ווי טרוקענע שטיינער“,
און דערצו נאָך אייביג-דורשטיגע...

... אַלע האָבען נשמות, אָבער ניט ביי אַלעמען זענען זיי רע-דעווידיג. אַמאָל פערשטיקט זיך אַ נשמה אין אַ וויסטען גוף, און ווערט שטום — אויף אייביג שטום —

אַזעלכע עלענדע גופים בלאָנדזען אַרום, ווי שאָטענס — טויבע און בלינדע. צי קאָנען זיי הערן די שטילע, לייכטע טריט משיח'ס? זיין שטילען, לאַנגזאַמען שוועבען פון אויבען אַראָב?..

... „משיח וועט קומען!“ — האָט ער כמעט גוזר געווען אין דער מחשבה, און — ער האָט געוואַרט.

שטיל און רוהיג געוואַרט. גערופען איהם אין דער מחשבה, און שענע, שענע חלומות געזעהן.

ער ליגט אויפ'ן באַנק ביי דער טהיר. אין בית-המדרש אַרום איז שטיל און שאָטענדיג. מיט איין אויג, אַ האַלבע אַנ'אָפענע, קוקט ער אויף דאָס קליין פייער'ל פון דעם יאָהר-צייט ליכט. דאָס פייער'ל ציטערט, שמעלצט זיך, און שוידערט ווידער און ווידער.

באַלד קומט צו איהם אַ מחשבה, אַ לוסטיגע, אַ פרעהליכע: — דעמאָלט, ווען „ער“ וועט קומען, וועלען שוין מעהר ניט זיין די בית-עלמן ליכט מיט די מתים-פייערלעך!...

אַנדערע ליכט וועלען זיין—חשוב'ערע, שענערע, אָדער, אָדער— ליכטיגקייט גאָר אָהן ליכט...

דערזעהט ער דעם בטלנ'ס אומעטיגען פנים און זיין טונקעלן שאָטען אויסגעשפרייט אויף דער אַלטער פערשמאַלצענער גמרא, — טראַכט ער: דעמאָלט וועלען זיין גאָר נייע ספרים, שענע און ליכטיגע, און די פנימער ביי די לערנערס וועלען זיין יום-טוב'דיגע —

און די שאָטענס וועלען פערשווינדען — טראַכט ער ווידער, — די מאוסע ברואים מיט עקען און ברעגען פון אַלע זייטען — די פלאַציגע שוואַרצע ברואים וועלען פערשווינדען.

אַ וועלט אָהן שאָטענס וועט זיין.

מיט דער לעצטער מחשבה שלאָפט ער איין אויף דעם האַרטען באַנק.

און אַמאָל חלומ'ט זיך איהם, אַז ע ר איז שוין געקומען.

ע ר איז שוין דאָ — אין בית-המדרש.

ע ר איז הויך געוואַקסען — דער העכסטער! מיט אַ ליכטיגען פנים, מיט שטאָלצע אויגען.

ער איז יונג און מוטהיג, און שמייכעלט כסדר.

דער בית־המדרש איז פול מיט „עולם”. אַלע זענען דערשראָ־קען, צומישט, מען וואַרפט זיך אַרום און מען שפּציט עפּיס, אָדער מען איז פערגליווערט, איינגעהויקערט און קניהענדיג, און מיט הכנעה און תחנונים זענען זיי אויף עפּיס מתפלל —

ער הויבט אויף זיין קלאָר ליכטיגעס אויג, און זיין בליק איז אַזוי שטאָלץ און שען, און מיט אַ ליכטיגען פּנים און אַ שיינענדעם שמייכעל זאָגט ער:

— וואָס איז מען אַזוי צושראָקען און פערצימטערט? וואָס שפּצען זיי כסדר? — און וואָס זענען זיי אַזוי איינגעהויקערט? —

— געמיינע, קליינינקע, הויבט אויף דעם קאָפּ! שטעלט אייך אויף, בויגט זיך ניט, קניהט זיך ניט — שוידערט ניט, ווי די שאָ־טענס און שאָקעלט אייך ניט מיט די ליפּען...

ער געהט אַרום צווישען די איינגעבויגענע און איינגעהוי־קערטע, און זיין בליק ווערט אַמאָל פינסטערער און דאָס קול — טרויעריגער:

— אָרים, געמיין! — חרוב איז דאָס שטיבעל, וואו זיי זענען מתפלל, פינסטער איז דאָס לעמפּיל, וואָס לייכט זיי... און שוואַרצע, פערשטויבטע בענקלעך האָבען זיי דאָ אַוועקגעשטעלט, וואו זיי זאָלען אָברוהען פון זייער בויגען זיך און קניהען...

ע ר הויבט אויף זיין קאָפּ, זיינע אויגען בליצען אויס און דאָס קול ווערט יום־טוב'דיג:

— מיר וועלען בויען אַ פּאַלאַץ צום דאַוונען! די ווענד פון ברוסטין און די סטעליע פון בלאָהען, בלאַנקענדען דימאַנט, ווי דער ריינער הימעל. אַריינקומענדיג אין דעם פּאַלאַץ, וועט זיך דאָס האַרץ דערפרעהען און וועט שירה זאָגען...

און אַ מנורה וועט זיין — בלויזע ליכט, און די רעהרען פון דער מנורה וועלען זיין פון זונען־שטראַהלען... און דאָס סאַמע פער־חשכ'טע פּנים וועט אויסשיינען פון דעם ליכט!

ע ר געהט אַרום צווישען די ערשטוינטע, וואָס ערוואַגען זיך נאָך ניט אויפצוהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק צו טהון אויף איהם.

און ער, וואָס האָט אַזוי לאַנג געגאַרט און געוואַרט אויף זיין קומען, יעדער טאָג, יעדער רגע — ער געהט איהם נאָך פּאַמעליך און דאָס האַרץ קוועלט אין איהם: — „ע ר איז דאָך געקומען! משיח — ז י י ן משיח איז געקומען... ער האָט געוואַרט — און האָט זוכה געוועזען...

ער געהט איהם נאָך, נאָך משיח'ן — פּלוצלונג אָבער טהוט ער זיך אַ קעהר און — חאַפּט זיך אויף.

דעמאָלט וואַרפט ער האַסטיג און מבוהל'דיג זיינע שאַרפע בליקען אין די וויטסטע טונקעלע ווינקעלעך פון בית-המדרש, ער זוכט אומעטום — נור ער געפינט איהם ניט... ער איז ניט געקומען... ס'איז נור אַ חלום געוועז... אין שוהל דריקט נאָך די שווערע פינסטערניס, די נאַכט איז נאָך ניט אַריבער—און ביי-נאַכט קומט ניט משיח... דאָס איז נור אַ חלום...

אָבער די שמחה איז ביי איהם גרויס: ער האָט דאָך געזעהן זיין גדולה!.. עטוואָס געזעהן שוין, און איצט קאָן ער ווידער וואַרטען... אויף אַזא משיח'ן איז כדאי צו וואַרטען!—

קיין שום דאגות וועלען איהם איצט ניט בעלאַגערען, קיין שום פערלאַנגען וועלען זיין ברוסט ניט בעוועגען.

ער וועט נור מיט דעם איינעם פערזאָרגט זיין — אַנ'ערשטער משיח'ן צו בעגעגענען: דעם אמת'ן משיח'ן! און זיין האַרץ וועט אַ נעסט זיין פאַר דעם איין פערלאַנג נור — אַ גרויסער פערלאַנג, אַ מעכטיגער — פאַר'ן טויט נאָך אָבגעבען שלום משיח'ן.

פאַר'ן טויט! — משיח וועט קומען ביי זיין לעבען... ער וואַרט, ער האָפט, ער איז זיכער!

ווי נור ס'וועט ווערען בעגינען, וועט ער אַרויס אַנקעגען, בעגעגענען איהם...

מאָרגען וועט ער קומען—ער האָט דאָך איהם שוין היינט אין חלום געזעהען... מאָרגען, מאָרגען!

זאָל שוין בעגינען וואָס גיכער!

דרויסען איז נאָך אַ טיעפע נאַכט, און אַ געדיכטער חושך דריקט אין שוהל'כעל.

שטיל איז אַרום. דער בטלן שלאָפט און חראָפעט: ער ווייס פון גאָרנישט און פיהלט גאָרנישט...

נור ער זיצט שוין אויפ'ן בענקעל און וואַרט אויף בעגינען— —

---

## III.

דער טאָג קומט אָן.

אַרום און אַרום ווערט אַלץ העלער, ליכטיגער, און ער ווערט אַלץ אונרוהיגער.

די יונגע לוסטיגע שטראַהלען פון דער זון דרינגען אַריין דורך די פענסטער, הוידען זיך אַרום און שפּיעלען, זיי רופען איהם און איילען צו:—„גיכער, געה בעגעגענען!"..

מיט'ן טאָג פאַלט אָן אויף איהם אַ מאָדנע אונרוהיגקייט, ער ווערט פערזאָרגט: טאָמער פערשפעטיגט ער, חלילה... טאָמער וועט ער ניט בעגעגענען אַנ'ערשטער משיח'ן, טאָמער וועט ער ניט זיין דער ערשטער, וואָס וועט משיח'ן שלום אָבגעבען.

אונרוהיג און פערזאָרגט איז ער דעם טאָג.

נור דאָס הייסט ניט, חלילה, פעריאָגט און צוטראָגען, ווי אַלע מענשען פון אַסך קליינע דאגות'לעך — ניין! איין גרויסע דאגה איז קיין דאגה ניט! — דאָס איז מעהר אַ יום־טוב'דיגער געמיטה ביי דער נשמה, אַ בהלה פון אַ יום־טוב'דיגען „הנני מוכן ומזומן"...

מען דאַרף זיין גרייט צו בעגעגענען משיח'ן.

האַסטיג, איילענדיג, מיט אַ געלאָף לאָזט ער זיך פון שוהל'כעל אַרויס.

ער איילט און טראָגט זיך איבער די גאַסען, איבער'ן מאַרק און די קרומע געסעלעך אין שטאָדט.

ס'רוישט און ליאַרעמט אין שטאָדט — דער „גוף" שרייט גוואַלדען...

מענשען יאָגען זיך אַרום — דער מיט אַ קרוג און דער מיט אַ זאַק, איינער פאָהרט אויף אַ וואָגען און שמייסט מיט אַ בייטש זיין בידנע פערדיל, אַ צווייטער פיהרט אַ נאַרישע ציג פאַר אַ־שטריקעל און טרייבט אונטער און שלאָגט מיט אַ שטעקעל. אַלע גוואַלדעווען, צו־טראָגענע און פעריאָגטע, ביי מענשען און פיה ביי אַלעמען איז אָפען דאָס שרייענדע מויל, און אַ גרויסער שוואַרצער הונד בילט מיט אַ כעס און פערהילכט אַלעמען. ס'זענען אָפען קראָמען, ווי לעכער פון קברים, די קרעמער, מעסטען, וועגען און גיסען און די קרעמערינס שעלטען איינע די אנדערע, שעלטען פערביטערט, פונקט ווי דערויף שטעהט די וועלט...

ער איילט ווייטער, ווייטער.

פלוצלונג שטעלט ער זיך אָב אַ צוטראָגענער. ס'האָט איהם אַ שיין געטהון אַ מחשבה:

ער וועט זיי מיטרופען, ער וועט אויפהויבען זיין קול, ווי די נביאים אַ מאָל, און וועט צו זיי זאָגען:

— איילט אייך נאָך מיר! — פערלאָזט אייך די קראָמען, די לעכער פון קברים, פערלאָזט אייך דעם מאַרק — די אומרייניגע זומפ, וואָס האָט אייך פערשלונגען אַריבער די האָאר פון אייערע קעפּ, און קומט מיט מיר אין פעלד... קומט, מיר וועלען דאָרט אַרויפקלעטערן אויפ'ן באַרג — מיר וועלען דאָרטען שטעהן און וואַרטען אויף איהם... קומט, קומט גיכער אויפ'ן באַרג!...

די אויגעֶן זײַנעֶ וועֶרעֶן גרעֶסעֶר, הויבּעֶן אָן צו בּליִצעֶן. עֶר קוקט זיִך אַרום אויפ׳ן גרויסעֶן פּלאַץ איִן שטאָדט. עֶר פיִהלט, אַז ס׳בּרעֶנט איִן איִהם איִנעֶווענײִג אַ פײַעֶר...

עֶר וועֶט צונויפרופעֶן דאָס פאָלק, עֶר וועֶט צו זײ זאָגעֶן, שרײַעֶן —

רב משה׳לעֶ דעֶר גבּאַי האָט זיִך בּעֶוויִזעֶן איִן טהיִר פון זײַן קראָם, אַרײַנגעֶשטעֶקט צוויי פיִנגעֶר איִן זײַן לאַנגעֶן ווײַסעֶן בּאָרד, האָט עֶם פונאַנדעֶרגעֶקעֶמט און געֶטײלט, אַ העֶלפט אַהעֶר און אַ העֶלפט אַהיִן. אַנ׳אויסלאַך האָט זיִך בּעֶוויִזעֶן אויף זײַן ראָזעֶווען פּנים:

— דו בּיסט שוין אַרויסגעֶגאַנגעֶן?! — דו געֶהסט שוין אַנקעֶגעֶן משיח׳ן? משוגעֶ׳נעֶר — געֶה צוריִק, דו שטיִק משוגעֶ׳נעֶר!...

עֶר אַנטלויפט. די פאָלעֶס פון זײַן לאַנגעֶן סורדוק צופאָכעֶן זיִך פון דעֶם וויִנד, די העֶנד צעֶוואַרפעֶן זיִך איִן דעֶר לופטעֶן, דאָס אָטעֶם פעֶרחאַפּט איִהם — און עֶר לויפט.

— — — — — — — — —

דעֶר בּרײטעֶר טײַך ציִהט זיִך ווײַט, ווײַט, דורך אַ סך שטעֶדט און שטעֶדטלעֶך, אָבּעֶר קלאָר און שעֶן איז עֶר נור דאָ, אונטעֶר דעֶם הויכעֶן בּאַרג, פליִעֶסעֶנדיִג צוויִשעֶן די לוים=רויטעֶ, הויכעֶ, אָבּגעֶשניִטעֶנעֶ בּרעֶגעֶן.

עֶר לעֶגט זיִך אויפ׳ן בּאַרג, שפּרײט זיִך אויס אויף דעֶם ניִדעֶריִגעֶן גריִנעֶם גראָז. און געֶגעֶנאיִבּעֶר, אויף דעֶם צווײטעֶן זײַט טײַך, האָט זיִך אויך אויסגעֶשפּרײט אַזאַ הויכעֶר בּאַרג, בּעֶדעֶקט מיִט ניִעדעֶריִגעֶן גריִנעֶם גראָז. און איִן מיִטעֶן, צוויִשעֶן די צוויי בּעֶרג, פליִעֶסט רוהיִג און פּאַמעֶליִך דעֶר קלאָרעֶר טײַך. עֶר פליִעֶסט אַהיִן, וואו די בּעֶרג לאָזעֶן זיִך אַראָבּ, און פון בּײדעֶ זײַטעֶן עֶרהויבּעֶן זיִך הויכעֶ, טונקעֶלעֶ בּוימעֶר. - - פון אַ געֶדיִכטעֶן וואַלד אַהיִנטעֶר זײ האָבּעֶן זיִך עֶם די הויכעֶ בּוימעֶר אַרויסגעֶרוקט צו די בּרעֶגעֶן פון דעֶם טײַך, פון בּײדעֶ זײַטעֶן, טוקעֶן זיִך איִן זײַנעֶ קלאָרעֶ וואַסעֶר. און דעֶר היִמעֶל פון אויבּעֶן צושפּרײט זיִך הויך און קײַלעֶכדיִג, ווי אַ בּלאָהעֶ חופּה —

דאָ, אויף דעֶם בּאַרג, רוהט עֶר אָבּ פון דעֶר שטאָדטיִשעֶר יאָגעֶניִש. דאָ איז עֶר ווײַט און בּעֶהאַלטעֶן פון דעֶם מאַרק=טומעֶל, פון די קללות און פון ר׳ משה׳לעֶס געֶשרײעֶן. דאָ שטעֶרט קײנעֶר ניִט זײַן מחשבה — און זי ווערט רײנעֶר, פרײַעֶר.

אַ צניעות׳דיִגעֶ שטיִלקײַט איז אַרום. ליִגט עֶר אויף דעֶם בּאַרג און חזר׳ט איִן דעֶר מחשבה:

„משיח... משיח"...

עֶר אִיז זִיכֶער, אַז אוֹיף דעֶם אָרט וועֶט עֶ ר זִיךְ בּעֶווייזעֶן צוּ אִיהם — דאָ, דאָ. עֶפּיס פִּיהלט עֶר, אַז דעֶר אָרט אִיז מאָדנעֶ מסוגל צוּ דעֶם.

און דאָ שטעֶרט אִיהם טאַקעֶ קיינעֶר ניט: דאָ ווערט זיין מחשבה אַזוֹי ריין און קלאָר, ווי דאָס וואַסעֶר אונטעֶן און טיעף, ווי דעֶר הימעֶל אוֹיבעֶן.

און זיין מחשבה וועֶבט און שפּינט, פּילט אָן די גאַנצעֶ וועֶלט מיט אַ בּענקעֶנִיש נאָךְ אִ י ה ם, פעֶרשפּרייט אַ לייכטעֶ, אַ דורכזיכטיגעֶ נעֶץ, וואָס שווירעֶרט און הוידעֶט זיךְ פון אונטעֶן אַרוֹיף און פון אוֹיבעֶן אַראָב — — —

אַלעֶ און אַלעֶס אַרום בּעֶנקט, בּעֶנקט נאָךְ אִ י ה ם, ציהעֶן זיךְ צוּ אִ י ה ם און ציהעֶן אִ י ה ם אַהעֶר, עֶרהוֹיבּעֶן זיךְ צוּ אִ י ה ם און מאַכעֶן אִ י ה ם אַראָבּנִידעֶרן...

שטיל און אָבגעֶצויגעֶן הערט זיךְ אַ קוֹל אַרום און אַרום: „משיח... אונ—זעֶר משי—ח"...

הימעֶל און עֶרד, דעֶר וואַלד און דעֶר טייךְ, דעֶר הויכעֶר בּאַרג אונטעֶר אִיהם און זיין חבר — דעֶר בּאַרג געֶגעֶנאִיבּעֶר — ציהט זיךְ איינס צום אַנדעֶרן, און אַלעֶ צוזאַמעֶן ציהעֶן זיךְ צוּ איין מיטעֶל-פּונקט, צוּ משיח'ן .. אַלעֶ וואַרטעֶן און האָפעֶן.

שטיל און רוהיג אִיז אַרום. רוהיג ליגט עֶר אוֹיךְ אוֹיפ'ן בּאַרג אִ?ן וואַרט אין דעֶר-שטיל: בּאַלד, בּאַלד וועֶט עֶ ר זיךְ בּעֶווייזעֶן... אַלץ אַרום אִיז דאָךְ שטיל געֶוואָרעֶן, האַלט איין דעֶם אָטעֶם, הערט זיךְ צוּ און וואַרט.

דעֶר טייךְ האָט זיךְ אָבגעֶשטעֶלט, שטיל און פעֶרגלייוועֶרט, די בּוֹימעֶר האָבּעֶן זיךְ אוֹיסגעֶגלייכט און שווייגעֶן, דעֶר הימעֶל האָט זיךְ אָנגעֶצויגעֶן אין אַ טיעפעֶן פּעֶרנעֶהם און דעֶר בּאַרג אונטעֶר אִיהם האָט אָנגעֶשפּאַרט און הערט זיךְ צוּ...

אַלעֶ וואַרטעֶן, וואַרטעֶן... בּאַלד וועֶט עֶר קומעֶן...
אין דעֶר שטילקייט וויל עֶ ר קומעֶן...

— — — — — — — —

... ס'אִיז אונרוהיג. עֶס שטורעֶמט אוֹיף.

פון דעֶם פינסטעֶרן געֶדיכטעֶן וואַלד האָט זיךְ אַ ווינד האַסטיג אַרויסגעֶיאָגט.

דעֶר וועֶטעֶר ווערט אַלץ אונרוהיגעֶר, עֶר וואַרפט אַ ווינד נאָךְ אַ ווינד איבּעֶר'ן טייךְ, פון איין בּאַרג אוֹיפ'ן צווייטעֶן.

ער ליגט מיט אַ זייט אויפ'ן באַרג, הערט ער מיט'ן אויער עפּיס אַ גערויש אינעווייניג אין דער ערד.

אַ שטורעם!

דעמאָלט טהוט ער זיך פּלוצלונג אַ חאַפּ אויף און זעצט זיך אַוועק. באַלד שטעלט ער זיך אויף, אַ צורוישטער אַ צעשויבערטער, די אויגען צולויפען שנעל אין אַלע זייטען און די הענד צויאָגען זיך ביי איהם אויך —

„אָט — אָט איז ער געקומען"!.. — יאָגט אַ האַסטיגער געדאַנק אין זיין אויפגערעגטען מוח, נור ער ווייס נאָך ניט, פון וואַנען ער קומט עס, און וואו זאָל ער איהם זוכען און בעגעגענען...

ער דרעהט זיך אום אין אַלע זייטען און זוכט, און זיין געדאַנק שלאָגט האַסטיג: „דערפאַר איז עס אַזאַ רעש, אַזאַ שטורעם געוואָרען, ווייל ער דאַרף אָנקומען, ער איז געקומען"...

און ער זעהט, ווי דער טייך לויפט אויך ערגיץ, דער הימעל יאָגט זיך, די בוימער שאָקלען זיך און רוישען, און דער באַרג שפּרינגט איהם פון אונטער די פיס אַוועק —

און דער ווינד לויפט און יאָגט אַרום, ווי אַ מבוהל'דיגער שליח. ער ווערט צומישט, ער וואַרפט זיך און זוכט —

„מיט'ן רעש מוז ער דאָך קומען... ווען ניט ער, צו וואָס איז דער רעש?..

אָבער וואוהין קעהרט מען זיך נאָך? וואו זוכט מען איהם? — — —

— — — — — — — —

... און רוהיגע שעות און שטורעמדיגע טעג געהען פאַרביי, פאַר־ביי — און ער וואַרט.

דאָרטען, אין שטאָדט און אין מאַרק ציהען זיך טעג, ווי דורות און יאָהרען, ווי אייביגקייטען. זיידעס שטאַרבען און אייניקלעך ווערען געבאָרען, די יונגע לויפען און מיטעלע געהען פּאַמעליך. דאָרטען, אין שטאָדט האַקט מען האָלץ מיט העק און מען מאַכט טישען, — נור ער געהט פאַרביי זיי אַלעמען. ער טראָגט אין זיין האַרצען אַנ'איינציגע, ריינע מחשבה: „משיח... משיח"...

און ער וואַרט אויף „איהם" אויף דעם הויכען באַרג ביי דעם קלאָרען טייך, דעם גאַנצען טאָג וואַרט ער, כל־זמן די זון לייכט נאָך אין הימעל —

ער וואַרט און איז אומרוהיג.

אָבער ווי נור די קלײנע שטערענדלעך בעװײזען זיך שוין אויפ'ן גרויסען ברײטען הימעל, דעמאָלט בערוהיגט ער זיך, אַ טרויער־רוה נעהמט דורך זײן נשמה: ניטאָ אויף וואָס צו וואַרטען...

אין דער נאַכט־פינסטערניס וועט משיח ניט קומען..

מיט דער פינסטערניס פון דער נאַכט קומען נור אָן גנבים און רויבער, פײנד און בעטלער —

אַ טרויעריגער פערלאָזט ער דעם הויכען באַרג, אין דער שטיל גנבה'ט ער זיך אַרײן אין שטאָדט, און שטיל און װיסט קומט ער אַרײן אין שוהל'כעל — — —

# IV.

אַ הײסער, אַ בלאַנקענדער תמוז־טאָג.

ער ליגט אויפ'ן באַרג, אויף אַ האַנד אָנגעשפּאַרט, און וואַרט.

„משיח... משיח"... רופט ער שטיל אין זײן אײנציגער מחשבה, ליגענדיג אויסגעשפּרײט אויפ'ן באַרג.

און אונטער דעם באַרג, וואַלד אַרוים געהט צום טײך אַ יונגע פרוי מיט אַ לײלעך אויף דער האַנד.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און אַ קוק געטהון. איהרע קלײנע טריט זענען זיכערע און שטאָלצע.

זי איז אַ „בתולה", דוכט זיך אַ יודישע טאָכטער, זי קומט עס פון אַ זומער־וואוינונג אויף יענעם זײט וואַלד.

זי געהט זיך באָדען, אין דעם קלאָרען וואַסער פון דעם רוהי־גען טײך.

ער שליעסט צו די אויגען, ער זאָל אויף איהר ניט קוקען — אויף דער „בתולה", וואָס וועט זיך באָדען אין טײך.

מיט צוגעמאַכטע אויגען רופט ער אין זײן רײנער מחשבה: „משיח... משיח"... און ער וואַרט.

פלוצלונג איז איהם ליכטיג געוואָרען אין די אויגען — ליכטיג, ליכטיג אונטער זײנע אַראָבגעלאָזטע ברעמען, ווי טויזענדער זונען וואָלטען עס אין דער לופט אויפגעגאַנגען אין דער װײלע. און די ליכט איז העל און געדיכט —

אַ געדיכטע ליכט — דאָס גלאַנצט ערגיץ אַ שענער גוף —

אַ רויש הערט זיך — אַ רויש, אַז פון עפּיס לייכטעס, וואָס האָט זיך אויפ'ן וואַסער געוואָרפען.

וואָס אַרט עס איהם? ווער שטערט עס די איינציגע, ריינע מחשבה? —

..."דער טויט איז געקומען"...

ער שוידערט איינגאַנצען. מען דאַרף ווידוי זאָגען פאַר'ן טויט — ווידוי... ניין! ער וועט קיין ווידוי ניט זאָגען — משיח איז נאָך ניט געקומען... ער וועט ניט שטאַרבען, ער וועט ניט אַוועק פון דער וועלט, איידער משיח וועט קומען...

דאָ, דאָ דאַרף ער זיך בעגעגענען מיט איהם...

ער איז דאָ... ער איז געקומען... דאָס האָט ער זיך בעוויזען אין דער ליכטיגקייט...

האַסטיג עפענט ער אויף די אויגען און דערזעהט פאַר זיך אַ ליכטיגעס בילד, וואָס דאָפּעלט זיך: עס שטעהט נעבען איהם, און ס'איז ווייט פון איהם...

דאָס איז אַהויכע, שלאַנקע געשטאַלט אין ווייסען געהילעט. און דאָס ווייסע איז — ווי אַ העמד, ווי אַ טלית און אויך ווי תכריכים פון אַ מת. אַ זיידענע לייוואַנד דעקט צו אַ קערפּער, פון האַלז ביז אַראָב, און די שפּיצען-פינגער פון די פיס זעהען זיך אויך ניט. ער זעהט ניט דאָס פּנים — דאָס געשטאַלט האָט אָבגעקעהרט דאָס פּנים פון איהם. נור די שוואַרצע האָאר האָבען זיך צעוואָרפען אַ הינטער, ווי דער טונקעלער שאָטען פון וואַלד.

— משיח!... דאָס איז ער...

— אָבער די „בתולה"? אַ געשטאַלט פון אַ „בתולה"?!...

— משיח בן יוסף קומט אַ פערשטעלטער... ער קומט פריהער אָנצוזאָגען...

ער קאָן זיך בעווייזען אין דער געשטאַלט פון חוה, וואָס גאָט אַליין האָט בעשאַפען...

ער וועט לויפען, שלום אָבגעבען און פרעגען.

און לויפענדיג אויפ'ן באַרג, האָט ער דעם היטעל פערלאָרען פון קאָפּ, נור די געשטאַלט דערווייטערט זיך און פערשווינדט.

לויפט ער האַסטיגער. און באַרג אַראָב האָט איהם, ווי אַ ווינד געטראָגען און — אין טייך געוואָרפען — — —

די „בתולה,” וואָס האָט זיך אין טײַך געבאָדען, איז אַרוים געלאָפען מיט אַ געשרײַ:

— ראַטעוועט! אַ מענש טרינקט זיך...

און דער מענש האָט זײַן לעצטע מחשבה אין וואַסער געהאַט:

— זי, די לילית האָט גובר געווען...

# II.

# צווישען צוויי וועלטען.

## אינהאלט:

צום בלאָהען הימעל.
אַ שותף.
דער שטומער מגיד.
אַ יודישע טאָכטער.
אַ סדרה — יענקעלע.
חיים בויאַן.
אויף דער עלטער.
אַנ'אוצר.
דער יחסן.

# צום בלאָהען הימעל.

# צום בלאָהען הימעל.

...איך זוך דאָס שענסטע און בענעהר עס אַזוי, ווײַל דאָס מאוס'ע האָט מיר שוין שיער דאָס אויג ניט פערבלענדט. איך האָב ליעב די ליכט, וואָרום עס האָט מיר אויסגעפעהלט יאָהרען, יאָהרען=לאַנג.

מײַנע אויגען זענען אויפגעהויבען נור צום הימעל, און זײַער בליק זינקט אין דעם בלאָהען ים — איך האָב עס נאָך ניט גענוג אָנגעקוקט.

איך זוך די רויזען, וואָרום איך קום פון צווישען דערנער, קוים אַדורך פון זײַ, און דאָס בלוט טריעפט נאָך פון די וואונדען, וואָס איך האָב בעקומען צווישען די דערנער. אויף דעם שמאָלען שטעגעלע צווישען זײַ האָט מיך געיאָגט די פײַנדשאַפט — אַ מאָגערע גערונצעלטע זקנה מיט אַ לאַנגען צונג אַרויסגעשטעקט פון איהרע דינע בלאָהע ליפען... און איצט נאָך אויך קומט זי אָפט צו מיר און וועקט מיך אויף פון שלאָף בײַ=נאַכט: מיט אַ לאַנגען בעזים אין דער האַנד שטעלט זי זיך אַנטקעגען מיר, און שעפּצעט און שעפּצעט בסדר — די אַלטע מכשפה...

איך דרעה זיך צונויף אונטער מײַן קאָלדרע און הויב אָן טראַכטען בכיון פון אַנדערע זאַכען, וואָס זענען ווײַט=ווײַט פון מײַן אַמאָליגער וועלט — נור ס'העלפט ניט. גאַנצע מחנות ציהען זײַ זיך פאַר מיר, די פינסטערע ברואים, מיט וועלכע איך האָב ביז אַהער מײַן לעבען פערבראַכט, — קראַנקע, געהויקערטע, צודרעהטע און מאוס'ע קומען זײַ אַלע, מײַנע אַלטע בעקאַנטע...

איך ווער שיער דערשטיקט, און איך רײַס זיך פון זײַ אַוועק,— איך וויל זײַ מעהר ניט אָנזעהען, איך וויל ניט מעהר.—

... אַ נידריג חרוב'ע שטיבעל. מיין פאָטער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט אין גאַנצען אויסגלייכען אין דעם שטיבעל און איז שטענדיג געשטאַנען איינגעבויגען עטוואָס אונטער דער אויסגעדרעהטער סטעליע, די פענסטערלעך — קליינע און די שייבלעך — פערשטויבטע, טונקעלע, ווי אָבגעפּאַרבטע... וועניג ליכט איז אין דעם שטיבעל געווען — זעהר וועניג ליכט.

אַנ'אויבינער פאַרנאַכט איז דאָרט געווען, שטענדיג פינסטערליך, און די נאַכט איז דאָרט אַלע מאָל לענגער געווען פון דעם טאָג— אפילו זומער־צייט.

פון דער זונן האָב איך אַ צייט לאַנג גאָר ניט געוואוסט, ניט בעקאַנט געוועזען מיט איהר, און איך האָב גערעכענט, אַז די זונן איז נור אַ מאָל בעשאַפען געוואָרען אויף אַ ווײַלע, אַזוי ווי אָדם און חוה, און איצט איז שוין ניטאָ — אָט די „גרויסע ליכט", וואָס דער חומש דערצעהלט...

אָדם און חוה זענען שוין אויך איצט ניטאָ, ווי נאָך אַ סך גוטע זאַכען, וואָס זענען דאָ אין חומש און זענען איצט ניטאָ אַרום אונז...

אָבטראַכטענדיג אַזוי, האָב איך זיך שוין בעגנוגענט מיט דעם ליכט, וואָס פלעגט קוים אַריינקומען דורך די טונקעלע שייבלעך.

אין דעם שטיבעל האָבען געוואוינט דריי שכנים מיט זייער גאַנצע האק־פאַק. דריי צימערלעך — איין צימערל קלענער פון אַנדערען און דריי פאַמיליעס — איין פאַמיליע גרעסער פון דער צווייטער.

און אַנ'אייוועז איז געוועזען איינער פאַר אַלעמען, און די קליינע קיך איז פול געוועזען מיט קולות, געפּילדער און קריגען.

און די קינדער פון אַלע שכנים זענען פול געוועזען אין אַלע צימערלעך, אין קיך, אַרום אייוועזען און אויפ'ן אייוועזען. די קינדער האָבען אַלץ צומישט, אַלע שוועלען אָבגעטראָטען און אַלע גרענעצען בטל געמאַכט. שרה־לאה'ס יונגלעך האָבען אַרומגעשפּרונגען דעם גאַנצען טאָג אויף חיה'ס בעט, און חיה'ס מיידעלעך האָבען אַרומגעטאַנצט אויף דבורה'ס טיש.

אַ רשות־הרבים... און די קינדער האָבען געוועלטיגט איבער אַלעמען. עופה'לעך און גרעסערע קינדער קראַנקע, וויינענדיגע אָדער שמייכלענדע האָבען זיך געלאָזט הערען נאָכאַנאַנד.

אין דעם ענגען טומעלדיגען שטיבעל בין איך געבאָרען געוואָרען, קראַנק געוועזען און געזונד געוואָרען, קראַנק געוועזען און געזונד געוואָרען — און אַזוי זיך אויפגעהאָדעוועט.

בין איך גרעסער געוואָרען און אַריבערגעטראָטען דעם שוועל פון שטיבעל, בין איך שוין געוועזען אין מיטען גאַס — דאָס שטיבעל

האָט ניט געהאַט ניט קיין הויפעל און ניט קיין פלאַנקען. אפשר איז דאָרט אַמאָל געווען אַ פלאַנקען, און די שכנים, נאָהענטערע און ווייטערע, האָבען עס פונאַנדערגענומען בערווינקעסווייז צו הייצען זייערע אייווענס.

ניט איך און ניט מיין פאָטער האָבען אָבער שוין ניט גע־דענקט דעם פלאַנקען. און דאָס בערגעל מיסט נעבען טהיר פון אונ־זער שטיבעל איז אויך ניט געווען אונזערס — אונזערע מיסט, — ניין, ס׳האָבען דערין אַ גלייכען חלק געהאַט אַלע אַרומיגע הייזער, אַזוי ווי אונזער שטיבעל האָט אַ חלק געהאַט אין די בערגלעך מיסט ביי די טהירען פון די פרעמדע שטיבעלעך.

יעדע בעל־הבית׳טע פלעגט זעהן אַרויסשיטען איהר ביסעל מיסט אָווענד־צייט דוקא ביי אַ פרעמדער טהיר, פערלאָזענדיג זיך שוין, אַז איהר טהיר וועט מען שוין בעזאָרגען מיט מיסט פון דעם פרעמדען שטיבעל.

אין אַ פאָר טריט פון אונזער שטיבעל איז דער זומפ.

דער גרויסער גרינער זומפ, וואוהין ס׳קומען זיך צונויף זומער־צייט די גרעסערע קינדער פון אַלע אַרומיגע הייזער און פון די ווייטערדיגע אויך, און זעצען זיך אַרום, און האָבען הנאה.

די קינדערשע אויגלעך בלישטשען, קוקענדיג אויף דער זומפ.

— רבונו־של־עולם! — אַזאַ געל־גרינעם זומפ האָסטו אונז גע־שענקט אונטער׳ן בלאָהען הימעל...

אין דעם זומפ האָבען זיך אויסגעצויגען צו רוהען מישקע דעם שמיעד׳ס חזירים, די גרויסע און די קליינע, איינגענורעט זיך ביז׳ן דיקען האַלז אין דער אָנגעהאַרעמטער קייט, און דרעמלענדיג, שטעקען זיי אַרויס זייערע געשפאָלטענע קאָפּיטעס — זאָלען עס די חדר־יונגלעך זעהען, אַז ס׳איז אמת אַזוי, אַז ביי אַ חזיר איז כשר׳ע צושפאָלטענע קאָפּיטעס.

אַ לאַנגען טאָג „רוהט" מען אויף דער ערד, און מען קען זיך ניט אָנקוקען אויף די „גרינס" פון דעם פערשימעלטען זומפ.

מישקע דער שמיעד געהט שוין — ס׳איז אָווענד, אין ביהמ"ד דאַווענט מען שוין מנחה. מישקע פיהרט אָב זיינע חזירים אַ היים.

זיי געהען פריהער, און ער אַליין געהט נאָך אין זיין שוואַרצען העמד, מיט פערקאַשערטע אַרבעל און אין דעם לעדערנעם שירץ, וואָס ער טראָגט צו דער אַרבייט, און טרייבט זיי אונטער מיט אַ בייטשעל.

זיי זענען אַוועק צו דעם הויף דאָרט אויפ׳ן בערגעל. דאָרט האָט זיך מישקע זיין גרינעם גערטעל, און מיין מאַמע קויפט ביי זיין ווייב מיט׳ן ווייסען פאַטשיילינעל רעטיך און מערען אויף שבת, ווען ס׳איז דאָ מזומן־געלד. דעם גערטעל הויב איך נאָך קיין מאָל ניט

געזעהן, וואָרום איך האָב מורא פאָרביי צו געהען פאָרביי מישקע'ס שטוב. מיר דוכט זיך, אַז אַ גרויסער שוואַרצער הונד ליגט פון יענעם זייט טויער איינגעווענדיג אין הויף און וואַרט אויף מיר און לויערט.

איך האָב דעם הונד קיין מאָל ניט געזעהן מיט מיינע אויגען, אָבער איך ווייס געוויס, אַז דאָס איז אַ בייזער הונד, אַ גרויסער, אַ שוואַרצער און אַ שרעקליכער.

ווי קען עס אַנדערש זיין, אַז מישקע דער שמיעד זאָל ניט האָבען קיין הונד?

מיט'ן בליק פון דער־ווייטען האָב איך בעגלייט מישקע'ן מיט זיין געזינדעל.

אַרום איז געוואָרען פינסטער. שטיל־פינסטער.

באַלד דערהערט זיך אַ קוואַקעריי.

אַזאַ אָבגעצויגענע און אימה'דיגע קוואַקעריי טראָגט זיך פון דעם זומפּ, פון זיינע ברואים, וואָס קלאָגען זיך און בעטען אָבגעצוי־גען־אָבגעצויגען.

אַ פינסטערער אומעט נעהמט אַרום מיין נשמה. אַן'אימה פאַלט אָן אויף מיר... מאָדנע פרומע און נאָגענדע מחשבות קומען צו מיר, און כ'הויב אָן חרטה צו האָבען אויף זינד, וואָס איך האָב גאָר קיין מאָל ניט געזינדיגט...

און די נאָגענדע קוואַקעריי ציהט זיך און ציהט זיך —

נור דער ווייסער שניי פלעגט צודעקען דעם נעל־גרינעם זומפּ, צופוצען די גאַס אַרום און בעלויכטען עטוואָס אין שטיבעל. דער גלענצענדער שניי אויף די אַנטקעגענדיגע שטיבלעך, וואָס זענען נאָך ניעדעריגער פון אונזערען, פלעגט אַ מאָל בעלייכטען די פינסטער־ניס ביי אונז אין שטיבעל. דעמאָלט פלעג איך ליעב האָבען צו שטעהען ביי אונז נעבען פענסטער'ל און אַרויסקוקען אויף די נאָהענטע דעכלעך.

דער שניי נור — איז געווען דער איינציגער אוצר פון ליכט און גלאַנץ פאַר מיר אין מיין וועלטיל.

זומער און ווינטער האָבען זיך געביטען... יאָהרען זענען אַריבער.

אַ זיבעצעהן־יאָהריגער למדן, וואָס וויל שוין מעהר ניט לערנען. זיץ איך מיר ביי דעם ברודיגען פענסטער'ל מיט אַ שטיקעל פּאַפּיער און שרייב, אַרויסקוקענדיג אָפט אויפ'ן זומפּ.

דער טאַטע שטעהט, ער לאָזט ניט שרייבען, ער שרייט און שעלט:

— וועגיג צרות האָב איך אָהן דיינע כתבים? חבורים, וואָס, מאַכסט? מען וועט זיך גאָר בענטשען מיט דיינע ספרים?!

נאָך האַלבער נאַכט שטעה איך אויף שטילערהייד פון מיין געלעגער, איך זעץ זיך ביים טישעל און שטעל אַוועק אַ גרויסע גמרא, שטעהענדיג ביי דעם לעמפּעל, צו פערשטעלען דעם פייער פון די שלאָפענדיגע, און איך שרייב.

שוואַרצע שאָטענס בעדעקען דאָס גאַנצע שטיבעל, — אֵימה׳ דיגע שאָטענס לויפען אַרום הין און הער, יאָגען זיך פון די ווינקלעך אַרום מיר. —

איך שרייב ביז בעגינען.

אין דער פריה געפינט דער טאַטע מיינע כתבים.

— אַזאַ גרויסער בחור זאָל זיך אַריינטהון אין אַזעלכע נאַרישקייטען, בעת טאַטע־מאַמע און דאָס גאַנצע געזינד פאַכט פשוט מיט דער נשמה...

ער איז שטאַרק אויפגערעגט.

ער צוררייסט די כתבים, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד, און צוואַרפט עם אויף דער נאַסער ברודיגער פאָדלאָגע.

איך וואַרף זיך נאָך די כתבים, און איך וויין אויס׳ן קול.

געוויינט האָב איך, און ניט גע׳כעס׳ט.

דאָס יונגע גוטע האַרץ האָט נאָך ניט געוואוסט פון כעס, עס האָט נור רחמנות געהאַט אויף אַלעמען אַרום: אַזעלכע עלענדע, דערשלאָגענע, אָהן ליכט און אָהן שיין, דערשטיקטע און פערשמאַכטע.

און די כתבים מיינע זענען אויסגעווייקט געווען אין טרעהרען.

נור די טרעהרען פלעגען אָפט פון מיינע אויגען מיר אין מויל אַריינקומען, פלעגען מיר ברענען אינעווייניג, און מאַכען מיך דאָרשטיג.

האָב איך געדאָרשט נאָך ליכט און נאָך לופט.

ליכט און לופט! —

און אַז איך האָב דערזעהען די גרויסע זונן, איז עס מיר שוין וועניג געווען... איך האָב דאָך אַזוי לאַנג פערבראַכט אין שטאָק־פינ־סטערניש! —

זיעבען זונען אין בלאָהען הימעל וואָלטען אפשר מיין נשמה דערלויכטען! —

וואָס מעהר ליכט און גלאַנץ — איך האָב עס אַזוי וועניג געזעהען.

ביי דער גרעניץ פון אַ פינסטערער וועלט און אַ ליכטיגער האָב איך זיך אָבגעשטעלט, און חלום פון זיעבען ליכטיגע זונען אין איין בלאָהען הימעל, אויסגעשפּרייט איבער מיין מידען קאָפּ, ווי אַ זיידענע חופּה. —

דעם פערבלענדעטען איז אלץ װעניג ליכט, דעם פערשמאכטען איז אלץ װעניג לופט.

װאס װעניגער איך האב פריהער פערמאגט, אלץ מעהר פאדער איך איצט.

עס בעגעהרט און פאדערט א פערשמאכטע נשמה.

# א שותף.

# א שותף.

— איך וועל אייך טאקי דערצעהלען — כ'וועל דאס אייך דערצעהלען, און א צווייטען, און א דריטען אויך: כ'וועל דאס אלעמען דערצעהלען, ווארום דאס איז א פערדרוס. איך בין גערעכט — איך קאן אייך שווערען... שא, הערט! — משוגע בין איך ניט... איך האב, א דאנק גאט, אכט־און־זעכציג יאהר אויף דער וועלט אבגעלעבט „מיט לייטען גלייך" — צו וואס וועל איך אויף אמאל משוגע ווערען?... און איהר מיינט, מיך ארט, אז זיי לויפען נאך מיר נאך און שרייען: „דער שותף... דער שותף געהט"... מיך ארט עס ניט... ווען איך זאל ניט האבען גאט אין הארץ, וואלט איך אמאל וועלען פון דער ערד אויפהויבען א שטיין, צי א ציגעל און פלעטען זיי דעם מח — אט די עכברושים!... פאסט עס דאך ניט פאר מיר: א יוד פון אכט־און־זעכציג יאהר, וואס האט א וועלט אבגעלעבט שטיל און עהרליך, געה מאך יעצט סקאנדאלען... פלעטען א קינד א מח;... אויף קינדער איז א רחמנות... זיי זענען טאקי שקצים, אז מען קאן שוין פון זיי ניט פארטראגען — אט לויפען זיי ווידער... איהר זעהט? איהר זעהט, ווי זיי קוקען אויף מיר?... ווי די אייגעלעך ברענען און די שמאיע לויפט זיי פון מויל ארויס... איך וועל זיי ניט שווייגען — היינט וועל איך זיי ניט שווייגען... גיט מיר אייער שטעקען — צי וואס האלט איהר אין דער האנד? — איך זעה ניט גוט: די שליסעלעך פון קראם, צי פון שטוב — גיט זיי מיר... איך וועל זיי פלעטען... איהר הערט? זיי שרייען שוין. „דער שותף"... — או־או, שקצים!...

נאר, שפעטער... איך וועל זיי שוין בעצאהלען היינט... נאר איך וויל אייך דערצעהלען די מעשה, קומט מיט מיר אריין דערווייל אהער אין הויף... איך וועל זיך מיט זיי יעצט ניט אנהויבען, בכדי איך זאל מיין כבוד ניט פערלירען אין אייערע אויגען... זיי וועלען שוין זייערס בעקומען... נאר קומט, איך וויל אייך די גאנצע מעשה

דערצעהלען, איך בין עלטער פון אייך, איהר מענט הערען... אַלע ווייסען — איך האָב שוין אַלעמען דערצעהלט... קומט נאָר אין הויפּ אַרײַן, איך וועל די טיר אויך צומאַכען, און זאָלען מיך דאָרטען די משומדים זוכען אויף דער גאַס....

... אַ שותּף בין איך טאַקי — וואָס זאָל איך לייקענען? איך זאָג דאָס אייך בסוד און איך קאָן דאָס אייך זאָגען הויך, בקולי־קולות: איך בין אַ שותּף! וואָרום וואָס איז אַ שותּף? — צוזאַמען אַ געשעפט געמאַכט — איז בײַ אונז אויך אַזוי געווען... ניט נאָר אַזוי, מיר האָבען גאָר נישט אויסגערעדט פריהער, אָבער עס פערשטעהט זיך אַליין... ווער פערשטעהט עס ניט?

מיט וועמען אַ שותּף, ווייסט איהר דאָך מסתמא: מיט שלום־חיים ראָסניק. פינף־און־דרײַסיג יאָהר האָב איך אויף דעם געשעפט געאַרבייט. ער פלעגט זיצען אין קראָם; אין אָנהויב איז בײַ איהם נאָר אַ קליין קרעמעל געווען פון סוראָווע לײַנוואַנטען און פויערשע געוואַנטען, ער פלעגט נעהמען די בעשטעלונגען פון שפּיטאָל, פון טורמע און פון דול־הויז, און איך פלעג אין דער היים אַרבײַטען. קיין געלד האָב איך איהם ניט געגעבען. איך זאָג דעם אמת — נאָר וואָס איז געלד?... שייך צו זאָגען, איך בין ניט געווען איבריג... בײַ איהם אין שטוב איז אַ בעזונדער חדר אָבגעגעבען געווען פאַר מיר, מיט אַ גרויסען טיש אין דערמיט, און איך פלעג מיר אַ שטיק סוראָווע לײַנווענט אין 10—15 פאַך צונויפלעגען, צו אַ שטיק געלען האַרטען געוואַנט, און נעהמען מיט'ן שער האַקען און האַקען... איך זאָג אייך: די שער איז געווען גרויס און שאַרף, די אויערלעך אַרומגעגעהט מיט דיקען געוואַנט און זי פלעגט בײַסען דעם לײַנווענט, צו דעם געוואַנט און שרײַען: מהום! מהום!... הונדערטער אַרשין פאַר אַ טאָג פלעגט זי צעבײַסען. — אַ גאַנצען טאָג, פון 8 פריה ביז 11 נאַכט, גלויבט מיר, פלעג איך אַזוי שטעהן אויף די פיס, אָנגעבויגען איבער'ן טיש, אַרומטאַנצען הער און הין מיט דער שער אין דער האַנד, און האַקען.

אַזוי זענען אַוועק פריהער פינף־און־צוואַנציג יאָהר, און איך האָב גאָר ניט בעמערקט, ווען דער טאָג געהט אַוועק און ווען די נאַכט קומט אָן... איך האָב גאָר געוואָרפען אויפ'ן קאַנאַפּע די צעשניטענע „סחורה" ביז דער סטעליע פלעג איך פאַר אַ טאָג אָנוואַרפען. איך אַליין האָב געמוזט צעשנײַדען פאַר דרײַ שנײַדער און צוויי נייטאָרינס, וואָס פלעגען דאָס בײַ זיך אין דער היים נייהען. איך פלעג צושנײַדען און אַרויסגעבען זיי פּאַרטיג מיט אַלע בענדעלעך און שטיקעלעך. וואו אַ „ווינקעלע" צוגעגעבען און וואו אַ „בּרעגעלע". און איך האָב געקאַרגט, געשפּאָרט אין „סחורה", געמעקירעוועט, פּאַרהיט, ווי אייגענע... וואָס אַרט אייך — ער האָט געוואוסט אויף וועמען ער

פאַרלאָזט זיך: איך וועל ניט נאָר יענעמס ניט פערנעהמען, איך וועל מאַכען פון צוויי — דריי...

פינף-און צוואַנציג יאָהר — דערווייל האָב איך מיין טאָכטער חתונה געמאַכט, מעהר האָב איך ניט, ווי די איין טאָכטער... צו דער טאָכטערס חתונה האָט ער מיר, אמת 50 רובל געגעבען: 25 רובל גאָר אַזוי, צי במתנה, צי איך ווייס ווי, און 25 רובל האָט ער מיר אין אַ משך פון אַ יאָהר צייט אָבגערעכענט צו אַ האַלבען-רובל אַ וואָך. אַזוי פלעגט ער מיר צאָהלען 3 רובל אַ וואָך. איך האָב צו איהם גאָר נישט, איך האָב זיך מיט איהם קיינמאָל ניט גערעכענט... איך בין איהם שטענדיג דער גרעסטער גוטער פריינד געווען. אַז ער האָט די גרויסע שטוב זיינע אויסגעמויערט, האָב איך אויפ'ן חנוכת-הבית געסאַרוועט און געווען מלא-שמחה. ער האָט געוואַקסען און געוואַקסען אין עשירות אויף מיינע אויגען, און איך האָב נחת געהאַט קוקענדיג, ווי פון מיינעם אַ זוהן... אַז פון זיין קליין קרעמעל איז אַ מאַגאַזין געוואָרען, און פון דעם איינעם — צוויי, מיט משרתים, מיט שרייב-טישען אין מאַגאַזין, האָב איך מיך אמת געפרעהט. איך פלעג שטענדיג אַריינקומען אין קראָם, אין מאַגאַזין הייסט דאָס, און מיט הנאָה צו קוקען די צוגעקומענע נייע סחורות: פעלץ, קאָלדרעס, טערקישע זאַכען און נאָך אַזעלכע סחורות.

— וואָס זאָגט איהר, ווי אונזער קראָם איז געוואָרען? — פלעגט ער מיר שטענדיג זאָגען — איהר געדענקט, ווי ענג און קליין אונזער קרעמעל איז אַמאָל געווען?

צי געדענק איך? אַ ודאי געדענק איך, איך געדענק אַלעס פריהער איז געווען אַביסעלע, נאָכדעם האָט גאָט רחמנות געהאַט, איז מעהר געוואָרען, און נאָכדעם — נאָך מעהר. מיר זענען טאַקי געווען, ווי אייגענע מענשען. איך האָב זיך ביי איהם אין שטוב מעהר געפונען, ווידער ביי זיך. ער איז אין קראָם, זי, דאָס וויב, שרה, אויך, און די קינדער זענען: די גרעסערע אויכעט אין קראָם געווען, און די קלענערע — אין חדר, אין די „גימנאַזיעס", נאָר איך פלעג אין שטוב בלייבען, און האָב די שטוב געהיט אויך פון די דיענסטען גופא, פון בעטלער, פון גנבים... אויף מיר האָט מען שוין אַלעס פערלאָזען. איך בין געווען זיינער.

איהר שמייכעלט, איהר ווילט שוין ניט הערען. און איך וויל אייך אַליין דערצעהלען, אָט וועט איהר וויסען, צי בין איך משוגע... מען האָט די קינדער אָנגעלערנט, לויפען זיי נאָך מיר נאָך, ווי נאָך יאָשע-משה דעם משוגע'נעם... דאָס איז אָבער גאָר נישט... איהר הערט.

בײַ מיר זענען געװען אייניקלעך, פון מײַן טאָכטער, און בײַ איהם זענען געװען אייניקלעך, פון זײַן עלטערען זוהן, פלעג איך מײַנע אַמאָל אין אַ שמיטה אָנקוקען, און זײַנע שטענדיג מהנה זײַן מיט קלײנע רעשטלעך סחורה, העמדלעך נעהען פאַר זײערע קוקלעס. „דיאַד!“ פלעגען זײ נאָר צו מיר קומען, מעהר איז קײנער אין שטוב ניט געהען.

... דערװײַל זענען נאָך צעהען יאָהר אַריבער, מײַן אסתּר, דאָס װײַב, איז געשטאָרבען, און זײַן שלום — איהם צו לאַנגע יאָהר! — אַ יונגערער זוהן, אַ דריטער שוין, האָט חתונה געהאַט, איך בין אַפילו אויף דער חתונה געװען. אַלץ איז אַ חלום, ס'געהט אַװעק װי אַ חלום, װי דורך אַ רויך: געװען, צערונען — נימאָ ... אַזוי איז די גאַנצע װעלט... איך בין שוין אַלט געװאָרען, ניט די יאָהרען האָבען מיך אַלט געמאַכט, נאָר די האָרעװאַניע, די פּיס, אַי, די פּיס! איך קאָן גאָר ניט אײַנשטעהן אויף זײ, און די אויגען... אָט דאַכט זיך מיר איצט, אַז עס איז פינסטער, שװאַרץ, און איהר שטעהט דאָרטען ערגעץ, װײַט פון מיר. איך זעה כמעט גאָר נישט, איבערהויפּט זעה איך ניט עפּיס אַ װײַסע זאַך, עס האָט זיך מיר אַ פּנים צוגעקוקט.

אויף דער עלטער איז די שער שטאַרקער געװאָרען פון מיר, זי איז יונגער, דאָס איז די צװײטע שער מײַנע, ערשט אַ יאָהר צעהן, אַז מען האָט זי פאַר מיר געקויפט. די אַמאָליגע שער האָט זיך צעבראָכען, שטאָהל, אײַזען ברעכט זיך אויך! בפרט אַ מענש!

אָט בין איך געבליבען פּטור בלא־כלום... און איך האָב מײַן לעבען אויפ'ן געשעפט אַװעקגעלעגט... און דאָ בין איך זיצען געבליבען בײַ מיר אין דער היים גאָר אַזוי, האָט בײַ מיר פּשוט דאָס חיות אָנגעהויבען אויסצוגעהן... אויס מענש װער איך... איך קאָן אין דער היים ניט זיצען... בסוד װעל איך אײַך זאָגען; האָב איך טאַקי ניט פון װאָס צו לעבען אויך... מע שענקט מיר אַ נדבה, דער, יענער, ער פלעגט מיר אויך געבען ביז אַ האַלב רובל אַ װאָך. איצט נעהם איך בײַ איהם שוין ניט... איצט איז אַנדערש...

פלעגט מיך אַלץ ציהען פאַרבײַ דעם קראָם צו געהן, שטעלען זיך פון דערװײַטענס און קוקען. אָט אויף װיפיעל איך זעה חאָטש, אַלע טאָג געה איך און שטעל מיך נעבען קראָם... יעדער מענש האָט אָבער שונאים, רינגלען מיך אַרום די זײַטיגע קרעמער און הויבען אָן מיט מיר צו רעדען מיט שטעך־װערטלעך אויף איהם, אויף שלום־חײַמ'ען.

— װאָס מאַכט אײַער שותּף? — פרעגען זײ מכּלומר'שט — איהר האָט איהם גוט אויף די פּיס אַװעקגעשטעלט... און זעהט, װי איהר האָט זיך איצט מיט די שותּפות צעטײלט...

יענע האָבען דאָס געמיינט נאָר פון שׂנאה וועגען, ער איז רייכער פון זיי און אַ גרויסער בעל-שפע, וואָלטען זיי איהם וועלען מיט עפּיס אַ שטאָך טון, האָטש אונטער די אויגען...

בקיצור, שותף, שותף — מען האָט מיר דעם קאָפּ אָנגעדולט... „אַוודאַי, אַ שותף!"... הויב איך אויך אָן צו קלערען, איך האָב געזוים אַ חלק, און הויב אָן מיט איהם שׂנאה צו פיהרען, איך טענה אויך... דאַמאָלסט לאַכען זיי פון מיר — אָט דיזעלבע קרעמער...

רשעים! מענשען זענען דאָך רשעים. פריהער רעדען זיי מיך אָן, און נאָכדעם לאַכען זיי פון מיר... מילא קינדער, איך זאָל זיי מיט אַ שטיין דעם מח פּלעטען—זענען זיי דאָך קינדער... אָבער גרויסע לאַכען דאָך פון מיר איצט, אין הויפען לאַכען זיי פון מיר...

— „אַ שוטה, איין אַלטער שוטה — זאָגען זיי אויף מיר — ביי דער אַרבייט שטעהענדיג, האָט ער זיך אויסגעזועבט, דעם שׂכל פאַרלאָרען"... און מע מאַכט מיך משוגע, מע לויפט נאָך מיר נאָך אין די גאַסען און מע שרייט: „דער שותף געהט!"...

...אַ שותף בין איך טאַקי אַביסעל, זיי אַליין האָבען דאָס מיר אויפגעטאָן, טאָ וואָס זשע לאַכען זיי? מיין פּלעמיאַניקל — מיין שוועסטערס אַ זוהן, אַ געענדיגטער אַדוואָקאַט, ער האָט אויף זיך גאָר אַ גוטען קאָפּ, האָב איך דאָס איהם דערצעהלט... ער גיט מיר עפּיס, ווען איך קום צו איהם אַריין, האָט ער אַלץ געקוקט אויף מיר און געהערט, געקוקט און געהערט און שטאַרק זיך פאַרטראַכט, געזעסען און געקלערט, און ער האָט געזאָגט — ווייסט איהר וואָס ער האָט געזאָגט? ער האָט אַזש מיט אַ זיפץ געזאָגט: „לאַכען איז ניטאָ וואָס"... אַזוי האָט ער געזאָגט.

... איהר שמייכעלט נאָך איצט אויך, אַ שותף וואָס הייסט? איך דערצעהל אייך אָבער די מעשׂה, איך דערצעהל אַלעמען, וואָס קאָן ווער אויף דעם זאָגען? אַי, וואָס? די קינדער שרייען: „דער שותף", וואָס זאָל איך טון? איך זאָל זיי פּלעטען דעם מח — קאָן איך ניט, זיי זענען דאָך קינדער!... איך זאָל אויף דער גאַס ניט אַרויסגעהן, ציהט מיך עפּיס פאַרביי מאַגאַזין צו געהן, ס'ציהט מיך... געה איך..

— — — — — — — — — — — — —

# א שטומער מגיד.

# אַ שׁטומער מגיד.

שלמה דער מגיד איז היינט נאָך מעריב אַ היים געקומען פון בית־המדרש נאָך מעהר פערטראַכט, ווי אַלע מאָל; דער שאַרפער בליק פון זיינע שוואַרצע טיעפע אויגען האָט אַרומגעבלאָנזעט נאָך מעהר, ווי געוועהנליך.

ער ציהט פון זיך אַראָב זיין ברייטען רבנישען אויבער־מאַנטעל מיט אונגעדולד און פערוואַרפט איהם ערגיץ אויף אַ שטול, ווי ער וואָלט פון זיך אַ שווערען יאָך אַראָבגעוואָרפען... ער געהט אַרום איבער'ן צימער הין און צוריק, הין און צוריק. —

אַרומשפאַנענדיג, ברומט ער עפּיס אויס, צאָרנדיג, מיט די ליפּען; ער בעקומט זיין יאַרמולקע פון אַ צוואָק אונטער'ן שפיגעל, וואָס הענגט איבערן טיש. ער ציהט אַראָב דעם קאַפּעלוש פון קאָפּ און פּאַשט אַרויף די יאַרמולקע.

דאַמאָלס לאָזט ער זיך אַראָב אויף אַ שטול — אויף זיין ברייטען האָלצערנעם פּאַטערשטול מיט די האָלצערנע הענטלעך ביי די זייטען. דער שטול איז זיינער, נור זיינער; און ער האָט ליעב צו זיצען אויף איהם בהסבה, אָנגעלעהנט און אויסגעשפּרייט די דלאַניעס אויף די הענטלעך פון שטול. דאַמאָלס פיהלט ער זיך בהרחבה, ער עפענט דעם „יורה־דעה" און קוקט אַריין מיט מאָדנע תקיפות... נור איצט איז ער צונויפגעבויגען געזעסען אין שטול און אין די פויסטען די הענטלעך פערדריקט. און ניט דער „יורה־דעה", נור דער „עין־יעקב" איז פאַר איהם אָפען געלעגען.

ער וויל איבערזעהן דעם שיעור צו מאָרגען, וואָס ער ברויכט צו זאָגען בין־מנחה־למעריב פאַר'ן „עולם"; — שטענדיג זעהט ער איבער דעם שיעור נאָך מיטאָג, נור צו מאָרגענדיגען זאָגען האָט ער

די שטעלען פון דער הגדה, וואו עס דערצעהלט זיך וועגען הלל׳ס שענע מדות — ער איז כמעט צופריעדען מיט דעם. ער אַליין האָט אַזוי ליעב לאַנג, לאַנג צוקוקען זיך אין הלל׳ס ליכטיגען פנים, וואָס גלענצט, ווי די שענע זונן!

און ער פיהלט באַלד עפּיס אַ וואַרעמקייט אינעווייניג, אַ האַרציגען טרויער, וואָס נאָגט איהם אַזוי בנעימות׳דיג... יאָ יאָ, היינט גלוסט זיך איהם צוקוקען די טיעפע וואַסער — הלל׳ס רייד, טיעפע און פליעסענדע, ווי אַ טייך — טיעפער, טיעפער אַרונטערלאָזען זיך אין דעם ים, אַרויסשעפּען יענע זעלטענע פּערלען וועלכע פינקלען פון דעם אָבגרונד אַרויס, אַלס מוסר, אַלס מוסטער פאַר׳ן מענשען אין לעבען —

אַ ווײַלע זיצט ער און קוקט זיך צו פון דערווייטענס צום אָפענעם עין יעקב, אַזוי ווי דער שווימער מעסט אויס מיט׳ן אויג די ברייט פון ברעג צום ברעג טייך. נור באַלד בויגט ער זיך אָן צום טיש, און די שמאָלע שפּיצעכדיגע אַקסלען פון זיין טרוקענעם גוף ווערען נאָך בולט׳ער, זיין לאַנג, שוואַרץ־גרוליכע באָרד וואַרפט אַ טונקעלען שאָטען אויף זיין בלאַסען מיעדען פנים; אין די אויגען טהוט אַ ציטער אַ מאָל אַ פייער׳ל — דאָס האַרץ ציטערט אין איהם אויך... היינט האָט ער עפּיס מורא פאַר הלל׳ן: ס׳דאַכט זיך איהם, אַז דער ים איז היינט ניט גאָר רוהיג, דאָס וואַסער איז שוואַרץ און אימה׳דיג —

ער וויל זיך אויפמונטערן מיט אַ פּאַפּיראָס. אויפ׳ן טיש געפינט זיך שטענדיג זיין פּעקיל טאַבאַק — ביליגער שטאַרקער טאַבאַק — און אַ צוקנייטשטער בויגען פּאַפּיראָסען־פּאַפּיער. מיט זיינע לאַנגע שמאָלע פינגער דרעהט ער דעם פּאַפּיראָס און קנייטשט דערביי זעהר זיין הויכען שענעם שטערן. ער הויבט זיך אויף פון שטול און „פערייכערט" זיין פּאַפּיראָס פונ׳ם לאָמפּ, וואָס ברענט אויפ׳ן טיש. דאַמאָלס בעמערקט ער, אַז דער פּאַפּיערענער קאָלפּאַק אויפ׳ן לאָמפּ האָט זיך צוטריקענט און געפּלאַצט, און זיך ניעדעריגער אַראָבגעלאָזט אויפ׳ן גלאָז. דעריבער איז דער שאָטען גרויס און פערשלינגט מעהר, ווי אַ האַלבען טיש מיט די דרוש־ספרים, מיט די טעלער פונ׳ם עסען׳ מיט אַ גלאָז פון טהע, וואָס געפינען זיך דאָ.

— דער חשך — טראַכט ער צוריקזעצענדיג זיך אויפ׳ן שטול, — דער חשך איז אויך אַ בעל־טובה, אויף זיין אַרט אַ בעל־טובה. ער פערדעקט די צרות; דער אונגעשמאַקער „אָרום" שטעכט ניט אַזוי די אויגען אין דער פינסטער... מען זעדט קוים...

ער קוקט זיך אַרום אין דעם האַלב־פינסטערן צימער, און זיין רצון צומאַכען אַ נייעם קאָלפּאַק אויפ׳ן לאָמפּ ווערט אַלע מאָל מעהר

אָבגעשוואַכט: צי וואָס זאָל ער דאָ ליכטיגער מאַכען? צוליעב וואָס זאָל ער די פינסטערניס פעריאָגען?...

ער בלאָזט אַרויס פון מויל אַ געדיכטען רויך און וויל מיט דעם זיינע בעזע מחשבות פעריאָגען; ער בויגט זיך צו צום עין-יעקב און, שווייגענדיג, מיט איין אָפענעם אויג קוקט ער אויף אַ שטעלע וועגען הלל'ן: אַז ער שליעסט צו איין אויג, זעהט ער מיט דעם צווייטען שאַרפער און טיעפער. אַ לאַנגע ווייל קוקט ער אַזוי און בעטראַכט, זיין שטערען ווערט אויסגעצויגען גלאַט און זיין אויסדרוק איז, ווי ער וואַרט אויף עפּיס. און די אותיות, דאַכט זיך, ווערען אויפגעשלאָסען, זיי עפענען זיך און ווייזען אַרויס די אוצרות, וואָס זענען אין זיי בעהאַלטען... ער ווערט ניט ערשטוינט, ער וואונדערט זיך ניט אַפילו — מיט דעמזעלבען אויסדרוק קוקט ער זיך צו און וואַרט. ער וואַרט אויף נאָך עפּיס —

ענדליך צושאָקעלט ער זיך און זאָגט ארויס הויך:

— יאָ, הלל האָט אַ שענע מדה געהאַט, באַלד צו ענטפערן אַלעמען! ניט ווי אונזער גביר ר' באָבריק האָט זיך אויפגעפיהרט מיט די בעלי-עגלות, וואָס זענען צו איהם מיט אַ בקשה געקומען... אַז היי און האָבער איז אַזוי טהייער און זיי געהען צו איהם דריי מאָל נאָכאַנאַנד, לאָזט מען זיי ניט צו, ווייל זיי קומען ניט, כלומרשט, אין דער צייט...

דער מגיד טהוט אַ טרייסעל דעם קאָפּ, ווי ער וואַרפט פון זיך עפּיס אַראָב.

„מע קאָן דאָס אַרויסגעבען בדרך-משל”, — קומט צו איהם באַלד אַ מחשבה: „אין אַ גרויסער שטאָדט ערגיץ איז אַ גרויסער גביר געווען און אין יענער שטאָדט איז יקרות געוואָרען — ניט אויף היי און האָבער, נור אויף ברויט, און קבצנים האָבען ברויט געבעטען”...

דער מגיד רייסט אָב זיין מחשבה, און קוקט אין פינסטערן שאָטענדיגען ווינקעל אַריין, נעבען טהיר פון צימער, און ער פיהלט עפּיס אַ מאָדנע התקרבות צו יענעם שאָטען, וואָס האָט זיך אין ווינקעל פערשלאָגען: אַ שטומער שאָטען, אַנ'אונבעוועגליכער — ס'איז נור אַ פינסטערער פלעק...

„וואָס טויגען די משלים”? — פרעגט ער זיך באַלד אין דער מחשבה: „צו וואָס זאָל מען אויסטראַכטען באָבע-מעשיות, ווען אונזער שטאָדטיגער גביר איז דער בעסטער משל?!” —

נור ער ווייסט, אַז ער קאָן ניט ריידען „אָפען”, און ער ווערט צורייצט און טרויעריג.

—כדאי הוא הלל! — שרײַט ער אויס מיט שמחה, וואָס ער געפינט חאָטש דאָ, אין „עין־יעקב" אַזאַ גוטען הלל'ן, און ער קאָן פערגעסען אין דער ווײַלע די מאוסע און שלעכטע מענשען.

— הלל איז ווערטה, — טענה'ט ער מיט זײַן האַרציגען מגי־דישען נגון: ער איז ווערטה, אַז מען זאָל איהם כבוד אָבגעבען... אַך, הלל! הלל!

און ער קלאַפּט צו מיט'ן פויסט איבער'ן טיש, ער קנאַקט מיט די פינגער און ווערט אַלע מאָהל רוהיגער.

באַלד ווערט ער צופריעדען: אַז ער וועט רעדען וועגען גוטע מענשען, וועט ער די שלעכטע גאָר ניט אָנריהרען... ער וועט נור דערצעהלען, ווי דער גוטער הלל פיהרט זיך אויף...

— שוב מעשה, — הויבט ער אָן פּרעהליכער: עס איז דאָ נאָך עפּיס צו דערצעהלען וועגען הלל'ן... כל־מה דעלך סני, לחברך לא תעביד: וואָס דו ווילסט אַלײן ניט לײַדען, טהו דאָס דעם חבר אויך ניט, זאָגט הלל... מהו?...

ער הויבט דעם קאָפּ און פרעגט עפּיס בײַ דעם אַרומיגען חשך; זײַן פּנים איז אומעטיג און דער שאַרפער בליק בלאָנדזעט ווידער, ווי פריהער —

זלמן־יאָסעלעס האָט איהם הײַנט אויך געזאָגט דעמזעלבען כלל.

— האַ? — פרעגט ער ווידער בײַ די ווענט פון צימער: ווי אַזוי איז דאָס?

זײַן בלאַסער פּנים פערקנײַטשט זיך פון אַ ביטערן שמײכעל: זלמן־יאָסעלעס און דער תנא הלל האַלטען בײדע פון אײן כלל?"... יאָ, אײנער זאָגט נור צום וואָלף און דער צווײטער — צום שעפּעלע... בעקלאָג זיך ניט אויף די עולות"...

ער נעהמט זיך פאַר'ן באָרד ווי אײנער זאָגט: אַנו, באָרד, זאָג דו, וואָס מען מײנט דאָ...

—„ וואָס דו האָסט פײַנד, טהו דאָס דעם צווײטען ניט", — זאָגט ער נאָך אַ מאָל אַרויס, אָבגעצוגען די ווערטער און פערטיעפט זיך אין דעם געדאַנק.

—יאָ, מאַכט ער: דאָס איז נור אַ כלי־זין...

זײַן פּנים ווערט בלאַסער, די אויגען טונקעלער.

— הלל'ס מאמר,—זאָגט ער אַרויס מיט אַ ציטערנדיגער שטי־מע, — דאָס איז אַ כלי זיין, אַ שאַרפער שפּיז קעגען — קעגען דעם וואָלף, ווי קעגען דעם שעפּעלע... ווער עס האָט דעם שפּיז אין דער האַנד, וועט איהם שוין אַוועקשטעלען אין יענער זײַט, וואָס פּאַר איהם איז פּאַסענדער...

און דאָס האַרץ טהוט איהם וועה בײַ דעם געדאַנק, עפּיס איז דער שאַרפער שפּיז אומגעקעהרט איצט קעגען איהם אַליין און שטעכט איהם...

אויף דעם געדאַנק קאָן ער זיך גיט בערוהיגען: פון הלל׳ס שענעם מאמר זאָל נאָר אַ שפּיז אַרויסקומען, אַ צווייזײַטיגער, וואָס זאָל נוטצען רעכטע און אונרעכטע... ניין! ניין! הלל איז ניט קיין שפּיזען-מאַכער, ער גרייט ניט קיין געוועהר אויף מלחמות... דער גוטער הלל וויל מיט אַ גוט-וואָרט ווירקען, מיט מדות...

און דעם מגיד׳ס קאָפּ ווערט וואָס אַמאָל שווערער און שווערער פון די געדאַנקען, ער קאָן זיך שוין מעהר ניט פערטיעפען אין דעם, צו אַ גרונד קומען —

„זלמן-יאָסעלעס... זלמן-יאָסעלעס"... קלינגען איהם די ווערטער פון אינעווייניג, און אַז ער בעמערקט עס, כעס׳ט ער אויף זלמן-יאָסעלעס: — ער האָט זיך היינט אַריינגעמישט צווישען איהם און הלל׳ן, און פערשוואַרצט איהם די שיין...

„אַזאַ פינסטערער עם-הארץ... קלערט ער מיט כעס —

— חיה-לאה, דו הערסט, חיה לאה? — ווענדעט ער זיך פלוצלונג צום ווייב. די לעצטע האָט שוין לאַנג בעמערקט, אַז דער מאַן איז היינט עפּיס מאָדנע צוטראָגען און אויפגערעגט. „דאַר ווי אַ שפּאָן איז ער געוואָרען פון זיין לעהרנען... אַז אַ מענש זאָל זיך פון אַלעם אַזוי דאָס האַרץ נעהמען"... האָט זי מיט רחמנות געטראַכט, און זי איז איצט צופריעדען געוועזען מיט׳ן צופאַל, וואָס ער איז מפסיק פונ׳ם לעהרנען.

זי האָט שוין טאַקי אָנגעשריען אויף רייזעלען, אַ מעדעל פון 6—7 יאָהר, וואָס צופּט איהר פאַר׳ן קלייד, און חניצעט און קלאָגט מכלומרשט, צי אויף אַנ׳אמת, אַז זי וויל עסען —

— בענומען ווער שוין! דול מיר ניט דעם קאָפּ! דער טאַטע וויל דאָך עפּיס זאָגען...

און זי האָט זיך אומגעקעהרט צום מאַנן מיט אַ פּנים, וואָס זאָגט: רעד, רעד, וואָס מעהר, — איך וועל הערען...

אויף אידר לינקער האַנד, וואָס איז אויסגעצויגען געווען אונטער דער אָבגעדעקטער ברוסט, איז אַ קינד פון אַ יאָהר אַלט געלעגען; מיט דער רעכטער האַנד פלעגט זי אַמאָל פעררוכטען דעם קינדס ליעגען, און אַמאָל אויף דער ברוסט אָנדריקען מיט די פינגער, כדי דאָס קינד זאָל קאָנען בעסער זויגען; — און מיט׳ן פוס — מיט׳ן טראָט און קניע — האָט זי אין דער זעלבער צייט צוגעוויעגט דעם וויעגעל, וואו עס איז אַ יונגעלע, פון 4 יאָהר, געלעגען. דאָס יונגעל האָט אָפענע אויגלעך און צושלײַדערטע פיסלעך, ער קלעהרט ניט צו

שלאָפֿען און וויל דאָס גאָר ניט — ער וויל נור, אַז ביז די מאַמע וועט פֿייגעל׳ן זוינגען, זאָל זי איהם וויעגען (דאָס וויעגעל איז דאָך זיינס, נור ער לאָזט עס אָב מיט׳ן גוטען ווילען פֿאַר פֿייגעלע׳ן).

— דו הערסט, חיה־לאה? — הויבט אָן שלמה — היינט צו מעריב קומט צו מיר זלמן יאָסעלעס מיט אַ מסירה: אייער טאָכטער...

חיה־לאה׳ס פּנים ווערט אויסגעצויגען און רוגז׳דיג: זי פֿערליערט שוין איהר געדולד צו הערען ווייטער.

— איך וויל ניט חלילה, רשעות אויף איהר רעדען, נור — זי איז ביי זיך צופֿיעל יחסנ׳טע, רבי — צופֿיעל יחסנ׳טע!... אַלע אַרבייטען ביי דער אַלטער לאָמפּ, נור איהר איינער — איז פֿינסטער זי וויל אַ נייע לאָמפּ, אַ ליכטיגע... זאָגט מיר, רבי, ווי וואָלט איהר, זיין אויף מיין אָרט? -

— זיין זאָל איהם שוין — איך וויל ניט זאָגען, וואָס... האָט חיה־לאה אויסגעשריען: ער מיינט, אַז אַלע האָבען זיין יושר... אַז מיין מאַן וואָלט געווען...

חיה־ליה בלייבט שווייגען: די טאָכטער איז אין שטוב אַריין.

פֿאָטער און מוטער צוגלייך האָבען אויף איהר אַ בליק געוואָרפֿען מיט פֿערבאָרגענעם שטאָלץ און שרעק צוזאַמען.

די טאָכטער, אַ מויד פֿון 17—18 יאָהר איז געווען שעהן גע־וואַקסען און חנו׳דיג אויסגעזעהן מיט איהר מאַט־בלאַסען פּנים מיט איהרע שוואַרצע לעבעדיגע אויגען, פֿול אויסדרוק און פֿערשטאַנד.

די טאָכטער האָט געפֿיהלט, אַז מען האָט דאָ ערשט אויפֿגעהערט צו רעדען וועגען איהר.

ר׳ שלמה האָט זיך ווידער צום עין־יעקב אָנגעבויגען.

— אויף דיר איז דאָ, מיין טאָכטער, אַ מסירה פֿון זלמן־יאָסעלים, — האָט די מוטער אַרויסגעזאָגט.

גיטעלע האָט איהרע לאַנגע ברעהמען אויפֿגעהויבען, און רוהיג און געדולדיג צוגעקוקט אויף דער מוטער.

— ניט כּדאי דיר, מיין טאָכטער, מיט איהם עוסק׳ן... גענוג שוין אַזוי אויך דעם פֿאָטער דיינעם, אַז זלמן יאָסעלים איז דער גבאי אין ביהמ״ד.

„אַ נאַרישע יודענע״, — האָט דער מגיד געקלעהרט, און האָט זיין פּנים אין עין־יעקב בעהאַלטען.

ער האָט זיך געשעמט פֿאַר דעם אמת, וואָס זיין פֿרוי האָט אַזוי אָפֿען אַרויסגעזאָגט. עפּיס איז דאָס אַ פּאַטש אין פּנים: ער האָט מורא פֿאַר זלמן יאָסעלעס, פֿאַר אַ גבאי!?...

גיטעלע האָט אַזאַ ווייכען, אַזאַ ליכטיגען בליק צום פֿאָטער געשיקט: אַך, ווי זי פֿערשטעהט און פֿיהלט איהר פֿאָטער!—

— וואָס דאַרפסטו, דו, איינע, פאָדערן אַ נייע לאָמפּ? ווי באַלד אַלע אַרבייטען ביי דער אַלטער?! —

מאַכט איהר די מוטער פאָרוואורף.

— די אַלטע לאָמפּ איז אָבער אַ פינסטערע... ס'בלענדעט די אויגען... ענטווערט גיטעל.

איהר פעסטע, רוהיגע און זיכערע שטים מונטערט אויף דעם פאָטער: ער האָט ליעב זיין שענע און קלוגע גיטעלען, — אַז זי איז דאָ אין צימער, מוטהיגט ער זיך.

ער הויבט זיך אויף פון זיין פאָטער-שטול און טרעט אַרוים אין מיטען צימער.

— ניט דאָס איז דער עיקר — מאַכט ער אַוועק מיט דער האַנד, — אַלאָמפּ איז אַ לאָמפּ, ניט מעהר...

ער ווערט זעהר ריהרעוודיג, ער שמייכעלט.

— ניט דאָס איז דער עיקר — דו פערשטעהסט: ער פרעגט מיך — ווי וואָלט איך אויף זיין אָרט געווען? —

די טאָכטער האָט אַזוי רייצענד מיט די אויגען אַ קעהר געגע-בען, ווי זי וואָלט אין דער מחשבה מיט אַ דרעה-רעדיל געשפּיעלט—

— אַז דאָס כפּרה-היהנדעל זאָל ווערען שוחט... מאַכט זי.

— דו פערשטעהסט, — טענה'ט דער מגיד מיט אַ ברען, — ער האָט מיך צו אַ האַרבער שאלה געבראַכט.

ער הויבט אָן מיט זיין געוועהנליכען נגון: — עס איז דאָ אַ כלל פון דעם גרויסען תנא, פון הלל'ן, דעם אָמת'ען לב-טוב, אַז מען זאָל דעם צווייטען ניט טהון אַזוינס, וואָס מען וואָלט דאָס אַליין ניט פערלייַדען... הייַנט... אויב אַזוי... קאָן מען דאָך צוריקזאָגען...

דער מגיד דרעהט און קירעוועט מיט'ן פינגער, נור ער ענדיגט ניט זיינע רייד. פלוצים דאַכט זיך איהם, אַז די טאָכטער וועט איהם ניט פערשטעהן — דאָס איז גאָר אַ לומדות...

אָבער ער הויבט ווידער אָן.

—למשל — דו טענה'סט צו מיר: טהו דאָס מיר ניט, און איך טענה צו דיר: טהו דאָס מיר ניט...

גיטעלע וויל עפּים זאָגען, נור ער לאָזט איהר ניט.

— נו — מיר רעכענען אַפילו, אַז די טענה איז געגעבען גע-וואָרען פאַר די שוואַכערע קעגען די שטאַרקערע — למשל, פאַר יודען קעגען די אומות-העולם... פון וואַנען אָבער נעהמט מען זיך דאָס? און אפשר אומגעקעהרט?...

גיטעלע האָט די הענד צוזאַמענגעפיהרט, האָט אַ דלאָניע אויף אַ דלאָניע — לאַנג אויף בּרייט — געלעגט און רוהיג ארויסגעזאָגט:

— די טענה, טאַטע, איז גאָר קיין געווער ניט... אויסטענה'ן עפּיס קאָן נור אַ זוהן ביי אַ פאָטער, אָבער ניט אַ פרעמדער ביי אַ פרעמדען... צווישען צוויי פרעמדע העלפען ניט קיינע טענות...

די קנייטשען אויף שלמה'ס שטערען לויפען אויף און אָב, די אויגען ווערען אַ מאָל גרעסער, אַ מאָל קלענער.

— דו האָסט גוט געזאָגט, מיין טאָכטער, — אָבער הלל? — האָט ער כמעט אויסגעשריען.

און ער לויפט אַרום איבער'ן צימער אַזוי שנעל, נערוועז.

—יאָ, הלל האָט געווים געמיינט בעפריינדעטע מענשען,— שטעלט ער זיך צו קענען דער טאָכטער און רעדט, ווי פאַר זיך: דער גוטער הלל האָט גערעכענט, אַז אלע מענשען זענען ברידער. זיהן פון איין פאָטער, דעם בורא־עולם'ס... אָבער מענשען האָבען זיך דערוויטערט און פערפרעמדט געוואָרען... פרעמדע מענשען — וואָס קאָן העלפען צווישען זיי אַ טענה?... יאָ, ניט אַ חבר, נור אַ פרעמדער!...

מיעד און בלאַס קעהרט ער זיך אָב פון איהר.

גיטעלע האָט זיך פון איהר שטול אויפגעהויבען און צוגעהאָלפען דער מוטער, אַרויסנעהמען יענקעלען פון וויעג און אַוועקלעגען איהם אויפ'ן קאַנאַפּע.

— ער שלאָפט? — פרעגט די מוטער שטיל, — דער „שרייער" זאָל זיך ניט אויפכאַפּען.

— יאָ, ענטפערט די טאָכטער מיט אַ ליעבען שמייכעל, און זי דיהרט זיך קוים צו מיט איהרע דינע ליפּען צו יענקעלעס בעקיל.

שלמה זיצט אויף זיין פאָטער־שטול און מאַכט פאַר זיך אַ פּאַפּיראָס. די פינגער ציטערען ביי איהם. דער פּנים איז מיט דונקעלען טרויער פערצויגען און אין די אויגען שווידערט אַ חמורנע פייערל, ווי אַ נשמה־ליכט אין אַ שבעה־שטוב —

ער האָט זיך אויך ערשט מיט זיין בעסטער האָפנונג און טרייסט געשיידט —

גיטעלע קומט צו צום טיש און פרעגט:

— טאַטע, דו ועסט ווענען דעם מאָרגען רעדען אין דיין דרשה?

ער האָט אויף איהר מיט שרעק די אויגען געהויבען.

— ניין. — איך בין אַ שטומער מגיד... ער ווערט בלאַסער און בלאַסער — ניט אַלע מיינע געדאַנקען, טאָכטער מיינע, קאָן איך אַרויסזאָגען...

די טאָכטער האָט זיך אומעטיג אויף אַ בענקיל אַראָבגעלאָזט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז מען האָט איהר פאָטער פון דער „גרויסער שוהל" אָבגעשאַפט צוליעב זיינע דרשות, ווייל ער זאָגט דעם אמת...

עֶם פערדריסט איהר אויפ'ן פּאָטער — ער זעהט, און זאָגט ניט אַרוים... ער האָט אָפענע אויגען, אָבער אַ געבונדענע צונג...

שלמה הויבט זיך אויף פון שטול און צינד אָן זיין פּאַפּיראָס פון לאָמפּ.

—איך בין אַ שטומער מגיד... חזר'ט ער איבער, צוריק זעצענ־דיג זיך אויף זיין שטול.

ער קוקט אין ווינקעל, נעבען טהיר — אַ שטומער אונבעוועג־ליכער שאָטען איז דאָרט אויסגעשפּרייט...

דאָס האַרץ טהוט איהם וועה —

די פינסטערניס אַרום דאַכט זיך איהם איצט נאָך געדיכטער— די פינסטערניס דריקט —

יענקעלע חראָפּעט. חיה־לאה וויעגט דאָס וויעגעל און ברומט צו אַזוי אומעטיג: „אַה — אַ — אַה"... אומעטיגע מחשבות קומען צו איהר: — איהר שלמה האָט אַזעלטענעם טאַלענט — אַ מדינה־זאָגער, און ווערט נעביך פערפאַלען אומזיסט... שונאים נור האָט ער זיך אָנגעקליבען מיט זיינע אמת'ע רייד... און גיטעלע — איז אויך אין טאַטען געראָטהען: אַ חכמה! און אַ שענע, אַ פיינע — און דאַרף נעביך אַרבייטען ביי זלמן־יאָסעלים אויפ'ן גילזען־פאַבריק... און ער זאָל נאָך שליטה האָבען צו רעדען אויף איהר... און זי איז שוין אַ מיידיל אין יאָהרען...

„אַ־אַ־אַה... וויעגט זי דאָס וויעג'ל.

גיטעלע האָט איהר שענעם קאָפּ אויף אַ האַנד אָנגעשפּאַרט, און האָט זיך אין מחשבות פערטיעפט —

# א יודישע טאכטער.

# אַ יודישע טאָכטער.

שטיל איז און אומעטיג אין לעערען בית־המדרש׳ל. — נאָך מעהר, ווי אומעטיג איז דעם שמש, בערען, אויפ׳ן הארץ. ביי׳ן רהובע זיצט ער, די הענד פערלעגט אהינטער, צו דער וואַרמער וואַנד צו,— עס וואַרמט איהם אָבער ניט. די דאגה! — „די חיונה" — מעהר אַפילו ניט, ווי דאָס; אַיי אָבער איז דאָס אַ דאגה! און די מחשבות זענען קאַלטע און אומעטיגע, ווי די אָבענד־שאָטענס אין קאַלטע רייהע טעג.

— פינף קאָפּיקעס האָב איך פון היינטיגען „ברית", און אין דער־היים זענען פינף „מיילער"...

— ניין, רבש"ע, — מאַכט ער באַלד אין דער מחשבה: אַז אַ שמש צו זיין, איז באַטש אין די „אויבערשטע" שוהלען, ביי דיינע „פני"; — אַרום זיי אַ ביינדעל אָבצולעקען, ניט אויף בלאָטעווער געסעל, אין קליינעם בית־המדרש׳ל... מיסט ראַמען — נור אין דעם בין איך זאַט!... דיינע קבצנים, רבש"ע, זענען שוין גאָר, גאָר טרוקענע ביינער, מען קאָן שוין פון זיי גאָר נישט געניסען...

— ע — עך!... אַ לעבען איז דאָס... ווי... ווי...

מיט זיינע גראָהע, אומעטיגע און בעזע אויגען קוקט ער זיך אַרום אין דעם שטילען לעערען בית־המדרש׳ל, ווי זוכענדיג דאָ עפּיס אַנ׳עהנליכקייט צו זיין לעבען. ער שליסט צו די אויגען און טראַכט: „ווי אַ שוועמעל... ווי אַ שוועמעל ביי אַ נאַסען, אויסגעפוילטען קלאָטץ: עס שיט זיך שוין פון איהם פולווער, שימעל איז דורכאוים, און די שוועמעלע, האָב דאָ אַ יניקה, ציה פון דעם דיין חיות...

— „אַזאַ פּנים האָט עס אַ חשך׳דיגען!“... און קרענקליך זיפּצט ער אוים אויף זיין מזל.

פּלוצלונג צוגעניצט ער זיך מיט אַ רעש, און פרעגט ביי זיך אויסשפּייענד: „אָבער וואו נעהמט מען היינט אויף ברויט?“ און געגעצענדיג, קוקט ער זיך צו צום אָרון קדש, זיינע בליקען בלאָנדזען דאָ אַרום אָהן עפּיס אַ מחשבה דערביי: ער זוכט דאָ גאָר נישט... וועמעס ליידען און דחקות וויים אָ — דער מעלאַנכאָלישׁ-שטומער אָרון קדש בעסער, ווי זיינע, בערעס? ווער נאָך ווי בערע האָט אַזאַ געלעגענהייט געהאַט אַ משך פון 15 יאָהר צו „פערשיטען“ איהם ממש מיט בקשות,—צו האָט ער ענטפער בעקומען?... זיינע בליקען יעצט בעגעגענען זיך מיט דאָס שניצעריי אין דער הויך אויפ׳ן אָרון: צוויי לייבען מיט אויסגעשטרעקטע צינגער האַלטען אין די לאַפּעס די עשרת-הדברות, אונטען, מיט גרויסע אותיות, בלוי געפּאַרבט, איז געשריבען: „מה נורא המקום הזה“...

— „ניטאָ היינט אויף ברויט“ — גיעט צו דער שמש אין מחשבה, ווי אָבגעטייטשט...

---

די שוהל-טהיר האָט אַ ציטער געטהון, בערע האָט זיך אומגעקעהרט — קיינער קומט ניט אַריין. נאָך אַ מאָל האָט די טהיר אַ קלאַפּ געגעבען, און בערען האָט עס צוריזצט. ראַפּטום רייסט זיך אויף די טהיר און אַריבערן שוועל האָט אַריינגעטרעטען אַ הויכע פרוי, געוויקעלט אין אַ גרויסע פּאַטשיילע אַריבער דעם קאָפּ, געשווינדע, ערשראָקענע בליקען וואַרפט זי רונד-און-אַרום איבער׳ן גאַנצען שוהל׳כעל.

— דער שמש איז דאָ? — פרעגט זי צו לעצט מיט אַ טאָן פון איבעריגען רעספּעקט.

— איך בין דאָ דער שמש.

די פרוי איז נאָך מעהר צומישט געוואָרען. און איילענדיג זוכט זי מיט די הענד ביז זי בעקומט פון אונטער דער פּאַטשיילע דריי פּעקלעך סטעאַרינע ליכט און דערלאַנגט דעם שמש.

— נאַט אייך — זענט אַזוי גוט... אויף יאָהר-צייט...

דער שמש לעגט איבער די ליכט פון האַנד אין האַנד, יעדעס פּעקיל בעזונדער, ווי ער צעהלט זיי און זאָגט אַרויס מיט בעוואונדערונג:

— איין יאָהר-צייט דאָך... דאָ איז דריי פונט ליכט... אויף איין יאָהר-צייט אַלע — זעהר גוט...

„זעהר גוט“ — קלינגען די ווערטער, און שטעכען איהר ביז וועהטוג... פאַר אַ יאָהרען צום יאָהר-צייט האָט זי אַפילו אַ פונט

נאַפּט ניִט פערמאָגט, און היינטיִגס יאָהר גיִעט זי פאַר איהר מוטערס נשמה דריי פונט ליִכט... „אַז אָך און וועה שוין! — קלעהרט זי: רייך געוואָרען היינטיִגס יאָהר"... דער שמש האָט זיך שוין אויפגעשטעלט פון בענקיִל, ביי דעם גוטען יאָהר-צייט האָפּט ער צו בעקומען אַ „פּעטע מטבע", ער מאַכט זיך פריינדליִך און בערעדליִך:

— זאָל נור גאָט העלפען! — וואָס מעהר ליִכט איז די מצוה אַלץ גרעסער. פאַר די ליִכט וועט מען דאַוונען און לערנען, — און פון דעם, דאַרפט איהר וויסען, קומט אָן עפּיס דעם געשטאָרבענעם אויך... „נר למאור!" — עפּעס אַ שפּאַס צו זאָגען: ליִכט צום „עמוד" — מען מאַכט דאָך פאַר דעם „מי-שברך" אין שבת'דיִגען דאַוונען... און ציִ דוקא ליִכט? אַ כלל, וואָס מעהר צדקה צוטהיילען צום יאָהר-צייט, איז די מצוה אַלץ גרעסער... צדקה...

די פרוי האָט שנעל בעקומען פון אַ קליין טעשיִל צוויי זילבערנע מטבעות און איהם אָבגעגעבען.

— זאָל אייך גאָט העלפען! זאָל אייך גאָט העלפען! — האָט ער כמעט אויסגעשריִגען מיט ערענסטע פרייד און דאַנק.

„אַך, רבוש"ע! — האָט די פרוי געטראַכט: ווען דו זאָלסט מיך זור אויפריִכטען, אַ בעסערען מזל מיר געבען... איך זאָל קאָנען גוטעס טהון, און מיין מוטער'ס נאָמען ניִט פערשוואַרצען... צוליִעב מיר ליידט זי אפשר דאָרט... אין חלום אַפיִלו קומט זי צו מיר ניִט — צו אַזאַ מרשעת אַ טאָכטער"... איהרע אויגען זענען אָנגעלאָפען מיט טהרערען.

—ווי זאָל מען „אֵל-מלא-רחמים" — מאַכען? פרעגט דער שמש.

די פרוי האָט אַ ציטער געטהון און ניִט באַלד געענטפערט:

— מיין מוטער'ס נאָמען איז: שרה... איהר פאָטער—חיים...

—איז: שרה בת ר' חיים — זאָגט אַרויס דער שמש דייטליִך די נוסחא, ווי אַ מאַנסביִל. — זאָגט-זשע מיר, זענט אַזוי גוט, ווער איהר זענט?

— איך... דאָ... האָט זי געשטאַמעלט.

— דעם „אֵל-מלא-רחמים" וועל איך שוין געדענקען — האָט דער שמש אָנגעפיהרט אויף אַנדערש צו רעדען.

— שרה—ע—ע... וויל זי איהם נאָך אַ מאָל דערמאָנען, נור אַ כליפּעניש האָט איהר איבער געריסען די רייד. פון די אויגען האָט אויסגעבראָכען אַ שטראָם מיט טהרערען, זי האָט געפּיעבערט, די ברוסט האָט זיך געהויבען און געוואָרפען אויף און אָב אויך די גרויסע פּאַטשיילע אויף איהר.

— זעצט זיך צו, וועט איהר זיך בערוהיִגען — גיִעט איהר ראַטה ער שמש: און אַז אַ מוטער שטאַרבט, פונדעסטוועגען...

זי האָט זיך צוגעזעצט אויפ'ן בענקעל, מיט איין האַנד זיך אָנגעשפּאַרט אָן טישעל, וואָס איז געשטאַנען דערנעבען און מיט דער צווייטער געווישט די אויגען, וואָס האָבען זיך אַלע מאָל מיט פרישע, הייסע טהרערען אָנגעפילט.

— מען דאַרף גאָר ניט וויינען — טרייסט זי דער שמש: גע־ווים איז אַ מוטער טהייער, אָבער...

— אַך, מיין פריינד, מיין פריינד! — רייסט זי איהם איבער די רייד דורך טהרערען: מיין מוטער... צו ווייסט איהר, וואָס פון מיר איז געוואָרען, זינט מיין מוטער איז געשטאָרבען?... מיין פריינד! אַז מיין מוטער זאָל לעבען, וואָלט איך...

זי האָט זיך הויך צוקלאָגט, דעם קאָפּף אין פאַטשיילע בע־האַלטען און איינגאַנצען געפיבערט...

— מאַמע! מאַמע! זיי מיר מוחל... כאָטש דו...

דער שמש איז אַוועק ביז צום עמוד, ער האָט זיך אַ קראַץ געגעבען אין קראַגען און געפרעגט ביי זיך: „ווער זאָל זי זיין?!"

זי האָט שטאַרק אויסגעאַטהעמט, די אויגען אויסגעווישט, די פאַטשיילע אַראָבגעוואָרפען פון זיך מיט איין בעוועגונג. זי איז אַ ווייַלע זיצען געבליבען, פערגעסענד אין אַלעם. זי האָט אויסגערוהט. איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען האָבען גאָר הערליך געפינקעלט, ווי ערשט אָבגעוואַשען און אויסגעפוצט פון די טהרערען... איהרע ראָזע באַקען האָבען זיך געשפּיגעלט מיט שטורמישע בליטצען אויף זיי. אַ טרויעריגער חן האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף די פרישע, פרום־אויפ־געלעגטע ליפּען, און איהרע לאַנגע שוואַרצע האָר האָבען צוגעדעקט דאָס בענקיל, אויף וועלכען זי איז געזעסען. —

— דאָך גאָר אַ „יונגס" איז זי — האָט דער שמש אַרויסגע־דריקט אין זיין מחשבה וועגען איהר, ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט.

זי האָט אויף זיך געפיהלט זיין דרינגענדען בליק און האָט זיך געפונען ערגער, ווי אויסגעפּאַשט. דאָס פנים האָט זיך איהר באַלד אָנגעצונדען. זי האָט זיך שנעל איינגעהילט אין דער פאַטשיילע אַריבער דעם קאָפּ, נור עס האָט איהר נאָך אַלץ געבריהט דורך און דורך.

— „סטייטש, ווי בלייבט זי דאָס זיצען אָהן אַ פאַטשיילע דאָ, אין בית־המדרש? זי מיט איהרע איברים... נאָך פאַר די הייליגע ווענט איהר חוצפּא געוויזען... זי פערגעסט גאָר, ווער זי איז..."

אַזוי האָט זי זיך געערגערט אין דער מחשבה און זיך געפּלאָגט. זי שטעלט זיך אויף פון בענקעל, זי וויל שוין אַרויס פון דאַנען, זי וויל לויפען, נור דער שמש האַלט איהר אָב מיט זיינע פראַגען:

— ווי לאַנג איז אייער מוטער געשטאָרבען? זענט איהר נאָך ניט אויסגעגעבען? וואו געפינט איהר זיך דאָ?

דורכדריִנגענדיִג קוקט זי דעם שמש אין די אויגען אַריַין און ענטפערט:

— שוין פינף יאָהר... נאָך אַ פּאָר יאָהר זי זאָל געווען לעבען, וואָלט איך צו דעם ניט אָנגעקומען... וואָלט איך פריִהער חתונה געהאַט...

נאָך שאַרפער, טיִעפער קוקט זי איהם אין די אויגען אַריַין, אַט בליצט אויס אין איהרע אויגען, און דער שמש ציטערט פאַר איהר אַ ווייִלע.

— וואו איך בין יעצט, ווינש איך ניט קיין יודישער טאָכטער צו זיין... מיין פריינד, שוין פינף יאָהר נאָך מיין מוטער׳ס טויט, גע־נוג זיך אויסגעלייטערט פאַר דער צייט, ביז איך בין אָנגעקומען אין דעם גרויסען גהינום... אין „רוא״ בין איך... ניין מאָנאַטען שוין... דאָס איז מיין ערשטער יאָהר־צייט פון דאָרטען: מיין מוטערס נשמה וועט נחת האָבען פון דעם... וואַרום לעב איך נאָך! — מיין פריינד,— ווידער אין „רוא״...

„אין רוא״ — האָט דעם שמש אין די אויערן געקלונגען און איהם טויב געמאַכט, ער האָט מעהר ניִשט געהערט, וואָס זי רעדט צו איהם. איהם האָט זיך יעצט פאָרגעשטעלט דער „רוא״: דאָס איז אַ טהאָל צווישען צוויי בערג, דריי לאַנגע און ניעדע־ריגע הייזער ציהען זיך נאָכאַנאַנד, ווי שרעקליך גרויסע און מאוסע קברים... אַוועקצייט ברענען דאָרטען ביי די פאָרטלעך דריי לאַמ־טערנעס, און קוקען פון דעם חשך אַרויס, ווי שומרים ביי׳ן גהינום... ער האָט מורא דאָס געסעל אַ דורך צו געהן ביי אַ צופאַל, ווען מען דאַרף: שרעקליכער און שוידעריגער, ווי אויפ׳ן בית־עולם... אַך, דער „רוא״, דער רוא!״...

— גיעט עס ווען אַוועק... צדקה פאַר מיין מוטערס נשמה... צדקה... דער שמש האָט די אויגען געהויבען, ניט פערשטעהענדיג, וואָס מען פערלאַנגט פון איהם. אַז ער האָט אָבער צוויי מטבעות אין האַנד בעקומען, האָט ער גלייך געענטפערט: „דעם בטלן פאַר משניות לעהרנען״...

זי איז אויפגערעגט געוואָרען און האָט איהם פאַר די הענד אָנגעכאַפּט:

—פאַר מיין מוטער משניות, פאַר מיין מוטער משניות... איך דאַנק אייך, ליעבער פריינד, איך דאַנק אייך! מיין מוטער איז אַ כשרה יודענע געווען, אַ פרומע און אַ גוטע... איך בין אויך אַ כשר קינד געווען... אונזער מוטער האָט אונז אַלעמען ליעב געהאַט, — יעצט זענען מיר צושפּרייט און צוזייט געוואָרען... ווען האָב איך יעצט?

פאַר וועמען קאָן איך מיין האַרץ אויסדערציילען?... וואוהין גער איך?..

— אַך, גאָט מיינער!...

זי האָט געוויינט. דעם שמש איז מאָדנע געוואָרען אויפ'ן האַרץ: עפּעס האָט איהם זעהר געדריקט...

— מיר ווילט זיך צוטהיילען צדקה פאַר מיין מוטער — „אויסקויפען" זיך ביי איהר... רעדט זי, ווי פאַר זיך און זוכט אין איהר טעשיל. זי האָט די לעצטע מטבע בעקומען און גיעט אָב דעם שמש אַגענדיג: מיין פריינד, אויף צדקה...

— וואָס פאַר אַ צדקה? — פרעגט ער הויך און לעגט צו אין דער מחשבה: „לא תביא אֶתנן זונה... וואָס וויל זי פון מיר?"...

זי האָט די אויגען צום אָרון קדש געהויבען:

— מיין מוטער זאָל מיר כאָטש מוחל זיין... זי זאָל מיר העלפען... נור דער שטרענג שווייגענדיגער אָרון קודש שרעקט איהר יעצט, דער טונקעלער אַראָבגעצויגענער פרוכת טראָגט אָן אַ שווערע כמאַרע איהר אויפ'ן האַרץ... זי זאָגט צום שמש

—זאָגט מיר, מיין פריינד, וואו איהר וואוינט: כוואָלט צו אייך אַ היים אַריינקומען... כ'וויל ניט אין בית־המדרש... איך קאָן ניט...

— איהר וועט פרעגען... וואָרטשעט ער אַרויס אונצופריעדען. ער וויל זי ניט פאַר אַ גאַסט האָבען; פאַר אַזאַ גאַסט, וועט מען נאָך פון שמשות אָבזאָגען... זי געהט צום טהיר, נור באַלד קעהרט זי זיך צוריק.

— זאָגט מיר, מיין פריינד, — איהר שטים הערט זיך קוים: —דעם פרוכת אַ קוש טהון מאָג איך?... איהר פנים האָט פערפלאַמט, און דעם שמש אין די אויגען האָבען פונקען איהם פון געשאָטען... ער האָט נישט געענטפערט, נור מיט'ן קאָפּ אַ שאָקעל געגעבען, וואָס האָט ניט אויסגעדריקט ניט „יאָ" ניט „ניין". ער האָט זיך אָבגעקעהרט ווי אַ ברונז'ער: „אַלץ ווילט זיך איהר... טאַקע, ווי יענע מיידלעך... וויינען אין אַ מקום קדוש, דעם פרוכת קושען. מאָדנע שטיק עפּעס... אַרויסוואַרפען דאַרף מען זי, מיט די ליכט און מיט דעם געלד אפילו!... זאָל זי געהן „אַהינצו" — פוילען דאָרטען"!.. אַזוי טראַכט ער, נור ער פיהלט, אַז ער איז ניט אימשטאַנד עס צו טהון, לויט זיינע מחשבות, און ער קעהרט אום זיין פנים צום טהיר און וואַרט, ווען זי וועט אַרויסגעהן, זי זעלבסט.

זי איז נאָך ביין פרוכת געשטאַנען. איין האַנד אויפגעהויבען אין דער הויך, זיך דאָרט אָנגעהאַלטען, מיט דער צווייטער צו־געטראָגען אַ ברעג פרוכת צו איהרע גרויסע אויגען, וואָס זענען פול

געוויין מיט טהרערן, פּערדרוס, באַנגשאַפּט און געבעט... און איהרע אויגען, ווי די ברונעם האָבען אַלץ אָנגעקוועלט מיט נייע, פרישע טהרערן... זי קושט דעם פּרוכת, און איהר האַרץ גיסט זיך אוים דערצעהלענדיג אין דער מחשבה איהר ביטער געמיטה, זי קלאָגט זיך אויף עפּעס און בעט... טרויעריגע געדאַנקען — — —

דאָס שוהל׳כעל האָט עס פערנומען.

די שטומע, חשך׳דיגע פיער ווענד גיבען איבער מיט׳ן ווינק איינע דער צווייטע וועגען דעם טרויער, — אָט רוקען זיי זיך אָן, זיי ציהען זיך צו אין די ווינקעלעך און רומען איין דעם ביטער, סוד... דער אָרון קודש האָט זיך אויפגעהויבען, אַרויסגערוקט זיך פון אונטערן פּרוכת און צוגעקוקט מיט מיטלייד און אומעט... דין במה אין מיט דער שוהל געפינט ניט פאַר זיך קיין אָרט פאַר צער... די וויטעסטע בענק אפילו זענען אויך אָנגעשטרענגט אין טיעפע האָרכזאַמקייט; זיי הערען צו, ווי עס קלאַפּט יענע האַרץ... און דער אַלטער זייגער אין ווינקעל דרומית-מערבית האָט זיך אַ דראָה געגעבען מיט זיינע אַלטע איברים, די וואַגען האָבען זיך צושליי-דערט און די קעטהעלעך געוואַלטיג צושריגען, און פון אינעווייניג ערגעץ האָט ער אַרויסגעבראַפּעט: „איינס! און צוויי!“... ווי שווערע קרעכצען אויף דעם אַלעם...

— מאַמע, העלף מיר! — האָט זי ענדליך אויסגעשריען און געלאָפען צום טהיר.

—כ׳וועל צו אייך אַ היים קומען... אַנ׳עצה פרעגען... ניט אין ביהמ״ד... מיין פריינד, איך וויל „אַהין“ ניט געהן...

זי איז אַרוים פון טהיר.

מען נויט זי דאָך צוגעהן „אַהין“... האָט דער שמש מיט בעם איהר נאָכגעזאָגט.

---

אין אַ ווייַלע אַרום האָט ער געעפענט די טהיר און אויף דער גאַס אַרויסגעקוקט אונרוהיג, אפשר איז זי נאָך דאָ ערגעץ... ער האָט די טהיר צוריק צוגעשלאָסען נאָר פעסט, ער איז גלייך צום פּרוכת אַוועק, אונטערוועגענס האָט ער געצויגען מיט די נאָזלעכער, געשמעקט אין לופט... דעם פּרוכת האָט ער געטאַפּט און אַרום-געקוקט גוט, צו איז ניט איבערגעבליבען עפּעס אַ פלעק נאָך איהר.. נור ער האָט זיך שוין בערוהיגט, ער זיצט אויפ׳ן בענקעל, ביין רהובע. אין אַ ווייַלע אַרום חשבונ׳ט ער: — „דריי פונט ליכט ... און—איינס,

צוויי צוויי צוויי=גילדענע פערציג קאָפּיקעס"... ער צעהלט און בעקומט אַ סך=הכל פון 85 קאָפּיקעס.

— אַ יאָהר=צייט איז דאָס אַ גוטער — זאָגט ער הויך אַרוים מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל: וואו בטלן, ווען בטלן?... זי וועט זיך אָהן משניות אויכ'עט בעגעהן... ברויכט עפּיס אַ קאָזאַק סליחות?

די מחשבה מאַכט איהם לוסטיג: איה'ם געפעלט זיין ווערטיל.

— אַ גוטער יאָהר=צייט... חזר'ט ער איבער נאָך אַ מאָל.

# א סדרה „יענקעלע"

# אַ סדרה „יענקעלע“.

(ערצעהלונג).

זלמן=ברוך שרה=מנוחה'ס איז אַ יוד אַ יאָהר פערציג פון מיטעלען וואוקס, מיט ברייטע אַקסלען, מיט אַ ברייטען, אָבער ניט קיין דיקען, פנים, טונקעל=גראָהע אויגען, שטענדיג פערטראַכט, פערצויגענע ווי מיט אַ טרויס, מיט אַ ברייטען, אָבער ניט קיין הויכען שטערען, טונ=קעלע האָר, צוגעמישט מיט גראָהע, אין זיין געדיכט בערדיל און אויפ'ן קאָפּ. זיין גאַנג איז אַ שטילער, קוים וואָס ער ריהרט מיט אַ פוס און איינגאַנצען זעהט ער אויס ווי פערחלומט — עפּעס אַ פוילקייט איז אויף איהם אויסגעגאָסען. זלמן=ברוך איז אַ בעל=מחשבה, גלאַט אַ בעל=מחשבה, — עס קלערט זיך ביי איהם סתם אין דער וועלט אַריין...

דאָס ווייב, שרה=מנוחה פיהרט דאָס קליין קרעמיל, און אויף איהם זאָגט זי, אַז ער איז „אַ האַלבער“ קרעמער. ער איז אויך מודה אין דעם.

— מען זאָל ניט זינדיגען מיט די רעד, זאָגט ער, איך פיהל טאַקע ניט קיין „התקרבות“ צום קראָם...

אַז דאָס ווייב געהט אַוועק און לאָזט איהם איבער אויף „אַ ווייל“ אין קראָם, פיהלט ער זיך יענע ווילע עפּעס ווי מטושטש.. און ער דערהאַרט קוים די מינוט אַרויסצוחאַפּען זיך אויף דער גאַס, צי אין שוהל'כעל אַריינלויפען, אַריינקוקען אין אַ ספר, צי אַ שמועס מיט וועמען פערפיהרען. אַז ער קוקט אַריין אין אַ ספר, זענען זיינע בליקען אַזעלכע מאָדנע=האַרציגע און פריינדליכע, און ווען ער לערנט „אויפ'ן קול“, ברומט ער צו מיט אַזעלכע ווייכע, בעטענדיגע טענער.

זלמן=ברוך האָט ליעב צו שמועסען נור וועגען דער גאַס, וועגען די היגע מענשען און זייער איינפאַכען לעבען. דאָס איז ביי איהם ניט, חלילה, בערעדען ועמען — פון דעם וואָלט ער זיך זיכער

אָבגעהיט, נור עס פערנעהמט איהם פשוט דאָס לעבען אַרום, ער קוקט זיך צו און בעטראַכט, ווי, וואָס עס פּאַסירט, און ער זוכט שוין נאָכדעם פאַר וועמען אַרויסצוגעבען, אויסדערצעהלען זיין האַרץ. דערהויפּט האָט זיך די דאָזיגע טבע זיינע פערשטאַרקט די לעצטע צייט, זינט זיין עלטערע טאָכטער האָט זיך אָנגעהויבען אַריבערצוכאַפּען פון זיעבצעהנטען אין אַכצעהנטען יאָהר, און פון אַכצעהנטען אין ניינצעהנטען, און איז מיט אַמאָל עפּעס אויסגעוואַקסען אַ צוואַנציג יאָהריגע מויד, און ער, זלמן־ברוך, האָט טיעפע מחשבות בעקומען וועגען אַ שידוך פאַר איהר, וועגען נדן און קליידער. ראַמאָלס האָט ער זיך עפּעס מיט אַזאַ האַסט צוגעלאָזט צום אַל־טאָגעדיגען לעבען און שאַרף אַריינגעדרונגען אין איהם, און, ווי אַ דורשטיגער, האָט ער פון דעם געזופּט און געזופּט — — —

איהם האָט זיך שטענדיג געוואָלט, מיט וועמען עס איז אויס־שמועסען זיך, און קוים האָט ער נור אָנגעהויבען, פלעגט ער לאַנג און ברייט רעדען, מיט וויצען און משלים׳לעך, לעבעדיג און שען, ווי אַ קינסטלער.

געווען איז דאָס אין אַ מאָנטאָג צי אַ דינסטאָג — ניט אין אַ מאַרק־טאָג. איך קום אַריין אין שוהל׳כעל ביי־טאָג און געפין זלמן־ברוך, זיצענדיג ביי אַן׳אָפענעם ספר.

— האַ? — מאַכט ער צו מיר מיט אַ שמחה: דו ביזט דאָ? פאָרט אַריינגעלאָפען אין אַ בית־המדרש! —

— נוטען־מאָרגען! — זאָג איך, — וואָס איז נייעס?

— טהו אַ שידוך! — פאָלג מיך: חאַפּ אַריין... עס וועט ווערען יקרות — אַ דוחק שבדוחק וועט ווערען... דער מין: כלה — וועט שוין באַלד אין הימעל אַריינשטייגען...

ער עפענט ברייט זיינע טונקעל־גראָהע אויגען און שמייכעלט לוסטיג.

— מען נעמט שוין גאָר מיידלעך, ווי זיי שטעהען און געהען, אָהן אַ קאָפּיקע געלד, דוקאָ אָהן געלד, און — אונטער דער חופּה... הכלל: „הרי אַת״!... האָב רחמנות. מיידעלע, און — „הרי־אַת!״...

— וואָס האָט געטראָפען, ר׳ זלמן־ברוך? — דערצעהלט בעסער די מעשה...

—אַזוי? מאַכט ער: אויף איין פוס ווילסט דו אַלצדינג וויסען?— זעץ זיך און הער. עס האָט געטראָפען דאָס, וואָס עס האָט געמוזט טרעפען... אַז מען גיט אַ דרעה אַ רעדעלע אויף דעם זייט טיש, קומט עס צו יענעם זייט אויך: אַז דאָס רעדעלע דרעהט זיך, לויפט עס אָב אַ מהלך־רב און עס פערטראָגט זעהר ווייט. אַייער רעדעלע מיט די ביכעלעך האָט זיך שוין אויך אַוועקגעדרעהט זעהר ווייט, זעהר

ווײַט — אַז בּיז צו יענקעלע פּאַפּיראָסניק! וואו איז הײַנט יחוס, ציַ גדן, צי שענקײַט אַפּילו? — הײַנט איז שענקײַט אויך ניט קײַן מעלה, נור אַבּיכעלע. ער מיט אַ בּיכעלע און זי מיט אַ בּיכעלע, און פאַרטיג! בּײדע זאָלען וויסען סמיתרי=תּורה, און מעהר פאָדערען זיי גאָר ניט... אַז איך זאָג דיר, אײנער אַ חמרוק, ווי דו זעהסט מיך אַ יודען! — ער ווײסט ניט מײַנע שיחות=חולין, קוים=קוים עברי ווײסט ער און לײענט די זשאַרגאָנישע מעשׂיות — אז ער געהט פערבּײַ מײַן קראָם, שטעל איך איהם אָב און רעד מיט איהם, — מײַן ווײַב אַפּילו איז קליגער פון מיר, זי יאָגט אונז בּײדען פון קראָם אַרויס... נור איך בּין דאָך אויף אַלץ „ציקאַווע", געה איך נאָך איהם אַרויס, און געה מיט איהם אַוועק ווײַט=ווײַט, ער רעדט, און איך הער — אַי=אַי, וואָס פאַר אַ מין תּהו ובהו בּײַ איהם איז אין קאָפּ!... ער טראָגט זיך אויך אַרום מיט אַ צעטיל פון מחבּרים, די זשאַרגאָנישע מחבּרים'לעך, מיט אַ רשימה פון בּיכעלעך און לײענט „צײַטונג" — און ווער איז ער, דער נײַער „שטודירטער"? יענקעלע פּאַפּיראָסניק!

איך זאָג איהם הײַנט: דו שוטה גמור, דו בּיזט דאָך אַ שלעפּער פון שלעפּער=לאַנד! נור יעצט בּיזט דו אַ פּערדינער, דו בּיזט אַ בּעל=מלאָכה און אַ בּעל=מלאָכה איז הײַנט תּקיף, קאָנסט דו דאָך יעצט נעהמען אַ דרײַ הונדערט גדן און אַ מײדעל אַ פּערדינערין: אַ נעטהערין מיט אַ מײַסטערסקאַיאַ, ציַ אַ קרעמערין מיט אַ קראָם, אָדער דער מחותן זאָל חאָטש זײַן אַ קרעמער, וועט עס דיר אויך נוצען מיט דער צײַט — הײַנט וואָס דיר סמיכעלעך? איך זאָג איהם, אַז די סאַמע מחבּרים'לעך אַלײן מײנען אויך מיט זײערע בּיכלעך געלד!... לאַכט ער זיך אויס. ווער איך בּרגז, און זידעל איהם, ווי אַ הונד.

ער פרעגט בּײַ מיר, ציַ איך בּין אַ ציוניסט... — „וואָס איז דאָס פאַר אַ משלחת"? — פרעג איך. — „אַ חברה=מאַן אין דער חברה: ציון" — טהוט ער מיר אַ טײַטש. — „ניין, זאָג איך, — „פון אַזעלכע נאַרישקײַטען בּין איך ווײַט: וועט בּעשערט זײַן, וועט משיח קומען אָהן די אַפּיקורסות, ווען ניט — איז צו וואָס זאָל איך זײ מײַן געלד געבּען? ציַ איך וועל צו זײ געהן גאָכדעם דין=וחשבּון אָבּנעהמען, וואו מײַן קאָפּיקע איז אַוועק?"... אַזוי זאָג איך איהם — ווי אַנדערש האָב איך איהם געזאָלט זאָגען? דאַכט זיך, בּין איך בּײַם דעת, ערשט יענקעלע הויבּט אָן מוסר'ן: — „ר' זלמן בּרוך, זאָגט ער: איהר זאָרגט נור פאַר זיך, און ניט פאַר'ן כּלל, פאַר ארץ=ישׂראל, פאַר דאָס פאָלק". און ער שטעלט אויס אויף מיר בּײדע אויגען זײַנע — בּײדע! אויגען זעגען בּײַ איהם גרויסע, בּולט'ע, שטעקען אויס, ווי די וועלעשענע ניס, און אַזעלכע פײַערדיגע אויגען, ווי בּײַ די דאָזיגע חברה=לײַט איז — ס'איז טאַקע אַן אימה! נור איך האָב זיך גאָר ניט

דעֶרשראָקעֶן פאַר אִיהם,—וואָס זאָל אִיךְ מוֹרא האָבּעֶן פאַר יענקעֶלעֶן, פאַר לאה דעֶר אַלמנה׳ס בחור! עֶר וועֶט דאָךְ מִיךְ נִיט אָנשלאָגעֶן... זִידעֶל אִיךְ אִיהם דוקא אויס:—„שווייגעֶץ דוּ, זאָג אִיךְ: מײַן ווײַבּ אַפִילוּ אִיז דאָךְ פאָרט קלִיגעֶר פוּן דִיר... וואָס אִיז דִיר כּלל? וואָס דִיר אֶרץ־יִשׂראֵל? — דברים־בּטלים! דוּ מִיט דײַן שמד־שטִיק וועֶסט עֶס נִיט פעֶרזאָרגעֶן"... — „נייִן, זאָגט עֶר: אִיךְ מייִן נִיט דאָס"... — „אִיז דאָךְ אַוודאי גוּט"—שרײַ אִיךְ צוּ אִיהם: „האָבּ אִיךְ צוּ דִיר קייִן טענות נִיט"... — „וואָרוּם אָבּעֶר, זאָגט עֶר, — לעֶבּט אִיהר, ווִי דִי בּהמות. עֶסעֶן אוּן טרִינקעֶן, אוּן פעֶרדִיעֶנעֶן אוֹיף דעֶם — דאָס אִיז אִינ־גאַנצעֶן אַייעֶר אִינטעֶרעֶס אִין לעֶבּעֶן, קייִנעֶ העֶכּעֶרעֶ פעֶרלאַנגעֶן"...— „אַךְ יוּנגאַטש דוּ — האָבּ אִיךְ אוֹיף אִיהם בּאֶמת אָנגעֶשרִיעֶן: צִי דוּ געֶהסט עֶס אִין בּית־המדרש אַ פּרק משניות לעֶרנעֶן — דוּ, צִי אִיךְ — האַ? ווער וויים נוּר פוּן עֶסעֶן אוּן טרִינקעֶן — אוּן אָהן אַ בּרכה דוקא אוּן נִיט געֶוואַשעֶן — ווער: אִיךְ, צִי דוּ אוּן דײַנעֶ שקצִים?" — „עֶט — מאַכט עֶר געֶלאַסעֶן: אִיהר זעֶנט פרוּם, ווײַל אִיהר האָט מוֹרא מעֶן זאָל אײַךְ נִיט שמײַסעֶן מִיט יעֶנעֶ אַייזעֶרנעֶ רִיטעֶר, צִי בּכדי לײַט זאָלעֶן אײַךְ לוֹיבּעֶן פאַר דאָס. צוּ גלאַט, ווײַל אִיהר זעֶנט געֶוועֶהנט צוּ דעֶם... אָבּעֶר קייִן „שׁפִּירעֶנדעֶר" אֶמת אִיז אִין דעֶם נִיטאָ..." מִיט דִי ווערטעֶר האָט עֶר געֶזאָגט: קייִן „שׁפִּי־רעֶנדעֶר" אֶמת, אוּן געֶה טרעֶף אִיהם, וואָס עֶר מייִנט מִיט דעֶם... קייִן האַרץ קייִן נשמה זעֶהט עֶר נִיט אִין אוּנזעֶרעֶ מעשׂים — אוּן אִין זײַנעֶ אִיז פאַרהאַן?... אַזעֶלכעֶ שקצִים!

אוּן אַלץ טאַקעֶ דִי בּיכלעֶךְ, דִי מעשׂיות׳לעֶךְ: מעֶן קלעֶרט אוֹיס ווִילדעֶ זאַכעֶן מִיט בּילדוּנג, מִיט אַ נײַעֶר אֶמוּנה, מִיט אַ תּוֹרה, מִיט סטרעֶקאַטעֶ נעֶמעֶן: „לִיטעֶראַטוּר" רוּפט דאָס יענקעֶלעֶ דעֶר פאַפִּיראָסנִיק. אוּן עֶר ווִיל אַז דִי פלוֹנית׳טעֶ זײַנעֶ זאָל אוֹיךְ מִיט אִיהם צוּגלײַךְ סטראַטוּרעֶן, בּיכעֶלעֶךְ לייעֶנעֶן... אִיךְ זאָג אִיהם: „יעֶנקעֶלעֶ דוּ וואָלסט האָטש אַ שעֶנעֶ כּלה נעֶהמעֶן". — „מִיר אִיז דִי אוֹיךְ געֶפעֶלעֶן, — זאָגט עֶר: אוֹיפ׳ן אוֹיסשטעֶלוּנג דאַרף אִיךְ זִי נִיט" ... פעֶרשטעֶהסט דוּ, נעֶהמט יענקעֶלעֶ אַ מייִדעֶל גאָר אָהן חדוּשִים, נוּר מִיט לִיטעֶראַטוּר, עֶר פעֶרזאָגט זִיךְ אוֹיף נאָךְ דעֶר חתוּנה מִיט ווִעמעֶן צוּ פלוידעֶרן...

מִיר געֶפעֶהלט, אַז יענקעֶלעֶ צוּהִיצט זִיךְ אוּן בּרעֶנט, אַ שטײַגעֶר, ווִי עֶר מייִנט, אַז אָט ווער אִיךְ אוֹיךְ, ווִי עֶר... אַלייִן אִיז עֶר מאָגעֶר אוּן רִיהרעֶוודִיג, ווִי קוועֶקזִילבּעֶר, צִיטעֶרט אִין אִיהם יעֶדעֶס גלִיד אַז עֶר צוּרעֶדט זִיךְ. אוּן עֶר וואַרפט מִיט דִי העֶנד, דִי אוֹיגעֶן בּרעֶנעֶן ווִי דִי „נִיט־גוּטעֶ", דִי האָר צוּשוֹיבּעֶרעֶן זִיךְ אוֹיפ׳ן שטעֶרעֶן אוּן דאָס הִיטעֶלעֶ טאַנצט בּײַ אִיהם אַרוּם —אַ מגיד!

„אַ מענש — זאָגט ער, — איז ניט קיין בהמה, וואָס וויים נור גראָז און פּאָילע און דעם פּאַסטוך מיט'ן בייטש, — דאָס איז ווייניג; מען דאַרף וויסען, פון וואַנען נעהמט זיך גראָז און ווער האָט עס דעם פּאַסטוך בעשטעלט?"...

אַזוי בייעט ער מיר, ער מיינט, אַז ער רעדט דאָס מיט זיינע צודרעהטע חברים, ניט מיט מיר, וואָס איך בין נאָך אַ מענש בּיי'ם דעת, אָהן ליטעראַטור... און איך, כלומרשט, הער, אָבער איך נעהם און פסל איהם אָב, אַז ער בלייבט ביי מיר שטומען. ער לאַכט, אָבער ער שטומט שוין... איך בין איהם שוין מוחל זיינע פּלוידערייען, דאָס איז נור יוצרות, זאָג יאָ, זאָג ניט — דאָס אַרט מיך ניט. אָבער טהון? „סטייטש, גזלן, — זאָג איך איהם: — „זעה אַליין: איך האָב אַ טאָכטער, איז זי אַ גאַנץ שען מיידעל און איז אַ קרעמערין איינע אין אַ שטאָדט, מיט וועמען וועל איך אַ שידוך טהון היינטיגע צייטען? אויך מיט אַ בעל מלאכה. און פונדעסטוועגען בין איך זיך ממית אָנצוגרייטען פאַר איהר אַ פּאָר הונדערטער נדן. און דו, ליידאַק איינער, טהוסט גאָר אָב אַ מעשׂה: אָהן אַ קאָפּיקע געלד, און וועמען? וועמען איז דאָס גליק בעשערט?"... לאַכט ער און מאַכט: „איהר פערגינט ניט, ר' זלמן=ברוך, אַ יודישער טאָכטער"... ער מיינט, אַז איך האָב דאָ עפּיס אַ פּניה, און פערגין, חלילה, ניט וועמען... מיך פערדריסט נור אויף איהם, אויף דעם שוטה, וואָס וואַרפט אַרויס געלד פון האַנד...

זלמן=ברוך שווייגט אַ ווײלע און זופּט אַריין אַ שמעק=טאַבאַק אין זיינע ברייטע נאָזלעכער. ער שמעקט און ניסט. ער פערמאַכט דעם ספר, וואָס איז אָפען געלעגען. איך האָב נאָך קיין צייט ניט צו פרעגען ביי איהם עפּעס, הויבט ער שוין ווידער אָן:

און! טאַקע וועמען איז עס אָנגעקומען? ווער איז די כלה?... ניין, איך מיין ניט, וועמען דאָס קומט אָן: איך בין, חלילה, ניט מקנא, נור איך מיין, ווי דאָס רעדעלע דרעהט זיך... עס איז געווען נחום=בער דער וועגעל=פיהרער, ער האָט זעק מעהל געפיהרט פון די שפּייכלער צו די קרעמער ביי אונז אויפ'ן מאַרק. פאַר איינע פינף קאָפּיקעס פלעגט ער פיהרען אַ זאַק מעהל אויפ'ן וועגיל צו מיר אין קראָם און צו לייבע דעם שוואַרצען אויך. לייבע דער שוואַרצער האָט אַ „שאַרפע" קראָם ביי אונז אויפ'ן מאַרק און איז אַ שטאָדט=בעל=הבית, ניט קוקענדיג, וואָס ער איז אָט דעם יענקעלעס אַ פעטער... דער לייבע איז אויך אַ שוואַרצער, גאָר אַ שוואַרצער, ער רופט זיך טאַקע: „לייבע דער שוואַרצער", אָבער ווי קומט ער צו דעם מחבל? אַ נפקאָ=מינה, ווי פון טאָג ביז נאַכט... איז נחום=בער געשטאָרבען מיט פינף=זעקס יאָהר צוריק, און דאָס איז אין פלוג קיינעם ניט

נוגע... די זעֶקלעֶך מעֶהל פיהרט יעֶצט אַנ׳אַנדעֶר וועֶגעֶל=פיהרעֶר, לויזיק דעֶר „אֵיין=אויגעֶל׳. אָבעֶר נייִן: נחום=בעֶר האָט נאָך זיך, אויסעֶר זייַן וועֶגעֶלעֶ, נאָך איבעֶרגעֶלאָזט אויף דעֶר וועֶלט אַ קדיש מיט אַ קדישניצעֶ, און — די וועֶלטעֶלעֶ, זאָג איך דיר, איז אַ ציקאַווע... די גמרא אַפילו בעֶוואָרעֶנט עֶס: „הזהרו בבני עניים” — אָבעֶר די קשיא בלייַבט דאָך: ווי קומט עֶס צו אַנ׳אָרימאַן אַ יונגעֶל מיט אַ גוט קעֶפּיל? — נור נחום=בעֶר האָט פאָרט דאָס אֵייגעֶנס געֶהאַט: אַ יונגעֶל — אַנ׳עלוי! און איך — איך האָב ליעב אַ וואויל יונגעֶל, און כ׳האָב מיר אָנגעֶהויבעֶן אָבגעֶבעֶן כבוד נחום=בעֶר׳ן דעֶם וועֶגעֶל=פיהרעֶר צוליעב זייַן יונגעֶל... איך זאָג דיר אֶמת: זייַן מזל! אַ קינד אָבעֶר אָהן אַ מדריך איז איבעֶרגעֶגעֶבעֶן צום ווינדטעֶלעֶ, און עֶס פֿעֶרטראָגט איהם, וואו פרייַעֶר איז ... שאַ, און ווי איז מיט דיר, שעֶנעֶר מעֶנש? דעֶר פאָטעֶר האָט ניט אַכטונג געֶגעֶבעֶן, ביסט דו אַראָב פון דרך... אַ יונגעֶל איז ווי אַ זשרעֶבציק: אָבגעֶלאָזט נור די ווישקעֶס, לויפט עֶר אַוועֶק אין „היזק”... און וואָס דאָס יונגעֶל איז אַ בעֶסעֶרס, אַלץ מעֶהר השגחה דאַרף עֶס, — אָבעֶר נחום=בעֶר איז אויף דעֶם קייִן בעל=יכולת ניט געֶוועֶן... איז דאָס יונגעֶל אַרייַנגעֶפאַלעֶן צו דעֶר „חברה” אין די העֶנד, און ווייַטעֶר, פעֶרשטעֶהסט דו דאָך: ביכלעֶך מיט „נאַוואוקעֶס” איז געֶוואָרעֶן, ביז עֶר האָט לסוף איבעֶרגעֶדרעֶהט די נאָז אויף הינטעֶן און די פּאַטיליצעֶ אויף פאָרעֶנט... סטייַטש, דו „פחות” אֵיינעֶר, נחום=בעֶר דעֶם וועֶגעֶל=פיהרעֶר׳ס זוהן, וואָס איז מיט דיר די שמחה? ווי האָסט דו ניט קייִן אָבשייַ און דו ווילסט אויך די וועֶלט איבעֶרמאַכעֶן? נור דאָס איז קייִן קשיא ניט: די „נאַוואוקעֶ” מאַכט זיי אַזוי, אַז זיי פעֶרגעֶסעֶן דעֶם ספר=היחוס, זיי פעֶרלירעֶן דעֶם „איך” און „דו”, און עֶר איז אויך אַ לייַט און מאַכט אויך אַ נייַעֶם שולחן=ערוך...

דעֶרווייַל האָט עֶר זיך געֶנומעֶן פאַר די שעות׳לעֶך, גיט עֶר שעות׳לעֶך און האָט געֶנומעֶן בילדעֶן די שוועֶסטעֶר אויך. אין אַייעֶר שולחן=ערוך איז דאָ אַ דין, אַז מעֶן זאָל מקרב זייַן למצוה, וואָס מעֶהר גוים מאַכעֶן... איז זי געֶוואָרעֶן אַ שנייַדעֶרקעֶ, וואָלט זי האָטש געֶנעֶהט און קייִן שטיק ניט געֶמאַכט, זי איז דאָך ניט ראָטשילדיכעֶ! האָט זי אָבעֶר אויך די ליטעֶראַטור, און אַז דעֶר ברודעֶר איז אַוועֶקגעֶפאָהרעֶן — אין עֶרגיץ הונגעֶרן — זענעֶן דאָ זייַנעֶ חברים געֶבליבעֶן, וואָס זענעֶן זי מהנה מיט אַ ביכעֶל. אַז די „חברה” איז דאָך אָהן בושה, ביי זיי איז אַ וועֶגעֶל=פיהרעֶרס אַ טאָכטעֶר אויך אַ קרן... און זי האַלט זיך ניט אין אֵיין מאַסטעֶרסקאַיאַ, וואָס איז? זי איז מיט בילדונג, וויל זי נייַעֶס אויפטהון... און צוריק: וואָס פעֶהלט איהר? זי האָט בעֶסעֶר געֶמאַכט פון מייַן טאָכטעֶר... ס׳האָט זיך געֶפונעֶן אַ משוגעֶנעֶר, וואָס שפרינגט פון דעֶר הויט אַרויס,

און זאָגט איהר: „הרי=אַת״!.. וואָס דאַרף אַ מיידעל נאָך? אַ כלה איז זי געוואָרען, איז איהר שוין כדאַי די בילדונג, איז דאָס ביי איהר אויך אַ נדן.

אַ כלה, זאָג איך, — זי איז דאָך שוין אַ ווייבעל, עס איז שוין נאָך דער חתונה. ביי זיי געהט עס צו גיך: אָהן „תנאים ראשונים״, אָהן „תנאים אַחרונים״, אָהן „צדדים״ — אַ וואָרט נור, און — באַלד זענען דאָ די פיער שטעקענס. און אַז אַ פעטער איז ניט געקומען צו דער חופה, — לייבע דער שוואַרצער איז דאָך ניט געגאַנגען צו דער חופה, ווארום וואָס פאַר אַ כבוד איז טאַקע פאַר איהם זיין צו דער חופה ביי יענקעלען מיט נחום=בער דעם וועגעל=פיהרער'ס טאָכטער? — איז ער ניט געווען, איז אויך רעכט. דעם חתנ'ס מוטער זאָגט צו איהם: „זוהנעלע, דערהאַרט אַ שמחה, זאָל עס ניט זיין פערשטערט: געה, זוהנעלע, דו אַליין געה און רוף לייבען, — ער איז דאָך דיין טאַטענס אַ לייבליכער ברודער, זאָל ער האָטש זיין״... — „עס געהט מיר גאָר ניט אָן, — ענטפערט ער — כ'האָב איהם גערופען מיט'ן שמש, בין איך יוצא״... אַזאַ לייט איז ביי זיך יענקעלע געוואָרען. מען האָט איהם אויסגעלערנט לייטעשאַפט. דו געדענקסט אויך אַודאַי בערקע אַייזיק=מאיר'ס — ער איז אויך געווען פון יענקעלעס לעהרער. דאָס זענען דאָך אַלע גאַסיגע יונגלעך, וויים איך זיי אַלעמען, און פערשטעה זיך אויף זיי... אם=כן, איז ביי יענקעלען אוים פעטער: זיין פעטער איז — בערקעלע.

יענקעלע טראָגט זיך אַרום מיט נייע תורות, מיר זאָגט ער: „אַ שידוך איז ניט קיין האַנדעל, אַ כלה איז ניט קיין מאַרק=סחורה... איך וויל אַ מענשען, וואָס זאָל מיך פערשטעהן, איך וויל, אַז אונזער לעבען צוזאַמען זאָל זיין אינטערעסאַנט״... — „שלעפער דו, — זאָג איך צו איהם: דו פערדינ געלד, וועט ביי דיר זיין אַ לעבען מיט אינטערעס״. וואָס, משוגע? אָט האָרעוועט אַ יוד יאָהרענלאַנג אויף הוראָה, און ווערט אַ רב, און די גמרא איז ביי איהם געווים טייער, פונדעסטוועגען זוכט ער ניט, אַז דאָס ווייב זיינס זאָל אויך קלאָר זיין „ש״ס און פוסקים״, און ער זאָל מיט איהר קאָנען קריגען זיך אין אַ „מהרש״א״, אַ ווייב איז אַ ווייב, און וואָס נאָך? נור יענקעלע קירעוועט זיך אוים, ער זאָגט מיר: — „ר' זלמן=ברוך, איהר זענט אַ ציקאַווער יוד, איהר אינטערעסירט זיך מיט אַלצדינג, און אייער זיצען אין קראָם איז נור פון יוצא=וועגען, אייער האַראַקטער אָבער רייסט אייך פון קראָם אַרוים״... „— נו, נו״... זאָג איך, — „איהר זוכט מיט וועמען אויסצורעדען זיך, און מיט דעם ווייב פערברענגט איהר זעהר ווייניג. זיצענדיג מיט איהר אין דער=היים, שווייגט איהר: אייך גלוסט זיך ניט צו רעדען וועגען קראָם, און זי פיהלט ניט קיין

טעם אין אַייערע מעשיות... אין אַ ווינטערדיגען אָוועגד עפּענט איהר אַ ספר אין דער היים און איהר קוקט אַריין. — „דו וואָלסט זיך בעסער לעגען שלאָפען, און מאָרגען אויפשטעהן פריהער צום מאַרק.. זאָגט זי אַייך — אַ שאָד די נאַפט אויך... די התמדה איז בּיי איהם גרויס, — אַזאַ התמדה צו קרעמערײַ וואָלט איך דיר ווינשען”... אָט אַזאַ שנעקעל האָט עס אַ געניטקײַט אין אַלצדינג — „וואָרום איז דאָס אַזוי?” — פרעגט ער מיך, — „ווײַל זי איז אַ יודענע” — ענטפער איך: מעהר, ווי קראָם=סמאָם פערגעהמט זי ניט; אַ יודענע, פערשטעהט זיך, קאָן ניט פיהלען אַ טעם פון אַ רעכטען ספר”... — אָט דאָס מײַן איך טאַקי, — זאָגט ער: „איהר מיט אַייער פרוי לעבט, מכלו'מערשט, אונטער איין דאַך, אָבער איהר זענט צוויי בעזונדערע וועלטען... איין וועלט ווערט צווישען אַייך נור דאַמאָלס, אַז מען לעשט אויס דאָס פײַער”... דאָס האָט מיך שוין עפּיס אַ ביס געטהון... „פרא=אָדם!” — שרײַ איך צו איהם: „דו הערסט דאָך ניט, וואָס דו רעדסט: עס קומט אויס, אַז דער רב זאָל חתונה האָבען מיט'ן מגיד?... עס פערשטעהט זיך, אַז אַ מאַנסביל האָט זיך זײַנע אינטערעסען, וואָס אַ יודענע פערשטעהט זיי גאָר ניט, און אַ יודענע, פערקעהרט, האָט זיך איהרע אינטערעסלעך, ווי למשל: קלאָטניעס פיהרען, לשון הרע, רכילות'ן”... „פע! — מאַכט ער, שעמט זיך טאַקע! — אַ יודענע האָט אויך אַ זינן צום דענקען און אַ האַרץ צו פיהלען; זי איז ניט נור אַ קעכין און אַ ווײַב... אָט זעהט איהר אַ יודענע אַ גבאַי'תע איז”... בקיצור, ער האָט שוין געפּלוידערט, און איך פיהל, אַז יעדעס וואָרט שטעכט מיר אין קאָפּ אַרײַן, ווי אַ נאָדעל. איך קוק איהם אָן, צי האָט ער זיך ניט אַרויסגעכאַפּט פון דול=הויז...

אַ רחמנות אויף איהם. מײַנסטו, אפשר, איך האָב איהם נישט געזאָגט וועגען מײַן מיידעל? איך האָב מיך נישט געשעמט — פּאָרט אַ וואויל יונגעל: הער אָבער, יונגאַטש, און מיט מיר וואָלסטו זיך געוועלט מתחתן זײַן?... מײַן טאָכטער איז אַ שען מיידעל און אַ קלוגע אויך, און אַ קרעמערין, און געלד, און שטאַט — און די מעשיות דײַנע מיט די „ליטעראַטור” וואָלסטו מיר דערצעהלען, דעם שווער: איך בין דאָך אויך אַ ציקאַווער, ווי דו זאָגסט, און איך וואָלט דיך אויסהערען”... — „ניין, — מאַכט ער: אם=כן, דאַרף איך אַייך איבערלאָזען בּײַ זיך אין שלאָף=צימער”... אַ גנב איז ער, אַ שײַגעץ! נעהמט און האָט חתונה מיט אַ ביכעלע...

זלמן=ברוך האָט זיך צוגעזעצט אַ פערמאַטערטער, קראָפּליעס שווייס האָבען זיך בּײַ איהם פון שטערן געקויקעלט. נור די טונקעלגראָהע אויגען זענען געווען פרעהליכע, — געוויס צוליעב דעם, וואָס איהם האָט געלונגען אַזוי לאַנג צו אויסשמועסען זיך...

„אַ נײַעֶ סדרה!—זאָגט עֶר אַרוּיס מיִט אַ נצחון: יעֶנקעֶלעֶ איִז— אַ סדרה! ווי רעֶכעֶנסטו? אַ סדרה! די צײַט געֶהט, און דאָס רעֶדעֶלעֶ דרעֶהט זיִך, וואָס ווײַטעֶר, האַסטיִגעֶר און געֶשוויִנדעֶר... איִז שוין יעֶנקעֶלעֶ אַ סדרה געֶוואָרעֶן"

זלמן=ברוך האָט אַ שמעֶק=טאַבאַק געֶטהון און האָט וויִעדעֶר זײַן ספר געֶעֶפעֶנט. — „עֶט! — טאַכט עֶר איִן אַ ווײַלעֶ אַרוּם: עֶט! אֶפשר וועֶט דעֶר לעֶבעֶדיִגעֶר פאַר מײַן טאָכטעֶר אויך צושיִקעֶן אַ מציאה... עֶ—עֶט!"...



# חיים בויאן.

# חַיִים בּוּיַאן.

—„ער“ געהט! „ער“ איז דאָ! מאָזעס אַליין! היינט וועט זיין דין וחשבון! לעבעדיגער, חברה! —

אַזוי האָבען די ערד=גרעבער, יעדער אויף זיין שטייגער, איבערגעגעבען, אַז דער פּאָדריאַטשיק איז געקומען: „מאָזעס אַליין“ איז דאָ. און די מאַסע קעפּ האָט זיך, דאַכט זיך, נאָך נידעריגער אַראָבגעלאָזט. די פּלייצעס אויסגעבויגען, די פּיס דריקען אָן אויף די גראָב=אַייזענס, און די אויגען קוקען נור צו, ווי די ערד שניידט זיך אָב „המוציא׳ס=ווייס; — אויפגעהויבען די גראָב=אַייזענס, אַקעהרגעגעבען אין דער לופט — און די המוציא׳ס ווערען צושלאָגען און צושאָטען. און די באַרג פון די אויסגעגראָבענע ערד וואַקסט און וואַקסט.

מען אַרבייט אַווײַלע שטיל און אָנגעשטרענגט.

מאָזעס איז אַווײַלע געשטאַנען דאָ ניט ווייט און צוגעקוקט, ווי די אַרבייט געהט.

מענדיל און זעליג, צוויי יונגע בחורים׳לעך, האָבען אָנגעשאָטען זייער „נאַסילקע“ מיט ערד, און אויפגעהויבען אָבצוטראָגען עס צו די וואַפּנע. זייער פיגור איז אויסגעגלייכט, ווי פון בליי אויסגעגאָסען, די הענד — אַראָבגעצויגען, און די שטאַנגען פון דער „נאַסילקע“ זענען פעסט אַיינגעדריקט אין זייערע פויסטען, ווי אין אַייזערנע רינגען. און די אַלע דריי — די בחורים׳לעך מיט דער נאַסילקע — רוקען זיך פאָראויס אַזוי מעסיג און מעכאַניש, דאָס ס׳דאַכט זיך, אַז איבערהויפּט האָט דאָ צו טהון נאָר די נאַסילקע: מענדלען, וואָס איז פאָראויס געשטאַנען, האָט זי געשטופּט, זעליגען, וואָס געפינט זיך הינטער — האָט זי נאָכגעשלעפּט...

מענדיל אָבער זעלבסט האָט געפּיהלט, אַז ער טראָגט דאָס די משׂא — געפיהלט האָט ער דאָס בעזונדער אין זיין לינקער האַנד, וואָס איז ביי איהם אַ בלויזע געווען ביז אַקסעל: גראַד דער אַרבעל האָט אינגאַנצען אויסגעפּעהלט אין זיין מלבוש; און זעליג האָט אַ דעה געהאַט אין קאָפּ — דאָרטען ערגעץ אונטער זיין פערשמוצטען היטעל מיט'ן אָבגעריסענעם דאַשעק האָט זיך ביי איהם געגריבעלט, אַז אויף איהם פאַלט די גאַנצע משׂא, ווייל מענדיל איז אַ העכערער פון איהם... דער געדאַנק פערנעהמט איהם שוין פון לאַנג, נאָר עפּעס קאָן ער איהם נאָך ניט אָננעהמען אויף געוויס.

זיי זענען אַרויסגעקומען הינטער מאָזעסען, און זעליג האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט: דעם פּאָדריאַטשיק'ס שטעקען האָט איהם אין די אויגען אַ שיין געטהון.

— זעליג, וואָס שטעהסטו? — האָט מענדיל מיט שרעק אַרויסגעזאָגט.

זעליג האָט ניט געענטפערט.

מענדיל האָט צו איהם די נאַסילקע אַ שטויס געטהון, און דורך די צעהן אַרויסגעמורמעלט:

זעליג! זעליג! — ווילסט לעבען?...

— זעה, מענדיל, דעם הינטישען קאָפּ אויפ'ן שטעקען... האָט יענער געזאָגט מיט התפּעלות.

אַ מכּה דיר אין קאָפּ!... אַנ'ערשטען מאָל, וואָס?... „ער" שטעהט דאָך דאָ... דו געהסט?

— טאָר איך ניט שטעהן אַ ווײַלע און קוקען?

— הו-או-או... האָט מענדיל מיט כּעס געמורמעלט.

— געה שוין, געה, „ווייסע ציינער"! שלעפּ זיך, מורא'כע! האָט איהם זעליג נאָכגעגעבען מיט האַס.

זיי זענען אַוועק — זיי אַלע דריי רוקען זיך מעסיג מעכאַניש.—

מאָזעס האָט בעטראַכט, ווי פון דעם שטײַפען גרונט שנײַדען זיך אָב גאַנצע שטיקער ערד, גיבען זיך נאָר אַ טרייסעל אין דער לופט אויפ'ן גראָב-אייזען און צושלאָגען זיך און צושיטען זיך, פאַלענדיג ווי שטויב. ס'האָט איהם עפּעס הנאָה געטהון: ס'געהט ביי איהם די אַרבייט.

מיט אַ לוסטיגען געמיט איז ער אַוועק פון דאַנען.

— ער איז אַוועק צו די מויערער — האָט עמיץ אָנגעזאָגט און זעלבסט גרינגער אויסגעאָטעמט.

די ערד-גרעבער האָבען זיך עטוואָס צוריק אָבגעבויגען.

בערעל, אַ איד מיט אַ שענע גראָהליכע באָרד, האָט די ערד פון זיין גראָב-אייזען אַראָבגעשאָטען, און געזאָגט:

— ער ווערט דאָ פערגאָלטען, האָב איך געהערט.

— יע, ער וועט דאָ חאַפּען אַ פּעטע מטבע, — האָבען איינִיגע געוואָלט מסכּים זײַן.

— די פאָריגע וואָך האָט ער גענומען נאָך צוויי פּאָדריאַדען, — האָט שלמה דער הויכער אַרויסגעזאָגט מיט עפּעס אַ פּערדרוס. — צו אויף מאָזעסעם גליקען, צו אויף זײַן אייגענעם אונגליק.

— אָבער אומעטום קעהרט ער זיך דיר אײַן! — האָט לייבע דער שמאָלער בעמערקט.

בערע האָט זיך אָנגעלעהענט אויפ׳ן גראָב־אַייזען.

— מזל... ס׳טהוט זיך שוין אָהן איהם. פּאַרהאַן שוין פײַער־משרתים — ס׳טהוט זיך שוין...

— און טאַקע געניטקײַט אויך, — קריגט לייבע, — ער ווייס שוין, ווי מען דאַרף צוטרעטען...

— וו־וו־וואָ־ס דערצעהלט איהר זײַנע מ־ממעלות צ־צו שבחים? — האָט חיים „בויאַן" אַרויסגעברומט, ווי אַ ביהן, און האָט אַ בייזען בליק געוואָרפען אויף די אַרומיגע.

— מעלות? — האָט שלמה אָבגעענטפערט: מיר ריידען נור, ווי ס׳גליקט איהם.

— א־א־איז דיר וואַרעם? האָט איהם חיים דורכגעשטאָכען מיט זײַן בליק.

— און אַז ניט וואַרעם? — האָט בערע געשמייכעלט.

— אָ־אָ־אָט... האָט חיים אַרויסגעמורמעלט, און האָט זיך ווידער אויף זײַן גראָב־אַייזען געבויגט, שטאַרק אָנגעדריקט מיט׳ן פוס, און טיעף און מיט אַ כעס האָט ער זיך אין דער ערד אַײַני געגראָבען.

„געניטקײַט — מזל... אַ גוטען טאָג צו לעבען... ערד־גראָבען מיט אַ גראָב־אַייזען איז אויך אפשר אַ מזל?... אַמר בר־רב־אַש־מאַכען „זיי" „פון איהם"...

די מחשבות זײַנע האָבען זיך ווי אַ פינסטערע חמאַרע אויף זײַן האַרץ געלעגט. —

מיט גיפט האָט ער די ערד פון זײַן גראָב־אַייזען ווײַט־ווײַט פון גראָבען פערשלײַדערט און האָט אויסגעשפּיגען. דאַמאָלסט האָט ער זײַן גראָב־אַייזען אין ערגעץ אַרײַנגעשטאָכען, און בעקומען זײַן ליולקע פון קעשענע און אָנגעפילט מיט טאַבאַק.

פון אונטער זײַנע געדיכטע צוזאַמענגעצויגענע ברעמען איז אַ בייזער בליק געווען געשיקט אין דער־קרים — בייז איז ער געווען אויף אַלעמען און אַלעם.

— אָט ענדיגט מען שוין דאָ די אַרבייט — וואו איז פאַרהאַן אַנדערע? היינט איז מיטוואָך — ביז נאָך שבת וועט שוין געוויס קיין אַנדער אַרבייט ניט זיין...

זיי זאָגען, אַז אויף די נייע פּאָדריאַדען ביי „איהם" איז אויך פאַרהאַן ערד-גראָבערײ — זענען זיי גליקליך, די חמורים!...

וואָס דאַרף ער וואַרטען אויף זיין אַרבייט — אויף מאָזעסקעס אַרבייט? ער וואָלט מעהר צופריעדען זיין, ווען מאָזעס זאָל בעסער געהען וואַרטען אויף אַרבייט ביי איהם, ביי חיימ'ן...

וואָס איז חיים? אויך אַמאָל אַ בעל-הבית אַ איד געווען, געפיהרט „אַ סטאַט"... און אַ טאַטען אפשר נאָך אַ שענערען פון איהם געהאַט...

ביי די מחשבות האָט ער פערוויכערט זיין ליולקע און אַרוים-געלאָזט געדיכטע קנוילען בלויען רויך. ער האָט פון גראָבען נאָכ'ן רויך נאָכגעקוקט.

גרוים ווי אַ פעלד האָט זיך איהם געדאַכט דער הויף, וואו מען בויט איצט די נייע סעמינאַריום. מיט איין אויגענבליק האָט ער דאָס בילד אינגאַנצען אַרומגענומען.

קלעצער און ציגעל, שטיינער און וואַפנע, פערד און מענשען — אַלעס און אַלע זענען צוזאַמענגעמישט אין איין גרילצענדען רוישען אין דער אָנגעברענטער לופט. אַמאָל שיינט אָב אין דער לופט אַ בלאַנקע האַק און אַ געזונטע זויבערע האַנד; באַלד ווערט טונקעל ערגיץ אַנדערש וואו פון אַ ברייטען חשכ'דיגען און ברודיגען שעפּ-מעסער, וואָס אַ מויערער האָט אויפגעהויבען מיט נאָך מעהר אַ חשכ'-דיגער און פערשמוצטער האַנד.

און די ווענד פון די מויערען — דאָ און דאָרטען — וואַקסען און וואַקסען.

— צו וואָס? — פרעגט זיך חיים: מען בויעט פּתאום און רעמסס...

ער שיט אַרויס די אויסגעברענטע טאַבאַק פון זיין ליולקע, און דערביי קומט צו איהם אַ מחשבה, אַז ניט ער און ניט די אַלע, וואָס מוטשען זיך דאָ אַזוי שווער — ברויכען גאָר ניט די אַלע בנינים, ניט יעצט און ניט שפּעטער...

ער הויבט ווידער אָן צו גראָבען, נאָר מיט אַזאַ שנאה צו דעם, וואָס ער טהוט: צוליעב וואָס?

שוין צעהן יאָהר אַז ער איז אַג'ערד-גראָבער געוואָרען. פיעל האָט ער שוין פאַר די צייט די ערד צוגראָבען! בערג גאַנצע אַראָב-געשניטען, היילען אויסגעבויערט — צו ליעב וואָס?

און איהם דוכט זיך, אַז קוים האָט ער ניט בעקומען פאַר זיך קיין וויכטיגע נוטצען פון דעם, האָט ער ניט געדאַרפט גראָבען די ערד, די דאָזיגע שוואַרצע בריאה... צו ליעב וואָס האָט ער זי געשניטען און געשטאָכען מיט זיין בלאַנקען אַייזען?...

האָבען עס יענע געזאָלט גראָבען, וועמען עס האָט גענוצט!...

ווי ער האָט איינמאָל בענוצט זיין אַרבייט פאַר זיך זעלבסט...

פון דער מחשבה ווערט איהם פינסטער אין די אויגען, און עס דאַכט זיך איהם אַ ווײַלע, אַז די דעק פון דעם גראָבען הויבט זיך, הויבט זיך און ריהרט איהם אָן די נאָז...

יאָ, ער האָט אַמאָל זיין אַרבייט בענוצט פאַר זיך זעלבסט...

... שמעון׳קע איז ביי איהם געשטאָרבען.

דער „רבי” האָט אַ גוטע עצה געגעבען, אַז ער, חיים אַליין, זאָל דעם קבר אויסגראָבען אויפ׳ן בית=עולם, אַלס אַ סגולה פאַר זיינע איבעריגע צוויי קינדער.

— מיט דיין גוטען ווילען גיב אָב דיין קינד... דער רבש״ע וועט זעהן, אַז דו ביסט פון זיין רצון צופרידען, וועט ער זיך אויף דיר מרחם זיין... אַזוי האָט דער רבי געזאָגט.

— חיים האָט דעם קבר געגראָבען — דער רבי האָט אַזאַ עצה געגעבען, און חיים האָט שוין דאַמאָלסט געקאָנט גראָבען...

זיין פּנים איז אַלע מאָל שוואַרצער געוואָרען, דער בליק — פינסטערער און בייזער... און מיט אַמאָל האָט אַזאַ שאַרפער און שניידענדער בליק פון זיין אויג אויסגעשאָסען, אַז ער, חיים זעלבסט, האָט איהם אויפ׳ן דעק פון קבר דערזעהן, ווי אַ שלאַנג אָנגעדרעהט אַרום דעם גראָב=אַייזען.

מיט אימפּעט איז ער פון קבר אַרויסגעשפּרונגען.

— מעהר גלויב איך ניט אין „גוטע אידען”! — האָט ער אויסגעשריען.

מען האָט צו איהם, דאַכט זיך, פיעל גערעדט, מיט גוטען און מיט בייזען, אַז ער זאָל ענדיגען דעם קבר גראָבען: דער רבי האָט דאָך געהייסען...

ער, חיים, האָט געשוויגען=געשוויגען, ווי די פערשטאָכענע ערד און האָט ניט געפאָלגט.

— בויאַן! — האָט איהם דאַמאָלסט עמיץ אָנגערופען, און דער צונעמעניש איז איהם פון דאַמאָלסט אָן געבליבען.

„אָט האָב איך טאַקי אַמאָל מיין אַרבייט בענוצט — געפּרובט בענוצען פאַר זיך!... „טראַכט איצט חיים מאָדנע אויפגערייצט.

---

מענדעל און זעליג זענען שוין ווידער נעבען גראָבען. זיי שיטען אָן זייער נאַסילקע און זיי קריגען זיך נאָך אַלץ פון פריהער. ענדליך האָט מען זיך אָנגענומען פאַר די לאַצען און געשטויסען, זעליג קײַקעלט זיך אַרײַן אין גראָבען און פאַלט דעם אַלטען בערען אויף אַ פּוס — און חיים וואָס שטעהט דערנעבען האָט זעליג׳ן מיט׳ן גראָב־אײַזען אַ זעטץ געגעבען. זעליג טהוט זיך שנעל אַחאַפּ אויף, און וואַרפט אַ דרינגענדיגען, בעסדיגען בליק אויף חיים׳ן, און זאָגט גאָר נישט. ער זעהט, ער פיהלט, אַז חיים איז אויפגערעגט און בייז אויף אַלעמען און אַלעם, — אַך, ווי בייז ער איז! —

דער שטאָדט־זייגער האָט אָבגעשלאָגען: זעקס.

אַז זעליג איז פון גראָבען אַרויס און האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער די זון דערזעהן הינטער דעם הויכען פאַרקאַן עטוואָס העכער פון דער אויבערשטער ברעט, און איהם האָט זיך גערדאַכט, אַז דאָס האָט זיך דאָ ווידער אָנגעהאַנגען די „שיקסע" פון דעם צווייטען הויף מיט איהר רונדען רויטען פנים און קוקט אַהער אַריין, אַזוי ווי נעכטען.

אַ ווינטעלע האָט געבלאָזען — דאָס ווינטעלע האָט גענומען שפּילען.

ער האָט אָנגענומען לייבע דעם הויכענס העמד, וואָס איז געווען פון שוויים אָנגעוויקט און איהם צום פּלייצע צוגעפּאַטשט. לייבע הויבט אויף זיין ברוסט, ווי ער וויל מיט דער בעוועגונג אַוועקנעהמען זיין פּלייצע פון דער נאַסער קאַלטער העמד. און דאָס ווינטעלע האָט שוין אָנגעחאַפּט בערעס אַרבע־כנפות, פערוואָרפען איהם אַ פּאָלע אויפ׳ן אַקסעל און אַ ציצית אויפגעהויבען און פערלעגט אַהינטער׳ן אויער — ביי שלמה׳ן פון גראָב־אײַזען האָט עס אַראָבגעבלאָזען אַ ביסעל שטויב און איהם אין באָרד אָנגעשאָטען. און עס לויפט ווייטער און שטעלט זיך געגען חיים׳ן, ס׳בלאָזט איהם — אויף להכעים — אין זיינע בייזע פינסטערע אויגען — עס פּייפט אין די טראָפּען שוויים אַרום די אויגען און נאָז — עס עסט, און חיים פערקרימט זיך. מיט׳ן שוואַרצען פערשטעקטען אַרבעל פון העמד, וואָס ער קאַטשעט אָב פון האַנד, טהוט ער איין מאָל אַפיהר איבער׳ן פנים — און ברודיגע פאַסען ציהען זיך אויס באַלד איבער׳ן פנים.

— דאָס ווינטעל ראַטעוועט — אַ חיות! — קוויקט זיך לייבעל.

— אָבגעפרישט די ביינער, לעגט צו בערל.

— אַ טייער ווינטעלע! — פערגניגענט זיך שלמה.

— א־איז וואָס קושט דו איהם ניט? — האָט חיים אַרויסגערעדט און אָנגעשטעלט זיינע בייזע אויגען געגען שלמה׳ן.

— אַ בייזער זענט איהר שטענדיג, — מאַכט שלמה.

— און דו ביסט שטענדיג אַ גוטער?

שלמה האָט ניט אָבגעענטפערט, ווייל ער האָט בעמערקט, אַז מאָזעס איז ווידער אַהער צוגעגאַנגען — ער מיט „די בעגלייטער"— צוויי משגיחים.

מען האָט ווידער שטיל און אָנגעשטרענגט געאַרבייט

מאָזעס וואַרפט אַ בליק בגנבה הין און הער.

הינטער איהם שטעהען, שווייגענדיג און וואַרטען אויף זיינע בעמערקונגען, לייקין, אַקורצער איד מיט אַ גראָהער באָרד, זיין אַלטער משגיח אויף בנינים און שמעריל, אַ יונגער הויכער בחור אויסגעגאָלט צום בלאַנקען, שעהן געקליידעט מיט בלויע ברילען אויפ׳ן לאַנגען שמאָלען נאָז, מיט אַ דינעם שטעקעלע אין דער האַנד שפּילט ער דערווייל און בעזועגט אַלע גלידער.

— דאָס ערד־גראָבעריי ענדיגט מען היינט — זאָגט מאָזעס אַרויס פאַר זיך ווי פערטראַכט. שמעריל איז צוגעשפּרונגען פאָרויס און געזאָגט:

— אָט באַלד איז פערטיג.

— רעכענט מען זיי היינט אַ גאַנצען טאָג — האָט מאָזעס ווידער אַרויסגעזאָגט, ווי פאַר זיך מיט אַ לשון־סתם, ניט געפרעגט או ניט געענטפערט, נור גלאָט אַ געדאַנק געטריבען...

— מען קען רעכענען אַ האַלבען, — האָט שמעריל זיך אַזאָג געטהאָן און האָט שאַרף אַיינגעקוקט אין דעם בעל־הבת׳ס אויגען ער האָט געוואָלט טרעפען זיין מחשבה, און געשיקט ערפילען זיין וואונש.

— שוין נאָך זעכס דעם זייגער, — האָט יוסף דער אַלטער משגיח געזאָגט און זיין גראָהען באָרד אַראָבגעלאָזט...

—מען דאַרף זיי שיקען אַרבייטען אויף דעם גייען „פּאָדריאַד",— האָט דער בעה"ב בעפעהלט און אָנגעקנייטשט זיין שטערען.

דאָס ווינטעל האָט איהם אין פנים אַ בלאָז געגעבען מיט ציגעל־שטויב פון אַוואָגען, וואָס איז פאָרביי געפאָהרען, און ער האָט זיך זעהר ברוגז׳דיג פערקרימט אויפ׳ן בעל־עגלה מיט׳ן פערד, מיט׳ן וואָגען: „ווי קומען זיי דאָס אַהער?...„

— גאָר—אָר! האָט זיך דערהערט.

די אַרבייטער האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוקלעטערען פון גראָבען.

מען האָט אויף זיך אָנגעצויגען די מלבושים און מען איז אַוועק צום ביידעל, צום חשבון.

ביי׳ן טיש אויבען אָן איז מאָזעס געזעסען, דעם קאָפּ אָנ־געלעהנט אויף איין האַנד און מיט אַ צווייטע האָט ער זיך עוסק געווען מיט דער ס,גאַרע וואָס ערי האָט גערויכערט. ביי דער זייט

איז געזעסן יוסף לייקין, די באָרד אין האַנד געהאַלטען און גאַנץ מיוישב׳דיג געשוויגען; — געגענאיבער איז געזעסן שמעריל און מיט אַ בלייפעדער שנעל געצייכענט עפּעס אין אַ קליינעם ביכעלע. זיינע לאַנגע ווייסע פינגער האָבען זיך געשווינד בעוועגט, אין דעם איז בעשטאַנען זיין קונסט. —

דער עולם קומט אָן.

מאָזעס בעגעגענט זיי מיט אַ צופרידענער מינע.

— שוין גאָר?

— גאָ־אָר; — ענטפערען איינינגע און ווייסען ניט, צו צו־פריעדען זיין, צו ניט: דעם בעל־הבית׳ס שמייכעל איז נאָך פאַר זיי אַ רעטעניש.

—נו׳ קומט אהער פריהער די „פני״! — האָט מאָזעס אויס־געריפען: די יחסנים פון פינף־און־זיעבעציג קאָפּיקעס אַטאָג...

און, ווי עפּעס פערשעמט מיט׳ן „יחוס״, האָבען אַרויסגעטראָ־טען פון די ווינקעלעך בערע, שלמה, לייבקע און, צולעצט — חיים. מען איז צוגעגאַנגען צום טיש.

— אייך קומט נאָר פאַר היינטיגער וואָך: איך בין קלאָר אין חשבון, — זאָגט מאָזעס.

ער האָט ליעב געהאַט אַליין צו חשבונען זיך מיט די אַר־בייטער, ביי איהם איז דאָס געווען אַ קונסט, און אַ נוצליכע דערביי.

— קומט אייך פאַר זונטאָג, מאָנטאָג, דינסטאָג און היינט — ער מאַרט אָב אַ ווײַלע.

— קומט אייך פאַ־אַר...

ווידער אָבגעוואַרט.

— פאַר פיער גאַנצע טעג...

— אַזוי, אַזוי, — האָבען געאײַלט מסכים זיין בערע און שלמה.

דער אַלטער משגיח, יוסף לייקין האָט אַ שאָקעל געגעבען דעם קאָפּ און אויסגעהוסט זיך, צופריעדען מיט דעם חשבון. נאָר שמעריל האָט די אויגען אַ הויב אויף געגעבען צו׳ם בעל־הבית, ווי געזאָגט: וואָס איז דאָס! —

— קומט יעדערען צו דריי רובל. — אָבגעאַרבייט, נאַט אייך אָב, וואָס אייך קומט... איהר האָט היינט פריהער אַפילו געענדיגט די אַרבייט, נאָר... אָרעמע יודען — וואָס זאָל איך פון אייך וועלען?

די אַרבייטער האָבען עפּעס נאַריש געהאַלטען די מיילער אָפען, און געשוויגען און געוואַרט — צוגעהמען דאָס געלד און אַוועקלויפען פון דאַנענט.

— זאָל זיין אַזוי, נו, פריהער געענדיגט... נאַט אייך פאַר פיער גאַנצע טעג — וואָס טויגען די עסקים מיט אָרעמע יודען?

בערע האָט עפּעס געקראַצט די באָרד, שלמה האָט געהוסט, לייבע האָט געהויבען אַ פּוס נאָך אַ פּוס — זיי אַלע האָבען זיך עפּעס געפּיהלט, ווי געצוואונגען.

חיים האָט זיך צוגערוקט, אַ שטוים געטהון בערען און אָנגעלעגט זיך אויפ'ן טיש מיט'ן ברוסט — זיין שוואַרץ=גרויע באָרד האָט אָנגעריהרט די ברעטער, דעם קאָפּ האָט ער מיט די הענד אונטערגעשפּאַרט און פון די בעזע אויגען אַ שאַרפען בליק געשיקט צו מאָזעסען.

—„בינדען זיך" און אָברעכענען האָב איך פיינד, האָט מאָ= זעס אַלץ גערעדט. נאַט אייך, און פערדינט ביי מיר... איך האָב נאָך אַרבייט פאַר אייך, און בערייסען וועל איך אייך קיינמאָל ניט... דער אַלטער משגיח האָט די אויגען מיט די הענד פערשטעלט: גע= ווים האָבען די רייד אין זיינע אויגען מאוס אויסגעזעהן

— זאָלען אַנדערע בערייסען אָרימע יודען...

עפּעס האָט דער טיש אַ סקריפּ געטהון, עס האָט זיך געהערט אַ ברום, ווי אַ ביהן וואָלט דורכגעפלויגען, נאָכדעם — אַ הייזעריגעס שטים פון אַ צוגעדריקטער ברוסט:

— זיי קאָנען דאָך גאָר ניט בעצאָהלען...

אַלע האָבען זיך אומגעקעהרט צו חיימ'ן.

מאָזעס האָט זיין האַלז אויסגעצויגען, אָנצוקוקען חיימ'ן פון נאָהנטען.

— ס'טרעפט ניט אַ שלעכטער בעל=הבית, וואָס „בערייסט"?— האָט מאָזעס מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

מאָזעס האָט ליעב געהאַט ביי אַ צופאַל שטודירען די אַרבייטער. אויסלערנען זייערע חאַראַקטאָרען און מיינונגען: „מען דאַרף וויסען, וועמען מען האָט אַרום זיך"... האָט ער דערביי געטראַכט.

— גענוג, — האָט חיים אויף זיין פראַגע קורץ געענטפערט.

— איך האָב צו אייך גאָר נישט, — מאַכט מאָזעס און קוקט איהם אין די אויגען אַריין מיט אַ פערבאָרגענעם שפּאָט: איך צאָהל אייך פאַר גאַנצע פיער טעג.

—יע, יע, — האָט מען געשריען און געוואָלט מיט דעם צו= פרידען שטעלען ביידע צדדים, מאָזעס'ן מיט חיימ'ען: מען האָט שוין געוואָלט, וואָס גיכער אַרויסגעהן פון ביידעל.

— איזו... דאַרף מען אַדאַנק זאָגען? — האָט חיים אַרויסגע= ברומט: מיר האָבען געהאָרעוועט...

— איך דאַרף ניט אייער דאַנק: איך צאָהל געלד פאַר אַרבייט... איהר אַרבייט פאַר געלד, ניט פאַר אַ דאַנק...

מאָזעס האָט אָנגעהויבען געלד צו טיילען.

— נאָך שבת קאָנט איהר קומען אויפ'ן שפּיטאָל־הויף אויף אַרבייט, אָדער: איהר קומט טאַקע מאָרגען גאַנץ פריה — איך האָב צו אייך גאָר נישט! — ... עס האָבען ביי מיר אָרימע יודען צוויי חדשים געאַרבייט, בין איך צופריעדען...

— זאָל אייך גאָט העלפען אַלע מאָל פונאַנדערנעהמען זיך מיט אַרבייטער שען! האָבען צוגלייך אַרויסגעזאָגט בערע מיט שלמה'ן, און געדרעהט זייערע אַסיגנאַציעס אין די פינגער.

דער אַלטער משגיח האָט זיך עפּיס אויפגעהויבען פון זיין אָרט און איז אַוועקגעגאַנגען. חיים איז נאָך געווען אָנגעשפּאַרט מיט'ן ברוסט אויפ'ן טיש, ער האָט עפּיס געשנאָרכעט און געחראָפּעט. מאָזעס האָט אויף איהם אַ קרומען בליק געוואָרפען און געשמייכעלט פון דעם „חברה־מאַנן".

— קומט אַהער — מאַכט מאָזעס מיט אַ שמייכעל, נאַט אייך אויך גאַנצע דריי רובל... גוט גערעכענט, האַ?

— אָ־אָט רעכענט ניט גוט... האָט חיים געחריפּעט.

— וואָס הייסט? — שמייכעלט מאָזעס.

חיים כּעס'ט:

— אָט גאָר ניט בעצאָהלען.

—חיים! — האָט איהם לייבל אָנגענומען פאַר אַנ'אַקסעל: רייד נישט קיין נאַרישקייט... רב הערר מאָזעס האָט דאָס גאָר ניט אין די געדאַנקען.

— אָ — אָט זאָגען זיי... זאָגט ער אַלץ... וואָס זאָלען מיר דאַנקען?... אַ נדבה גיט ער אונז ז?... האַ? חיים האָט עטוואָס געשטאַמעלט און געחראָפּעט פון כּעס, ווי שטענדיג.

— קלעהר ניט אוים, חיים. — האָט מען איהם געוואָלט בערוהיגען.

— אַי, רב יוד — האָט מאָזעס מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט: איהר זענט עפּיס אַ בייזער יוד!

— אַז מען דאַרף מיט זיי קיין מחזקות ניט מאַכען, — האָט זיך איצט שמעריל אָנגעחאַפּט און אָנגעצונדען: זיי וויסען זעהר, זיי...

און ער האָט אויף זיי אַלעמען אַזאַ בליק געוואָרפען, ווי אויף עפּיס ברודיגעס און העסליכעס.

חיים האָט זיך צו איהם אַציה געגעבען און אַ פייערדיגען בליק געוואָרפען.

— אָ — אָט וועט ביסט דו אַזוי?... הונד! אַ בעל־הבית'ס אַ הונד! אויך מיר אַ לייט! די הענד אין די קעשענעס...

— חיים בויאַן! דו האָסט גענומען געלד, איז גיי אַהיים... האָט שמעריל מיט בעם געוואָרפען.

— כ'פרעג ביי דיר ניט! — האָט חיים געחריפעט און אַליין פאַראויס גערוקט זיך: הונד! חיים בויאַן איז ערליכער פון דיר... גיי אַהיים, — האָט זיך חיים געקרימט: וואָס? דו דאַרפסט שוין נאָך מיידלעך אַוועקלויפען?..

— פעע! — האָט זיך מאָזעס פערקרימט: געהט זיך שוין פונאַנדער: אַ חרפה...

— זיי זענען נאָך די לייט!... האָט חיים געקאָכט, און איז פון ביידעל אַרויס.

— ס'אַרא בויאַן — האָט שמעריל געטענה'ט צום בעל־הבית: מעהר לאָז איך איהם שוין ניט צו אויף דער אַרבייט...

— אַ בויאַן... האָט אויך מודה געווען דער בעל־הבית. און האָט מיט דעם „אַסך־הכל" געמאַכט פון זיינע מחשבות.

— גוט! — האָט זעליג אָנגענומען חיים'ן פאַר'ן עלענבויגען מיט ליעבשאַפט.

ער האָט שוין פערגעסען אָן דעם, וואָס חיים האָט איהם פריהער אין גראָבען אַ זעטץ געגעבען מיט'ן גראָב־אייזען.

ביי זעליגען אין קאָפּ, דאָרטען ערגיץ אונטער זיין פער־שמוצטער הוט מיט'ן אָבגעריסענעם דאַשעק האָט זיך עפּיס אַ געדאַנק געוועבט —

ער זעלבסט האָט נאָך ניט געוואוסט, וואָס און ווען — —

—גוט! חזרט איבער זעליג נאָך אַ מאָל, אַרומנעהמענדיג חיים'ן.

— כ'דאַרף דיך ניט — האָט חיים עפּיס מאָדנע אָבגעשטויסען דעם יונגעל: גיי!...

אויפ'ן אויסגעשטערנטען הימעל האָט זיך פון ערגיץ אַ גע־דיכטער שוואַרצער פלעק געצוינען. אַנ'עלענדער, בייזער פלעק האָט זיך פון אַברעג צום מיטען הימעל אָנגערוקט. — —

# אויף דער עלטער.

# אויף דער עלטער.

ערצעהלונג.

## I.

אַ ווינטער=טאָג.

ביי בערען דעם אַלטען איז שוין נאָכ'ן אָנבייסען. ער רוקט אַוועק פון זיך דאָס לעהמען שיסעלע מיט וואַסער, וואו עס איז נאָך איבערגעבליבען עטליבע שטיקלעך האַרטע ברויט און וויקען זיך: מעהר וויל ער שוין ניט עסען. ער בענשט און זאָגט „רחם" מיט כונה, און אין מיטען „זוננו" צעגעניצט ער זיך אויף לאַנג.

עס טהוט איהם באַלד אַ טרייסעל אינעווענינ, — אומעט און קעלט דרינגען איהם דורך.

און דעם אַלטען פערגלוסט זיך אַ ווייכע קאַנאַפּע, אויסציהען זיך און איינדעקען זיך מיט אַ וואַרעמע קאָלדרע... אַך, ווי וואַרעם עס וואָלט געוועזען! — די אַלטע ביינער... ס'ווילט זיך ניט נייהען...

פאַר די אויגען אָבער שטעהט איהם זיין האַרטער האָלצערנער בעט=בענקעל, — און איהם דאַכט זיך, אַז פון איהם ציהט עס די קעלט, די רויהע פראָסטיגע חמאַרע... אויפ'ן בענקעל ליגט אַ זאַק, וואָס איז אָנגעפילט מיט היי, אַ קליין קישעלע, אַ צעטראָטענע אין אַ ברודיגער ציכעלע, דאָ אויך וועלגערט זיך זיין אַלטער אויבער=בגד, זיין טאָגענדיגער מלבוש און זיין ביי=נאַכטיגע קאָלדרע.

„עך", — מאַכט דער אַלטער אין די געדאַנקען: „בעסער זעצען זיך פריהרען, ווידער אויף אַזאַ געלעגער ליב=און=לעבען צעברעכען"...

און רב בער ווערט זיך טאַקי זעצען און וועט לאַטען... שמו=צערט אוים דער אַלטער מיט די ליפּען און וויל זיך לוסטיג מאַכען.

אַ ווײַלע שטעהט ער קעגען זײַן טישעל און קוקט זיך צו, ווי ניט אַ היגער דאָ, און רעדט פאַר זיך: „פּאָדעם האָב איך דאָך, ווײַסע פּאָדעם און שוואַרצע, געוואַנד אויף לאַטעס האָב איך אויך, די אַרבײַט דאַרף איך פאַרטיג מאַכען — אם־כן, פאַר וואָס זאָל איך ניט נײַהען?“.

... ס'איז אָבער קאַלט... ס'שלעפערט מיך...

און דער אַלטער קעהרט זיך אום און בלאָזט אין דער געדיכטער פאַרע — קוים וואָס עס בעוועגט זיך...

— נו, נו, רבונו־של־עולם! — זאָגט ער אַרויס מיט פערדבעל און קלעטערט אויף זײַן בענקעל.

עס איז איהם קוים געראָטען „אַ נאָדעל פּאָדעם“ צו מאַכען: דאָס אויג זעהט שוין ניט, די פינגער זענען געפרוירען, ניט אַ בויג צו טהון. ענדליך האָט ער זיך אײַנגעזעצט, אײַן פוס אונטער זיך פערבויגען, די צווײַטע — פאָרויס אויסגעצויגען, אויפ'ן שויס בײַ איהם ליעגט דאָס אַלטע מלבוש, וועלכען ער לאַטעט, און דער אַלטער בערע נײַהט.

לאַנגזאַם, שטיל, אַ שטאָך נאָך אַ שטאָך.

אָבער די הענד פערבלײַבען באַלד אויסגעשפרײַט אויפ'ן בגד, דאָס נאָדעל אין „שטאָך“ פערשטעקט — דער אַלטער האָט אײַנגעדרימעלט.

ערוואַכענדיג, רײַבט ער זיך די אויגען; איבערהויפּט פערמאַכט זיך איהם דאָס לינקע אויג.

ער קלערט פון וואַנען נעהמט זיך צו איהם הײַנט דער שלאָף: צי פון דעם זאַטען צובײַסען? צי פון דעם וואַרעמען אויבען, אויף וועלכען ער זיצט?...

און זײַן גרויער קאָפּ פאַלט צו צום ברוסט, און זײַן גרויער באָרד בויגט זיך אָב און שפּאַרט אַרויס פאָרויס עפּיס אַזוי, אַז זי „שטעכט“ איהם די אויגען...

„פע מאוס: אַ זקן אַ יוד מיט אַזאַ ווײַסען באָרד זאָל נאָך זיצען און נײַהען“...

אַזוי, דאַכט זיך איהם, שפּאָט פון איהם זײַן באָרד.

ער פערשפּרײַט דעם אַלטען מלבוש און וויל בעטראַכטען, ווי גוט ער האָט איהם אויסגעאַרבײַט. אַזאַ שמאַטע ווי דאָס איז געוועןֿ, — קלערט ער — און עס איז אַ בגד געוואָרען!

„אַ מענש, להבדיל, איז אויך אַזוי“... קומט איהם אַרײַן אַ מחשבה, און ער דערמאָנט זיך אויף דעם אַלטען משה חיים נחומ'צים, וועלכער איז אויף דער עלטער נאָך שענער געוואָרען... אין די רײַנע שיבעלעך מיט די ווײַסע זעקעלעך איז ער אַ שענער יוד געוואָרען...

און ווידער דאַכט זיך איהם, אַז זיין ווייסער באָרד שפּאַרט איהם אין די אויגען אַריין, פערמאוס'ט איהם זיין לעבען און שפּאָט אויס פון זיין אַלטען מאָגערן גוף, וואס איז געהויקערט און פערוויסט—

און דער אַלטער ווערט אין כעס.

צוליעב וואס האַלט ער זיך דאָ אַזוי לאַנג אויף דער ערד? אַ שוטה פערשפּעטיגט...

און ער דערמאָנט זיך פּלוצלונג, אַז אַזאַ שוטה, ווי ליבע ברוכ'ס האָט קליגער פון איהם אָבגעהאַנדעלט מיט דער וועלט: פּריה אַוועק פון איהר.

פון די זכרונות וועגען ליבע ברוכ'ס צעגיסט זיך עפּיס אַ וואַ-דעמקייט אין דעם אַלטען, ער איז גובר זיין שלאָף איינגאַנצען, און שטיל און לאַנגזאַם נייהט ער און דערמאָנט זיך די יונגע יאָהרען.

די יונגע יאָהרען — צו וואס ברויכט מען זיך צו עלטערען?

אַ פּאָר יונגע לייט—ער און זיין שותף: ליבע ברוכ'ס—פּלעגען זונטאָג פאַר-טאָג אַרויסגעהן פון שטאָדט, די קלומיקלעך אויף די פּלייצעס, אַ שטאָק אין דער האַנד און מאַרש אַ דורך פעלד און וואַלד! זיי פּלעגען געהן איבער די דערפער אין די פּריצ'ישע הויפען אויף אַרבייט, און אויף שבת נאָר פּלעגען זיי זיך צוריקקעהרען אַהיים אין שטאָדט.

יונג, פריש און געזונד איז בערע דענסטמאָל געווען. אַ גאַנג איז פאַר איהם קיין טרחה ניט געווען און די אַרבייט — ניט שווער. ער איז שטענדיג אויפגעלעגט געווען און פרעהליך, ער האָט ליעב געהאַט צו פיהרען ויכוחים מיט די פּריצים, ווערטלען זיך... לייבע פּלעגט זיך מיט איהם קריגען דערפאַר:

— זעה, דו רוק אויף זיך אָן בעסער „אַ טויב היטער"...

— עס קריכט ניט אויף מיין קאָפּ... ענטפערט ער אָב.

— יאָ,—טראַכט דער אַלטער וועגען זיך: אַ האַסטיגער יונג איז ער געווען אין דער יוגענד. אַמאָל ווינטער-צייט האָט ער מיט לייבען גענייהט ביי קאָזאַנסקין אין הויף, האָט ער זיך דערוועגט צו זאָגען איהם אַזאַ שטאָך-ווערטיל: „קליידער מאַכען פאַר לייט — זאָגט מען ביי אונז"...

— ביי אייך!... — האָט קאָזאַנסקי אויסגעשריען מלא-רצח:
אַל-די שמד-שטיק קלערט איהר אויף, שפּל'ע זשידקעס!
און ער האָט זיי באַלד ביידען פון שטוב אַרויסגעיאָגט.

און אויף דער גאַס איז געווען ניט טאָג און ניט נאַכט, ניט קיין הימעל און ניט קיין ערד איז געווען צו זעהען - אין דער טונקעלער לופט האָט אַ פייכטער ווינד געיאָגט און געפּאַשט אין פּנים אַריין...
זיי האָבען קוים אָנגעטאַפּט צו אַ קרעטשמע ערגיץ.

לײַבּע האָט דענסטמאָל געשאָלטען פאַר כּעס.

אָבּער איצט ליִעגט ער שוין רוּהיג. ער ליִעגט טאַקי אונטער „אַ טויבּען היִטעל"...

און בּערע דערמאָנט זיך לײַבּעס לויה.

אַ ווײַלע רײַסט ער זיך אָבּ פון זײַן אַרבּײַט, ער שטעלט אויס זײַנע טונקעלע גרויע אויגען, גלײַך ווי אָט זעהט ער פאַר זיך איצט די לויה.

ס'איז געווען אַ ווינטער־טאָג. אויפ'ן בּית־עולם איז אויסגעשפּרייט דער בּלאַסער קאַלטער טוידט. מתים און מצבות. די בּוימער, פערשאָטען מיט שניי, האָבּען אויסגעזעהן, ווי מאָדנע אויסגעצויגענע און אויסגע־קריִמטע מתים אין תּכריכים, מיט טוידטע עופ'עלעך אויף די הענד... די מצבות האָבּען זיך אָנגעבּלאָזען ווי מכשפות... און אַ ווינטעל טהוט אַ בּלאָז — צעשאָקלען זיך די בּוימער, זײַ קנאַקען, ווי טרוקענע בּיינער פון סקעלעטען, — און דער שניי, וואָס שיט זיך אַראָבּ און דרעהט זיך אין דער לופט, וואַרפט אָן אַיין אימה!

צווײַ קבּרנים גראָבּען דעם קבר, די ערד איז געפרוירען און שרײַט משונה'דיג אונטער דעם אײַזען... דער מת ליִעגט אין מטה און וואַרט.

מיט נײַע בּרעטלעך האָט מען אויסגעבּעט דעם קבר; אָט צו־בּרעכט מען אַ בּרעטעל און מען מעסט אָבּ, וויפיל מען דאַרף.

מען לאָזט אַראָבּ לײַבּ'ן אין קבר: געה, רוה אויס, ליבּע בּרוכ'ס!...

דער קבּרן בּעט מחילה פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר זיך, אפשר האָט ער איהם קיין כּבוד ניט אָבּגעגעבּען, ווי געהעריג איז — און לײַבּע שווײַגט... דער קבּרן זאָגט איהם אָבּ פון דער וועלט, פון „חברות", ער רעדט צו איהם הויך און וואָרענט איהם, אַז ער, לײַבּע, איז געשטאָר־בּען — „זאָל ער וויסען", טענ'ט ער צו איהם... ער דעקט איהם צו פון אויבּען מיט בּרעטלעך, שפּרינגט אַרויס פון קבר—און די בּעגלײַטער אײַלען גיִכער צו פערשיִטען... פּלוצליִנג — טראַך! אַ האַרט שטיִק געפרוירענע ערד האָט אַ קלאַפּ געגעבּען און צעבּראָכען אַ בּרעטעל— לײַבּ'עס אָרון איז געוויס צעבּראָכען.

דאָס האָט בּערען בּיז טרעהרען פערדראָסען: ווי בּאַלד מען מאַכט פאַר'ן מת אַיין אָרון, מסתּמא דאַרף דאָס אַזוי זײַן, געוויס איז דאָס פאַר איהם אַ כּבוד...

„דעם אָרימאַן אָבּער גערט ניט בּיז נאָך דער לעצטער לאָ־פּעטקע ערד טאַקי"...

בּער'ען האָט עס עפּיס טיִעף פערדראָסען.

אָבּער ער טרײַסט זיך איצט פאַר זײַן אַמאָליגען חבר, וואָס יענער האָט פריִה אָבּגעהאַנדעלט פון דעם נאַרישען וועלט'ל.

וואָס קומט אַרוים איהם, בערען, אַז זיין באָרד איז גרויער געוואָרען?

צוליעב וואָס זיצט ער נאָך דאָ, אין דעם קליינעם צימער׳ל און פריהרט מיט זיינע אַלטע ביינער? „אַהיים!“ „אַהיים!“ —

גענוג שוין איהם — „אַהיים“! „אַהיים!“ —

---

II.

דער אַלטער בערע איז אונרוהיג געשלאָפען די נאַכט.

אויף דער גאַס איז געוועזען אַ ווינד מיט אַ שניי. עס האָט אויס־געלאָשען לאַמטערנעס, אָבגעריסען לאָדענס און געקלאַפּט אין די פענסטער. דאָס שטיבעל, וואו בערע וואוינט, האָט געציטערט פון אויבען ביז אַראָב, די שרעקליכע נאַכט האָט זיך אָנגערוקט אויף דעם קליינעם פענסטערל — און בערע האָט זיך אַלע מאָל מעהר און מעהר צונויפגעקנייטשט אונטער זיין אַלטען בגד. מיט וועלכען ער האָט זיך איבערגעדעקט. און אַהינטער פענסטער האָט געיאָגט געדרעהט און געקנאַקט.

ס׳האָט זיך איהם געדאַכט, אַז די „ניט־גוטע“ שפּיעלען דאָס אין „חאַפּינקעס“... אַמאָל פערקײַקלען זיי זיך אונטער דעם שטיבעל און פערזינקען שטיל טיעף, טיעף, טיעף... אַמאָל הויבען זיי זיך אויף מיט אַ רעש צום הימעל — הויך, הויך... און אַמאָל טרעפען זיי זיך צוזאַמען, הינטער דעם פענסטער, צעקישען זיך און צעפּאַטשען זיך, און צעפליהען מיט אַ קנאַק אין אַלע עקען פון דער וועלט. —

וואָס אַמאָל, ערוואַכט דער אַלטער מיט אַ נייער שרעק. אַ מאָל דאַכט זיך איהם, אַז אַ חיל איז דעם שטיבעל בעפאַלען און מע׳רייסט אַרוים די בערווינקעס פון וואַנד; און אַמאָל שיינט איהם, אַז מענשען פון דער גאַס קלאַפּען אין פענסטער און וועקען איהם: „שטעהט אויף — עס ברענט!..“

בערע ווערט פערביזערט. ערוואַכענדיג, הויבט ער אָן צו מור־מלען אויפ׳ן ווינד: „וואָס ווילסט דו פון מיר?“ — טענה׳ט ער. און ער ציהט אַרויף זיין בגד איבער׳ן קאָפּ און ער דרעמעלט איין. באַלד קלאַפּט אָן דער ווינד אין די שויבען און הויבט אָן צו דרעהען און ציהען עפּיס אַ בייז־ליעדעל:

— בערע, אויס!... אַ סוף וועל איך היינט מאַכען! היינט ווערט זיין אַ סוף צו אַלץ!...

— גוט, נו! אַדרבאָ!... — ענטפערט אָב דער אַלטער אין דער מחשבה, דרעמלענדיג.

— מאָרגען וועט זיך שוין קיינער ניט אויפהויבען פון זיין בעט... ס'וועט קיין "מאָרגען" ניט זיין... אוים, בערע! איך וועל מיט שניי פערשיטען — שניי ביז דעם הימעל... יעדעס שטיקעל שנייעלע, ווי אַ פינגער־הוט די גרוים... דעם שניי וועט די זון ניט דערוואַרעמען און ניט צעשמעלצען... אוים, אוים! — דו הערסט, בערע?...

— נו, זעהר רעכט!.. בעווייז אַמאָל אַ חסד...

— ראשית וועל איך אַלץ און אַלעמען צעברעכען, צערייסען, צעצופען—אָט אַזוי!.. — דו הערסט, בערע?

— צי קאָן מען ניט אָנהויבען פון „זיי"—פו די שטאַרקערע?.

— וויו... וויו... פייפט דער ווינד.

בערע האַפט זיך אויף צעמישט, דערשראָקען און בייז.

— וואָס פלאָנטערן זיך מיר נאָך משוגע'נע זאַכען?" — פרעגט זיך בערע.

ער הערט, אַז די שכנה, דבורה די שוסטערקע קלאַפט שוין מיט די שטעקענס ביי'ם אויבען: זי באַקט לאַטקעס צום פערקויפען, און ער בעשליסט אויך אויפצושטעהן: זאָל זיין מען דאַרף מעהר ניט שלאָפען...

זעצענדיג זיך, הויבט ער אָן הוסטען. ער פערמאַטערט זיך פון זיין לאַנגען הוסטען, ער בעגיסט זיך מיט שוויים.

— וואָס האָט איהר זיך אַזוי צעהוסט, רב בער? — הויבט אָן די שכנה אַ שמועס פון דער וויטענס.

— אָי, מיין פריינד, ניט גוט, זעהר ניט גוט!

— איהר וואָלט נאָך אַוויילע שלאָפען.

— אַה, וואָס טויג עס נאָך אַ ווײַלע? — אויף אַלע מאָל ווען מען זאָל קענען איינשלאָפען!...

— אָהן אַ צייט איז קיין צייט ניט... — שרייט די שכנה פון קיך.

— ניט קיין גוטער כלל טאַקי, — זאָגט קוים אַרוים דער אַלטער טרויעריג: עס דאַרף אַמאָל זיין אַ צייט אָהן אַ צייט...

און ער לעהנט זיך אָן אויפ'ן טישעל מיט ביידע הענד, און אויף זיי שפאַרט ער אָן זיין שווערען גרויסען קאָפּ.

אַ טיעפער אומעט נעהמט איהם דורך. —

ער פערשטעהט ניט, וואָס ער האָט דאָ היינט צו טהון אין דעם ענגען פייכטען צימערל, ביי דבורה דער שוסטערקע אין שכנות?

ווער דאַרף איהם דאָ? זיין אַלטע איז שוין אויך לאַנג געשטאָרבען— אַלע שטאַרבען, נאָר ער איינער ניט... ווי אויף להכעיס...

„און מען קאָן גאָר ניט העלפען צו דעם?..." האָט אַ צאָרענ־דיגע פראַגע אַ יאָג געטאָן אין זיין אַלטען קאָפּ און האָט זיך באַלד ערגיץ טועה־טועה בעהאַלטען.

ער האָט אַרויסגעקוקט אין פענסטערל: אין גאַט'ס פּאָקאָיעם איז נאָך פינסטער געווען, די שוואַרצע נאַכט האָט נאָך פויל און שווער געצויגען זיך אין דער לופט, און דער בייזער ווינד האָט אומזיסט געריסען און געצופּט.

---

III.

— רב, בער, אַה, רב בער, איך וועל אייך היינט מכבד זיין מיט אַ געבראָטענע קאַרטאָפּעל, אַ הייסע—איהר וועט זיך אָנוואַרעמען...

דער אַלטער בער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון דער אַרבייט און אָנגעקוקט זיין בעל־הבית'טע מיט דעם צעהיצטען פּנים פונ'ם אויבען — ער האָט זי אָנגעקוקט קאַלט און שווייגענדיג, ווי ניט צו איהם געהערט עס גאָר.

— ע — עך, — האָט דער אַלטער שטיל אַרויסגעצויגען: היינט בין איך דאָס מוחל... מיך לאָזט שוין „אהיים"...

— וואָס עפּיס „אהיים"? — האָט זיך דבורה געבייזערט.

דער אַלטער האָט געקוקט דורך די אָנגעבראָזטע גלעזלעך פון זיינע מעשענע שפּאַקולען אַזוי עלענד און טרויעריג. אויף זיין לאַנגען שפּיצעכדיגען פּנים איז אַ שוידעריגע פינסטערניש געווען אויסגעשפּרייט.

מיט אַ פראָסטיגער פּאַרע איז זלמן טאַנדעטניק אין צימערל אַריינגעקומען. מיט אַ פּאַק אַלטע בגדים האָט ער זיך קוים אין דעם ענגען צימער'ל אַריינגעשפּאַרט.

— נאַט אייך אַרבייט — און יענע איז פאַרטיג? האָט ער הויך גערעדט, און האָט באַלד בעקומען די פאַרטיגע בגדים פון שטריקעל, וועלכע איז אין אַ ווינקעל געהאַנגען, פון וואַנד צו וואַנד געצויגען.

— איך טראָג אייך אַרבייט אין שטוב אַריין, אַרבייט און פערדיענט געלד... האָט זלמן גערעדט.

— נאָר איך וויל פון דיר פּטור ווערען... האָט זיך דער אַלטער פערקרימט אויף זלמנ׳ען מיט דער אַרבייט.

— אַלע בייזע חלומות צו אייער קאָפּ! — האָט זלמן כמעט אויסגעשריען, און איז צוגעפאַלען מיט ביידע הענד צו דעם בגד, וואָס בער האָט געלאַטעט, ער האָט גענומען טאַפּען און דרעהען די נייע לאַטע אויפ׳ן בגד, און וואָס אַמאָל העכער געשריען: צו וואָס האָט איהר גאָר בעדאַרפט די לאַטע צו נייהען מיט׳ן לינקען זייט ארויף? אַ בלינדער וואָלט אויך אָנגעטאַפּט, אַז די געוואַנד איז האָריג אויפ׳ן לינקען זייט? וואָס זענט איהר היינט משוגע?

דער אַלטער איז אויף אַמאָל בלאַס געוואָרען, דערשראָקען און צעבראָכען אינעווייניג פון אַ בייסענדער מחשבה. אַ מינוט האָט ער אויסגעזעהן עלענד און דערשלאָגען.

נאָר אויף אַמאָל איז ער בייז געוואָרען און אַוועקגעשליידערט דעם בגד פון זיך:

—נעהם איהם און טהו, ווי דו ווילסט: מאַך רעכט, מאַך לינק — ביי מיר זאָלסט דו שוין מעהר ניט מאָהנען... געפינ פאַר זיך שניידער, וועמען דו ווילסט — איך דאַרף שוין ניט מעהר דיין אַרבייט... גענוג! נעהם אַוועק אַלעס, וואָס דו האָסט דאָ ביי מיר, נעהם דעם פּאַק, וואָס דו האָסט ערשט געבראַכט, נעהם אַראָב פון שטריקעל אַלעס, וואָס עס הענגט, נאָר דער שטריק איז מיינער...

ווי זלמן טאַנדעטניק איז ארויסגעגאַנגען מיט׳ן פּאַק בגדים, האָט דער אַלטער באַלד אָנגעטאָן זיין מאַנטעל, און דעם גרויסען ווייסען שטעקען אין דער האַנד גענומען און איז אַוועקגעגאַנגען צום „הקדש".

דער ווינד האָט זיך שוין געשטילט, צו איין זייט גאַס האָט ער אָנגעטראָגען בערג מיט שניי און די צווייטע האָט ער גאָר אינגאַנצען אָבגעריינינגט, ביז דעם גליטשיגען גלענצענדען גרונט. דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, דער קלאָרער בלויער הימעל האָט מיט עזות אויף דער ערד אַראָבגעקוקט, די מענשען לויפען שנעל און ציהען קוים דעם אָטהעם. און דער רויטער ברעג הימעל הינטער דעם שטאָדט-זייגער האָט געשראָקען מיט נאָך אַ שטאַרקערן פראָסט צו דער נאַכט.

בערע דער אַלטער איז שטיל געגאַנגען זיין וועג, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, וואו אַלע זיינע געדאַנקען האָבען זיך יעצט אויסגעדריקט אין די צוויי ווערטער: „אַ קוק טהון"...

ענדליך האָט ער זיך אָבגעשטעלט קעגען דעם לאַנגען בנין מיט אַכט שמאָלע און לאַנגע פענסטער צום גאַס, אין דער שאָטענ-

דיגער זייט, — און זיי האָבען זיך איהם אָבגעדאַכט אַזעלכע קאַלטע און פינסטערע מיט „בלינדע" שויבען... ער האָט אַ בליק געוואָרפען אויף דעם גרויסען שוואַרצען טהויער, דורך וועלכען עס פאָהרט אַרויס דער בית-עלמין-וואָגען מיט די געשטאָרבענע. און אַ ביטערער שמייכעל האָט זיין פּנים פערקרימט: „צו וואָס דאַרף ער נאָך וואַרטען אויף דעם קהל'שען וואָגען"? ער טהוט אַ קעהר זיין גרויסען ווייסען שטעקען און געהט אַוועק צוריק. עמיצער איז פאַרביי געלאָפען און געזאָגט איהם: „אַ גוט מאָרגען!" — דער אַלטער בער האָט זיינע ליפּען ניט בעוועגט צו ענטפערן, ער האָט זיך ניט אומגעקוקט, זעהען, ווער איז דאָס. די גרויע אויגען האָבען פאָרויס געקוקט און אויסגעלאַכט פון עפּיס, און אין די אויערן האָט איהם עמיצער געשריען: „אַוודאַי!... עמיצער האָט מסכים געווען מיט דעם אַלטענס טיעף-פער-באָרגענער מחשבה און איז איהם נאָכגעגאַנגען און געשריען: „אַוודאַי!"... דער אַלטער איז פון דעם קול ניט אַוועקגעלאָפען, ער איז זיך שטיל-שטיל געגאַנגען מיט איין אויסלאַך אויף זיין בלוי-בלאַסען פּנים.

אַז דער אַלטער בער איז אַהיים געקומען און האָט זיין קליין מעשען-לעמפעל אָנגעצונדען, און דאָס טונקעל פייערל האָט אַקרומע שיין געוואָרפען אין דעם קאַלטען וויסטען ווינקעל נעבען טישעל ביי איהם אין צימערל, איז אויף איהם באַלד אַזאַ שרעק אָנגעפאַלען, אַ ציטער האָט איהם דורכגענומען. פאַר זיינע אויגען אין ווינקעל, פון וואַנד צו וואַנד, האָט זיך געצויגען דער אַלטער שטריק, אָנגעטהאָן אין שפּינוועבס, ווי אין אַ שייד, און דער שוואַרצער שאָטען פון דעם האָט זיך נאָך ברייטער געצויגען אויף די ביידע וועגד אין ווינקעל — אַ שאָטען פול מיט עקלעך, אַ מאוס'ער, אַ האָריגער שאָטען האָט זיך געהוידעט און געשוידערט.

די קאַלטע עלענד האָט אָנגעפילט דעם צימערל.

דאָס קליינע פייערל אונטער דער אָנגערויכערטער גלאָז האָט אויך געשוידערט און געוואָלט זיך אויסלעשען וואָס גיכער, און דער קרומער אָבשיין אויף דער וואַנד האָט צו איהם, דאַכט זיך געוואונקען: „יאָ, יאָ — לעש זיך אויס"...

דער אַלטער בער האָט זיך געשטעלט אויף זיין הילצערנעם בעט-בענקל און אָנגעהויבען אָבצובינדען איין ברעג שטריק פון א צוואָק — דער שאָטען אויפ'ן וואַנד האָט זיך געצאַפּעלט...

בער האָט דעם שטריק אין קעשענע אַריינגעלעגט. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דאָס איז זיין אייגענס און ער דאַרף דאָס מיט-נעהמען. באַלד האָט ער זיין שער און אַפּאָר שטיקלעך אַלטע געוואַנד

אַוועקגעלעגט אין זײַן טלית־זאַק. נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגע־
זעצט אויפ'ן בענקעל און האָט אַ זיפץ געטאָן: "מאָרגען פריה
דאַרף מען שוין געהן"... האָט ער געקלערט; „מען מוז פאָרט
געהן אין הקדש אַרײַן"... אויף בעסערס איז ניטאָ צו
וואַרטען...

# אנ'אוצר.

# אַנ׳אוֹצָר.

מאָנאָלאָג.

— אַודאַי, אַנ׳אוצר! כ׳זעה דאָך: אנ׳אוצר! ער שטעהט און וואַרט...

— אָבער ער רוקט זיך שוין צוריק: ער וויל שוין ניט ווערען... אַי, טאַטינקע, חאַפּ איהם אַריין — אַ׳נ־אוצר דאַרף מען אַריינחאַפּען!... מיט׳ן שטיוועל טרעף, וועט ער זיך צושיטען... נו, גיכער שוין!... אַ גרויסער קונץ עפּים: מען חאַפּט אַראָב אַ שטיוועל פון אַ פוס, מען וואַרפט און — געטראָפען! — אין שפּיץ אַפּילו טרעפען — אַי, אַי, אַ קונץ עפּים?!... מען טרעפט... ס׳געדויערט נישט...

— האַ? איהר זעהט שוין? ער שאָקעלט זיך, ער רייצט זיך שוין, ער זאָגט: .איהר טרעפט ניט? — ניט? געה איך גאָר אַוועק... פערשווינד איך.." זעה, מאַמינקע, וואַרף דו! וואַרט ניט אויפן טאַטען... נאַ, חאַפּ מיין היטעל און וואַרף... ניין! אַ היטעל איז גאָר נישט: ס׳וועט איהם ניט ריהרען... אָ־האָ, אַ׳נ־אוצר איז גאַנץ שטאַרק, זעהר שטאַרק!...

— ששש... שאַ זאָל זיין... רעדט נישט, שאַ! ער האָט זיך ווידער צוגעשטעלט... אָט קוקט ער זיך אום, ער הערט זיך עפּים צו.. שאַ־אַ!... מאַמינקע, קום, מאַמינקע, צו מיר, — נור שטילינקע טריטעלעך, מאַמינקע, — מיינעם אַ שטיוועל חאַפּ פון מיר אַראָב, — ניין, דעם רעכטען טאַקי: דער רעכטער שטיוועל איז נאָך גאַנץ און מיט דער פּאָדקאָווע נאָך אויך — אוּך, ס׳אַראַ גוטקייט! מאַמינקע! מאַמינקע! — חאַפּ און וואַרף!... גיכער, גיכער!...

— ע־עה! מאַמינקע, דו קוק ניט אויף מיר אַזוי, האַלט מיר ניט פאַר׳ן האַנד, דו האָב קיין מורא ניט, וואָס ער איז אין סאָלדאַט־סקע קליידער מיט אַ מעשענעם היטעל אויפ׳ן קאָפּף — דאָס דאַכט זיך נור אויס אַזוי... אָט, פּרוב: טרעף נור, מאַמינקע — צושיט ער

זִיךְ שׁוין אויף פִּיצלעךְ... און דאָס זענען שטִיקער גאָלד — גאָלד! יעדעס שטִיק — אַ גאַנצער אוצר; יעדער אוצר — טויזענד מִילליאָן — „קאַממִילִיאָן״!...

— אַ=אַךְ!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— פִּיהר מִיט „זִיי״ עפּיס אויס!... אָט האָט זִיךְ דער אוצר נִיט דערוואַרט, בִּיז איהר וועט זִיךְ אויסשלאָפען... ער דאַרף זִיךְ בַּיי אַייךְ בעטען, וואָס? אָט אִיז ער שׁוין נִיטאָ!...

— אָ=האָ, נאָךְ אַנ׳אוצר דאַרף מען זִיךְ יאָגען אַפִּילוּ!... און אַרייַנחאַפּען... אַז מען דערזעהט אִיהם נוּר, אִיז דאָס שׁוין אַ גליק! מען דאַרף גלייַךְ חאַפּען אַ האָלץ, אַ האַמער, אַ שטִיוועל, אַ לייַכטער — און אִין שפִּיץ דוקאָ טרעפען — דאָס אִיז שׁוין קייַן קונץ נִיט — און עס אִיז שׁוין פערטִיג! עס וועט זִיךְ שיטען און שיטען, אַ גאַנצע שטוּב, פון פּאָדלאָגע בִּיז דער סטעליע אַרויף, וועט זִיךְ שׁוין אָנשיטען גאָלד, און זִילבער, און קוּפּער, טויזענד מִילִיאָן, „קאַמילִיאָן״ מאָל...

— נאַראָנִים! — מייַן טאַטען ווילט זִיךְ דוקא זייַן אַ קבצן, ווינטער — אַ האָלץ=העקער און זומער אַיין ערד=גרעבער, אַרומגעהן אָהן שטִיוועל, אִין צעריסענע שמאַטעס, האָרעווען און פִּינסטערען... און די מאַמע זאָל אִיהם שעלטען... אָ דאָס דאַרף ער... און אַיין אוצר׳ל דאַרף ער גאָר נִיט... אויף וואָס דאַרף ער עס?... אִיהם אִיז אָהן אַיין אוצר אויךְ גוּט... אָבער מִיר? מִיר אִיז טאַקע אָהן אַנ׳אוצר נִיט גוּט...

אונזער בעל=הבִית האָט נוּר אֵיין הויפעלע מִיט הייַזער, אֵיין מעהל=קראָם און אֵיין בהמה׳לע, — אַ יוּנגע נאָךְ, אַ שוואַרצִינקע מִיט אַ צוּשפּאָלטענעם האָרן אַפִּילוּ — זאָל אִיךְ אַזוי לעבען! — חנ׳ט ער זִיךְ שׁוין אויךְ: אַ גאַנצער פּרִיץ אִיז ער!.. בַּיי אִיהם אִיז אַזאַ רויטער קאַרק, אַ דִיקער בּויךְ, ווייַסע העמד און שענע קלייַדער, און בייזע אויגען — מוּז אִיךְ דאָךְ פאַר אִיהם צִיטערן!.. אִיךְ שפִּיעל אויפ׳ן הויף: כ׳וויל אַ קוּק טהון דעם צוּשפּאָלטנעם האָרן בַּיי זייַן בהמה׳לע, און פּלוּצלִינג אָבער געהט ער אָן, אַנטלויף אִיךְ שׁוין וואו פעפער וואַקסט... כ׳בעהאַלט זִיךְ גִיכער הִינטער די האָלץ אִין אַ ווִינקעלע... פאַר וואָס? וואָס שרעק אִיךְ זִיךְ אַזוי? ווייַל מייַן טאַטע קאָן דאָךְ נִיט מאַכען אַזאַ „פּאַראַד״, ווי ער... מייַן טאַטע האָט נאָר אַ מאָגער האַלז, קויטהִיגע, גראָבע, שוואַרצע חענד מִיט מאָזאָליעס און געהט אַרוּם צוּרִיסען... מוּז אִיךְ אַנטלויפען!.. אָבער אַנ׳אוצר!.. וואָס אַרט דִיךְ, אַז דוּ וואָלסט חאַפּען דעם אוצר? — אַ גאַנצען אוצר — ער שפִּיעלט זִיךְ עפּיס! אַנ׳אוצר אִיז דאָךְ שׁוין „קאַמִילִיאָן״ הויפעלעךְ מִיט הייַזער, מִיט קאַמִילִיאָן קראָמען מִיט מעהל, מִיט קאַמִילִיאָן

בהמה׳לעך... האַ, וואָלסט דו שוין ווערען דעמאָלט אַ ווײַסער, אַ שענער, אַ רײַכער — אויך אַ פּריץ! אפשר ניט בעסער, ווי ערד גראָבען?!.

— „זהונעלע״... וואס: „זהונעלע?.. וואָס, מאַמעלע, וואָס גלעטסט דו מיר מיט׳ן האַנד מײַן שטערען?.. דו מײַנסט: דער קאָפּ טהוט מיר וועה... אָבער איך זעה דאָך, אַז די הענד דײַנע זענען פול מיט טויג פון די דויזעס קנעטען בײַ חיים דעם בעקער, אַז אַפילו נעכטינגען קומסט דו ניט אָפּט אַהײַם... יאָ, אַ לעבען איז עס, אַז דו ביסט שטענדיג אין טויג און אין מעהל, פערשטויבט און פערשמוצט... דו זאָגסט אַלײַן, אַז דו ביסט שוין קראַנק געוואָרען; — איך ווייס אויך, אַז דאָס איז אַנ׳אמת... דו דאַרפסט דאָך אָבער דער „פלאָימע״ די מײַלער פערשטאָפּען, האַרעוועסט דו, און דו שרײַסט, דו שילטסט אונז אַלעמען, דו הרג׳סט, קנײַפּסט, עס טהוט אַזוי וועה... פאַר יעדעס שטיקעלע ברויט קנײַפּסט דו זיך אַזוי... וואָס זענען מיר שולדיג? דו, מאַמינקע, ביסט אויך ניט שולדיג... אָבער הײַנט?!. אַז דער אוצר איז שוין אין שטוב געקומען, — האָפּט מען שוין ניכער... איז: ניין! מען חנ׳ט זיך נאָך און מען מאַכט שהיות... ווילט איהר ניט, דאַרף מען ניט: איז דער אוצר אַוועק... ער וועט קריגען אויף זיך בעלנים!...

— יאָ, מיט׳ן אוצר, מאַמינקע, וואָלכטו שוין גאָר אַ מלכה ווערען! אַ קלײנינקײַט, ס׳האָט שוין דעמאָלט אַ ווערטה אַ מאָנעלע בדויט, אַז מען זאָל דערפאַר קנײַפּען,—וואַרט אַקאָרשט! דעמאָלט קאָן מען שוין „מאָהל־צײַטען״ אַפילו מאַכען... און מען דאַרף שוין קײן דויזעס בײַ פרעמדע ניט קנעטען; — דו וואָלסט שוין, מאַמינקע, אַלײן האָבען „יונגפרויען״, וואָס זאָלען דיך צופּוצען, שמירען מיט די „לײַטערונגען פון די נשים״, מיט גוטע זייף און בשמים, פון וואָס אַ לײַב ווערט אַזוי קלאָר און שען... ווי בײַ אסתר המלכה... דעמאָלט טאַקי!.. מען זאָל דאָס דורכלאָזען אַנ׳אוצר — אַ גאַנצען אוצר... ער קומט אַהער אין שטוב, לכתחילה אַהער — לאָזט מען איהם דאָס אַרויס!...

—ניטאָ קײַן אוצרות?... יאָ, איהר זאָגט, אַז הײַנט זענען שוין קײַן אוצרות ניטאָ? ווער האָט עס מיך אײַנגערעדט? — שאַ, און אַחשורש? און זײַנע טויזענד מיט אַכציג אוצרות — דאָס איז גאָר נישט? פאַר וואָס האָט זײַן „מאָהל־צײַט״ געדויערט הונדערט און אַכציג טעג? ווײַל ער האָט געוויזען פאַר די געסט דעם „כבוד פון זײַן רײַכקײַט״, זײַנע אוצרות האָט אַחשורש געוויזען... טויזענד מיט אַכציג אוצרות האָט ער געהאַט!... יעדען טאָג האָט ער נור זעכס אוצרות געוויזען, מעהר נישט, ווי זעכס אַ טאָג, — האָט עס הונדערט מיט אַכציג טעג געדויערט!.. אָט איז שוין אײַך אוצרות!.. אונזער רבי איז —אָהאָ! — נאָך ווי אַ למדן!.. חאָטש אַ תלמוד־תורה׳שקער מלמד, חאָטש אַ הינקעדיגער איז ער, אָבער ווייסען ווייס ער בעסער פון

די בעל־הבתּישע מלמדים... איהר וואָלט נור היינט הערען זיין „אויסרעד״ אין דער מגילה!—טאַקי אַ חיות געווען!... אַי, וויפיעל אוצרות ס׳איז פאַרהאַן!.. פון אַנ׳אוצר טאָר מען אַפילו ניט לאַכען... אַז יוסקע, שלמה דעם שוסטערס יונגיל האָט געפרעגט: „רבי, ווי געהט אום אַנ׳אוצר—אין שטיוועל צי אין קאַמאַשען?״ — „דו לאַכסט?!״ האָט זיך דער רבי צובייזערט און האָט איהם שוין גוט מכבד געווען... דער רבי זאָגט, אַז אין דער ערד זענען נאָך בעהאַלטען יוסף׳ס אוצרות, און נאָך... אַמאָל — זאָגט דער רבי, חאַפּט זיך אַריין אַנ׳אוצר צו ווע‍מען אין שטוב, גאַר אונגעריכטערהייט... ער קומט אַ פערשטעלטער—מען זאָל איהם ניט אַזוי גיך דערקענען, אָבער מען דאַרף זיך „חאַפּען״, אַז דאָס איז ער, אַ וואָרף טהון מיט עפּיס און צוברעכען איהם — און גאָר... מעהר דאַרף מען שוין גאָר נישט טהון... נור דאָס גאָלד נאָכדעם צונויפקלויבען... — נ־נו?!

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

— לאָז מיך, מאַמע, — וואָס טאַפּסט דו מיר דעם בויך?... צי איז מיר ניט דאָס בייכעלע? מיר איז גאָר ניט דאָס בייכעלע... כ׳האָב זיך היינט ניט איבערגעגעסען... דו, מאַמינקע, ווייסט אויך, אַז איך האָב זיך היינט ניט איבערגעגעסען... דאַכט זיך, געהענדיג אין חדר היינט אין דער פריה, בין איך צו דיר צום בעקער אַריין בעטען אָנבייסען, — וואָס האָסט דו מיר אָבער געגעבען?.. איך געדענק גוט: דערווייסט האָב איך דיך, מיט איין האַנד האָסט דו געזופּט, מיט דער צווייטער געקנאָטען אַ קליין דויזקעלע — ס׳איז אַ פּנים „אַ ספּעשקע״ געווען: איז דאָך דיר ניט גוט אויפ׳ן האַרץ געווען... דאָ בין איך נאָך אַריין — „מאַמע — זאָג איך — גיב מיר עפּיס מיט אין חדר״...—„געבען דיר?—האָסט דו אָנגעהויבען שרייען, איך האָב שוין ניט וואָס צו געבען אייך... איהר האָט מיך שוין אויסגעזויגען און אויסגעצאַפּט...״

— שטעה איך שוין און שווייג...

—און דו שיסט אויף מיר מיט רייד: „איין עבד־כנעני—זאָגסט דו: וועט דאָך אויך אַזוינע עבודות־פּרך ניט טהון: מיט איין האַנד קנעטען, מיט אַ צווייטער זיפען — זאָל אייך אַלעמען זיפען אין האַרץ און אין מח, רבש״ע!.. וואָס? — כ׳האָב די „פלאָימע״ אויף זיך, אָנגרייטען פאַר זיי ברויט...״

שטעה איך שוין גאָר און שווייג...

— וואָס שטעהסט דו דאָ, בלוטזויגער מיינער, און שטעכסט מיר אין האַרץ מיט דיין שטעהן — אין קאָפּ זאָל דיר אַזוי שטעכען!..

— איך געה אין חדר — זאָג איך.

— געה און ווער געהרג׳ט און קום ניט צוריק, הלואי!...

— דאַרף איך דאָך אָבער מיט זיך עפּיס נעהמען... אויף אַ גאַנצען טאָג...

— חאָטש אויף אייביג קאָן איך דיר געבען, אויף אייביג, מײַן רחמנות=פּנימ'ל: מײַן שטעכעניש אין קאָפּ, מײַן ברעכעניש אין די ביינער און מײַנע וואונדען אין האַרצען — דיר... נאַ, נאַ, נאַ!..

און מיט בײדע קולאַקעס האָסטו מיך גענומען קלאַפּען...

אָט מיט דעם בין איך אין חדר אַוועק... קאָן מען זיך שוין מיט דעם איבערעסען?...

הײַנט וואָס דיר בײַכעלע!.. דו מײנסט אפשר, אַז איך האָב ניט געוואָלט עסען?.. ביז מיטאָג האָב איך טאַקי געחלש'ט עסען דאָס האַרץ איז מיר אַרויסגעפאַלען... עפּיס מאָדנע איז מיר געווען זעהר אומעטיג... אין קאָפּ, ווי אַ שווינדעל... אין בויך—בורד, בוררד.. ביז מיטאָג... אָבער מיטאָג צײַט, אַז אַלע זענען אַוועק עסען, נור איך און נאָך צוויי יונגלעך זענען דאָ געבליבען, האָבען מיר אויפ'ן הויף אין „חאַפּינקעס" געשפּיעלט, אויפ'ן אײז געגליטשט זיך—די ערשטע צוויי מאָל בין איך געפאַלען... נאָכדעם אָבער איז עס שוין אַוועק... פרעהליך געוואָרען—גאָר פרעהליך!.. נאָכדעם האָט דער רבי אין חדר אַרײַנגערופען, די מגילה לערנען... די הרובע האָט זיך געהויצט... נאָך מיטאָג איז אין חדר אַלע מאָל פרעהליכער... און דער רבי האָט „אויסגערעדט" מיט די אוצרות!... אַלע זענען פרעהליך געוואָרען... אונזער כתה האָט שותפות געמאַכט, געבאַקט קאַרטאָפעל אין הרובע און צוטהײלט אַלעמען, אפילו די וואָס האָבען ניט געהאַט אײגענע.. נאָכדעם האָבען מיר זיך געזעצט חזר'ן דעם אויסרעד מיט די אוצרות— איך האָב מיט אַלעמען אײנגחזר'ט, שלומ'קע, נחומ'ס האָט מיר אַ "שלח=מנה" פאַר אַ גראָשען געקויפט. ווײַל איך האָב איהם געהאָלפען אין דעם „אויסרעדען"... איך ווײס טאַקי דעם אויסרעד בעסער פון אַלעמען,— ס'אַרט אײַך, פרעגט... אדרבה פרעגט... איךהאָב טאַקע גוט צוגעהערט פון רבי'ן, מיר איז געפעלען געוואָרען דער אויסרעד, האָב איך דאָס פאַרגעדענקט... און עסען גאָר פערגעסען... ווי צוואַנציג מאָל שוין געגעסען... גאָר ניט דערמאָנט זיך אויף דעם... אַי=אַי=אַי...

— נײן, מאַמינקע, איך וועל ניט שלאָפען. דו בעט מיך ניט: איך זאָל אײַנשלאָפען —

מאַמינקע, איך קאָן ניט, — כ'וועל הײַנט די גאַנצע נאַכט ניט שלאָפען...

זעהסט דאָך: איך בין נור אַהײם געקומען פון חדר, איז מיר עפּיס אומעטיג געוואָרען... ס'איז נאָך קײנער ניט געווען, פינסטער, ברויט זוך איך—אויך ניטאָ; הויב איך אָן צו וועלען שלאָפען, „אויפ'ן נאָז" פאַל איך.. האָב איך זיך צוגעלעגט; נאָר באַלד האָב איך זיך אויפ=

נעֶחאַפּט: אִיךְ הער אִין שלאָף אַז עֶר גנבה׳ט זִיךְ שוין אַהער אַרײַן... שטִילִינקע טרִיט מאַכט ער, „שטִילִינקע״ רעדט ער, מִיט אַ דִינעֶנקִין קול׳כִיל: „אִיךְ בִין דאָ... דער אוצר... כ׳בִין געקומען...״ עפען אִיךְ די אויגען עטוואָס און טשִיקעווע אִיהם, אויךְ בגנבה, ער זאָל מִיךְ נִיט זעהן און זאָל נִיט אַנטלויפען... און..

— מאַמִינקע! גוואַלד, מאַמִינקע, לאָז מִיךְ צו רוה: אִיךְ האָב קײַן „טשאַד״ נִיט, כ׳האָב קײַן היִטץ נִיט: ס׳אִיז אַיין אוצר, ווי אַלע אוצרות... וואָס גלויבט אִיהר נִיט?... שוין געוועהנט אַפּנים צו קבצנות.

אָבער קרעכטשע נִיט, מאַמִינקע, זִיפץ נִיט, דו ווִילסט, אִיךְ זאָל שלאָפען? גוט! אִיךְ מאַךְ צו די אויגען, זעה, אִיךְ שלאָף שוין! זִיפץ אָבער נִיט, מאַמִינקע: מִיךְ פערדרִיסט דאָךְ אויף דִיר...

— ווער אִיז דאָ, האַ? מאַ-מע, דו בִיסט דאָ? דו זעהסט אִיהם?.. ער אִיז ווִידער דאָ... אִיךְ הער, ווי ער געהט דאָ אַרום, ער „שוועבט״, מאַמע, נִיט ער געהט, ער פלִיהט פּאַמעלִיךְ... דו זעהסט אִיהם, מאַ-מִינקע? אִיךְ ווִיל עפענען די אויגען, מאַמע, אִיךְ ווִיל אִיהם זעהן... אָט אִיז ער דאָךְ אויפ׳ן טִיש!... טאַ-טע? דער אוצר!... גִיכער, גִיכער, טאַטע, וואַרף!... אויפ׳ן בעט אַרויפגעשפרונגען-נ-נו!..

ער שפּרִינגט שוין אַראָב, אָט וועט ער נאָךְ גִיט ווערען — אַי, אַי — גִיכער!... שאַ, גוט: ער פערפּלאָנטערט זִיךְ אִין די שטרִיק אַרום די פִיסלעךְ פון בעט — מאַמע, וואַרט נִישט... צִיעל זִיךְ, אִין שפּיִץ נור טרעף!... אַי, נִישט!... ער קרִיכט שוין אַרויס... חאַפּט אִיהם: אִיבער׳ן חדר לויפט ער, ער פלִיהט אַרויף, אויפ׳ן סטעליע... אויסגעצויגען זִיךְ האָט ער... קײַנער וואַרפט נִיט?... אִיהר ווִילט נִיט קײַן אוצר?... ווִידער אויפ׳ן פּאָדלאָגע... מִיט די הענד חאַפּט, נאַראָנִים!... פאַר אַחשורש׳ן האָט אִיהר מורא? דאָס אִיז דאָךְ נִיט זײַן אוצר... אִיךְ וועל טרעפען — אִיךְ... נִישט-קשה... אִיךְ וואַרף... ווער האַלט עם מִיךְ צו?... לאָזט מִיךְ אָב, גוואַלד!... לאָזט מִיךְ!... גוואַ—אַלד!!...

# דער יחסן.

# דער יַחסָן.

דאָס געזינדעל האָט זיך אויפ'ן קליינעם אויווען פערזאַמעלט. דאָס איז אַ ניִדריגער און אַ לאַנגער אויווען, וואָס איז צוגעשפאַרט צו דער וואַנד פון דעם גרויסען קאָך־אויווען. ער דינט צום וואַרעמען זיך, זיצענדיג און ליגענדיג אויף איהם. דער קליינער אויווען איז נאָך ניט געהייצט, נור די וואַנד פון קאָך־אויווען איז וואַרעם. כמעט אַלע זענען דאָ. די מוטער, אַ ברייטליכע יודענע מיט אַ טונקעל־בלאַסען פנים, זיצט מיט צוגעמאַכטע אויגען, עטוואָס איינגעבויגען אין דער זייט. פשרא דרעמעלט זי און אפשר האָט זי בכיון צוגעמאַכט די אויגען, כדי די קינדער זאָלען איהר געבען רוה, ניט רייסען און ניט צופען. ביי איהר אין שוים האָט זיך אַ קליין יונגעל אויסגעשפרייט און מיט'ן קעפיל אָנגעשפאַרט זיך אויף איהר ברוסט און שלאָפט. דאָס יונגעל חראָפעט. דערביי זיצט אַ מיידעלע, פיער יאָהר אַלט, מיט אַ טונקעל פנימ'ל און מיט קליינע שוואַרצע גריזלעך בעשאָטען דאָס קעפיל. — זי זיצט מיט'ן פנים אומגעקעהרט צום פאָטער, און איהרע הענטלעך זענען אָנגענומען אין זיינע הענד. הינטער טאַטע־מאַמע, צו דער וואַנד צו ליעגט אויסגעצויגען אַ יונגעל פון 10־12 יאָהר און שלאָפט. די גרויסע ווייבערשע שיך אויף זיינע פיסלעך שטעקען עפעס מאָדנע אויס: די גרויסע ווייבערשע שיך דערמאָהנען, אַז דאָס יונגעל איז נאָך מיט אַ יאָהר צוריק אָבגעריסען געוואָרען פון זיין לערנען אין תלמוד־תורה, און זיך געזעצט נייהען מיט'ן טאַטען צוזאַמען. אויף זיינע קליינע פיסלעך האָט ער אָנגעטהון די גרויסע ווייבערשע שיך, צוגעהן אָבטראָגען אַרבייט און צו בעטען „עפעס געלד אויף דער הוצאָה" ביי לויב טאַנדעטניק. דאָס קליין יונגעל האָט פריה אָנגעטהון אויף זיך דעם יאָך פון „אַ גרויסען". דריונגערעמיט די עלטערע זענען דאָ אַזוי צוזאַמענגע־

מישט, אַזוי ניט אָבגעטהיילט: אויף אַלע פנים׳ר איז דער זעלבער אויסדרוק פון קעלט און אומעט.

דאָס קליין מעדעלע איז אַ בת־יחידה, דאָס איז קענטיג אַפילו אין איהרע צעריסענע, אָבער קליינע שיכעלעך, נאָך איהרע פיסלעך־נאָך. אין דער פרנסה־צייט האָט מען פאַר איהר שיכעלעך געקויפט נאָכ׳ן מאָס־נאָך. און די בת־יחידקה קוקט איצט מיט אַנ׳אומעט פון איהרע שוואַרצע אויגלעך אויפ׳ן טאַטען. און דער טאַטע, אַ קליינער מאָגערער יוד מיט אַ געדיכט פערקנייטשטען פנים און לעבעדיגע לוסטיגע אויגען — (אַנ׳אָמתר יודישער קבצן, וואָס לאַכט אויס פון הונגער און קעלט) שפּיעלט מיט דער בת־יחידקה און וויל איהר אָבנאַרען.

— וואָס זאָל מען דיר, טאָכטערקע קויפען, — זאָגט ער, — אַז עס וועט זיין געלד? — לעגט ער צו, און די אויגען בלישטשען ביי איהם פון רמאות: קויפען דיר בויגעלעך?...

— בויגעלעך, — זאָגט דאָס מעדעלע פויל.

— צי קיכעלעך? — פערהאַפּט דער טאַטע מיט אַ שמייכעל.

— קיכעלעך, — זאָגט זי נאָך ניטווילענדיג.

— בויגעלעך, צי קיכעלעך זאָל מען דיר קויפען? — פרעגט דער טאַטע אַמאָל נאָך אַמאָל, און האַלט איהר צו דאָס מויל מיט אַ האַנד, כדי זי זאָל פריהער אויסהערען און נאָכדעם ענטפערן.

— בויגעלעך... קיכעלעך... בויגעלעך... זאָגט דאָס קינד אומ־בעשלאָסען, צו וויל עס שלעפערט איהר, צו וויל דאָס יונג קינד גלויבט שוין ניט אין דעם פאָטערס האָפענונגען.

— בויגעלעך טאַקע, — מאַכט זיך דער טאַטע צופריעדען מכלומר׳שט פון איהר לעצטען ענטפער: קיילעכדיגע בויגעלעך, זיסינקע בויגעלעך...

און ער נעהמט אַריין דעם קינדס ביידע הענדטלעך צו זיך אין מויל אַריין, און קושט זיי.

דאָס קינד עפענט ברייט פונאַנדער אַווילע זיינע גרויסע טונקעלע אויגעלעך — און זיי פינקלען אַזוי, זיי זענען אויפגעלעבט!

— טאַטע, ניטאָ מעהרקיין פאָדעם, ניטאָ מעהר קיין נומער 40 צום מאַשין — זאָגט אָן חיימקע אַ יונגעל פון 16—17 יאָהר, או ער בעקומט באַלד פון טישעל אַ פערלאָשענעם פּאַפּיראָס. ער פער־רויכערט איהם פון לעמפעל, וואָס איז אַריינגעשטעלט אין אַ שטויסעל און וואָס וואַרפט קוים אַ שיין אויף די נאָהענטע וועגד דאָ אין צימער מיט צוויי ברייטע טריט קומט דער יונג צום אויוועז.

— גיב מיר אויך אַ ציה טהון, — בעט דער טאַטע.

— נאַר, איך האָב ערשט פערדויבערט, — מאַכט דער יונג מיט אַנ׳אויסרעד.

— אַ טאַטע איז קיין נאַר ניט, — שמייכעלט דער טאַטע.

— ניין, — פערריכט דער יונג,—דאָס איז ביי מיר פון פריהער געבליבען אַ האַלבער פאַפיראָס, נאַ דיר אַ ציה טהון...

און חיימקע דערלאַנגט דעם טאַטען אַ קורצען ציה-טהון פון פאַפיראָס ביי איהם אין די הענד.

— מאָרגען וועלען מיר קויפען טאַבאַק, — זאָגט דער טאַטע, אַרויסלאָזענדיג דאָס ביסעלע רויך פון מויל.

— און געלד? איך קאָן היינט ניט נייהען: עס איז קאַלט...

— איך וועל נייהען.

— און פאָדעם?

— שלום וועט קומען, וועל איך ביי איהם באָרגען אויף אַ קאַטושקע.

— ער וועט דיר געבען!

און דאָס קליין מאָגער יודעל לאָזט אַראָב זיינע לוסטיגע אויגען; ער פערשטעהט ניט, וואָס איז דאָס געוואָרען אויף אַ מאָל. עפּיס זענען היינטיגע קינדער אַזוי בייז און צורייצט פון געבוירען... דאָס קליין מיידעלע איז שוין אויך אַזוי פערטרויערט און אָנגערוקט... דאַכט זיך, אַז ער זאָל זיין אַ קינד, וואָלט ער נור געשפּיעלט און געלאַכט!

וואָס איז? היינט איז שלעכט און מאָרגען — גוט... און ווי פערשטעהען עס קינדער?...

אַ קלאַפּ אין טהיר מיט אַ שטאַרקען שטיוועל האָט איהם אָב-געריסען פון זיינע מחשבות.

— געה העלף איהם, — זאָגט ער צו חיימקען מיט אַ שטילען טאָן. געה נעהם צו די האָלץ...

—כ׳וויל ניט, מאַכט חיימקע און האָט זיך אַ וואָרף געגעבען פיר בעם און עקעל צוזאַמען.

— וועל איך געהן, נעהם זי, — האָט ער אָנגעוויזען אויף די בת-יחידקה און איז אַראָב פון אויווען. פון יענעם זייט טהיר האָבען זיך געהערט נאָך צוויי קלעפּ מיט מעהר בייזער.

„וואָס קלאַפּט ער מיט׳ן קאָפּ!...“ — האָט חיימקע געשאָלטען, און איז וואָס אַמאָל בייזער געוואָרען אויף שלום׳ן — „דער בעטלער, וואָס שלעפּט זיך אַרום איבער די הייזער“...

שלום, אַ יונגעל פון 13—14 יאָהר, נור העכער און דיקער פון חיימקען, האָט באַלד נעבען טהיר אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם באַשליק, דעם אויבערמאַנטעל, אַלעס אַ וואָרף געטהאָן אויפען פאָדלאָגע, און האָט זיך מיט אַ זייט צוגערוקט צום אויווען און גענומען קלעטערן. טיעף

אין זײַנע באַקען, אַנגעריסענע פֿון ווינד און רויטע פֿון פראָסט, האָבען געבלישצעט צוויי שמאָלע בײזע אויגען. די אויגען זײַנע האָבען אויף קײנעם ניט געקוקט, נור מיט'ן זײַט האָט ער זיך גערוקט, און געשפאַרט, און מיט די הענד אָבגעשטויסען אַ פֿרעמדע פּלײצע און פֿרעמדע פּנים.

— וואָס שטופּסט דו זיך אַזוי? — די מאַמע ליגט דאָך דאָ... האָט חײמקע אָנגעשריען.

די מאַמע האָט שוין אָפען געהאַלטען די אויגען, און דאָס קינד בײַ איהר אין שוים האָט זיך עפּיס אין ערגיץ געצויגען מיט די הענטדלעך, און דאָס יונגעל אין די גרויסע ווײַבערשע שיך האָט פֿון האַלבען שלאָף געצויגען אַ מאָדנעם קלאָנגעדיגען „אַה” אויף דעם, וואָס מען האָט איהם געשטופּט.

באַלה איז אַרײַנגעקומען דער פֿאָטער מיט אַ פּאָר העלצלעך אין די הענד און גענומען הײצען דעם אויווען.

—אַ פּאַפּיראָס?... האָט שלום אַ ציה געגעבען דעם טאַטען פֿאַר אַנ'אַרבעל.

דער טאַטע האָט אויסגעשטעלט די צונג און מיט הכנעה אויף דעם לוסטיג געמאַכטען פּנים האָט ער געוויזען, אַז ער פֿערמאָגט עס נעבעך ניט.

— גיב קויף מיר פֿאַר אַ קאָפּיקע פּאַפּיראָסען, — האָט שלום געשטויסען דעם יונגעל אין די גרויסע שיך.

דער לעצטער האָט געצויגען זײַן מאָדנע-קלאָנגענדיגען „אַה”.

— גיב דו, — האָט דער טאַטע געבעטען חײמקען.

— און וואָס קאָן ער אַלײן ניט, דער יחסן?

— נאַ, — האָט שלום איהם אַפּויסט דערלאַנגט.

— נאַ, — האָט חײמקע דאָסזעלבע געענטפֿערט.

— קריגט זיך ניט, מײַנע טהײַערע זיהן, — האָט דער טאַטע אָנגעהויבען בדחניש, און זײַנע לוסטיגע אויגען האָבען מיט רמאות געקוקט: דו ביסט בײַ מיר — אַ שנײַדער, — זאָגט ער צו חײמין,— און ער, — ווײַזט ער אָן אויף שלום'ן, — ער איז בײַ מיר — דער סוחר...

— אַ סוחר, — כעסט חײמקע: אַלע בעטלער זענען סוחרים...

דער טאַטע האָט עפּעס אַ בלענציל געטהון אַ ווײַלע מיט די לוסטיגע אויגען.

— מען דאַרף ניט זאָגען בעטלער... ער איז חלילה ניט קיין אויבינער בעטלער... איך זאָג דיר, — הויבט ער אָן מיט אַ שטאַרקערען טאָן, — אַז ער וועט זיין אַ סוחר... דערווייל רייבט ער זיך אוים אין שטאָדט... דו ביסט אַ שניידער, ווערסט דו דאָס ניט האָבען, וואָס ער וועט אַמאָל האָבען...

חיימקע האָט פערדרעהט דעם קאָפּ. ער האָט ניט געוואָלט הערען דעם טאַטענס „פוסטע רעד“, און דער לעצטער האָט נאָך און נאָך גערעדט, ווי פאַר זיך:

— איך און דו, און דער קליינער משקה זענען מיר דריי שניידער, נייהען מיר פאַר זלמן טאַנדעטניק אין קראָם, און וואָס האָבען מיר? און איין שלום געהט אַרוים אין מאַרק, ברענגט ער אַ שליטעל מיט האָלץ, אַ זעקיל מיט ברויט און אַ פּאָר קאָפּיקעס מזומן אויך... דאָס מזומן געלד פערניצט ער אויף זיך, צו ער קלויבט עס, אָבער...

— יחסן... דו ביסט דער יחסן... האָט חיימקע אַ מאַך געגעבען מיט'ן האַנד שלומ'ן איבער'ן פּנים מיט כעס און עקעל און איז אַראָבגעשפּרונגען פון אויווען.

שלום האָט אויפגעהויבען די פויסטען, נור חיים איז שוין געוועזען נעבען טישעל, און שלום האָט זיך געפוילט פון אויווען אַראָבקלעטערן און געהן אַזוי ווייט.

— גיב, איך וועל דיר קויפען פּאַפּיראָסען, — האָט דער טאַטע איבערגעבעטען שלומ'ן פאַר חיימ'ס שלעכטען בעהאַנדלען איהם.

— געה קויף, נו... האָט ער אַרויסגעברומט.

— בּאָרג מיר אויך אַ קאָפּיקע אויף פּאַפּיראָסען, און — דאָס קול האָט איהם געציטערט פאַר שרעק, צו אַרויסרעדען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט: בּאָרג מיר נאָך זיבען קאָפּיקעס אויף אַקאַטושקע... ביז מאָרגען... איך וועל דיר אָבגעבען... אַ קאָפּיקע פּראָצענט... מאָרגען וועט דאָך זלמנקע געבען געלד — איך וועל איהם נור די אַרבייט אָבטראָגען...

— יע, איך וועל דיר געבען, און ער זאָל אויף מיר זאָגען בעטלער... ער...

זיינע אויגען האָבען אַ בייזע שנאה אַרויסגעדריקט צו חיימ'ס פּלייצע.

— ער זאָגט אויף דיר גאָר נישט... און פאַרהאַן וואָס צו הערען, וואָס ער זאָגט?.. האָט דער טאַטע איהם איינגערעדט.

— איך וויל ניט!... כ'וויל ניט! כ'וויל גאָר נישט!... האָט ער אויף אַמאָל אָנגעהויבן שרייען און מיט ביידע עלענבויגענס געזעצט און געפּאַטשט הינטער זיך אין דער וואַנד אַריין און אין משקה'ן.

דאָס יונגעל האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שטאַרקען געוויין. די מאַמע האָט זיך אַ נידערגעזעצט דערשראָקען. דער טאַטע איז געשטאַנען צומישט. נור חיימקע האָט זיך אומגעקערט מיט אַ בייזען און אַלאַבערדינען פּנים. באַלד האָט ער זיך צולאַכט הויך:

— דער בן-יחיד „רוכעט" זיך...